STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10077

FUN UNDZER KVAL

Ch. M. Rothblat

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ח. מ. ראָטבלאַט

*

פון אונדזער קוואַל

ח.מ. ראָטבלאַט

פון אונדזער קוואַל

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תשכ״ז — 1967

CH. M. ROTBLAT

FUN UNDZER KWAL

I.L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv

★

ח. מ. ראָטבלאַט / פון אונדזער קוואַל
פאַרלאַג י.ל. פרץ, תל־אביב, אלנבי 31

©

נדפס בישראל תשכ״ז
Printed in Israel 1967

דפוס לינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, תל־אביב

פאָרוואָרט

אין מיינע יונגע יאָרן, ווען דער קאַמף צווישן העברעיש און יידיש איז געווען, כביכול, אַ „הייליקע" מצווה, האָב איך געחלומט און געשטרעבט צו שאַפן אַ פּאַפּירענע בריק (גשר של נייר) צווישן אונדזערע ביידע לשונות, וואָס האָבן אויסגעאיבט אַ געמיינזאַמע השפּעה אויף דער דערוואַכונג פון אונדזער פאָלק, זיי האָבן אויפגעלעבט זיין שאַפונגס־קראַפט און פאַרוואַנדלט די פאַרטריקנטע ביינער („העצמות היבשות") אין אַ לעבעדיקן גוף, די ביידע לשונות אונדזערע זענען מיר תמיד געווען טייער און ליב.

איך האָב פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אין יידיש אין פאַרשיידענע פעריאָדישע אויסגאַבן וועגן: העברעישע דיכטער, דיכטערינס, דערציילער, געלערנטע און פאָרשער, מיטן צוועק צו באַקענען די יידישע לייענער מיט דער העברעישער מאָדערנער און קלאַסישער ליטעראַטור; געהאַלטן לעקציעס, שלא על מנת לקבל פרס, אויף העברעיש וועגן די יידישע קלאַסיקער, דיכטער און דערציילער, און האָב זיך באַמיט איינצופלאַנצן רעספּעקט און ליבע צו די שאַפער פון דער יידישער ליטעראַטור. לײדער, צוליב טעכנישע מניעות, האָב איך ניט געשריבן וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין העברעיש, ווי איך האָב געוואָלט... אַזוי ווי איך האָב דאָס געטאָן אין מיין בוך „פּכים קטנים". כ'גלייב אַז מיינע אָפּגעקליבענע עסייען אויף יידיש וועגן העברעישע שאַפער, אויך די קליינע נישטיקע צאָל אָפּשאַצונגען וועגן אייניקע חשובע יידישע שאַפער פון לאָס־אַנגעלעס, פאַרדינען אָפּגעדרוקט צו ווערן אין אַ בוך. איך באַדויער וואָס צוליב טעכנישע סבות גייען ניט אַריין אין בוך די אַנדערע אָפּהאַנדלונגען וועגן יידישע שאַפער פון לאָס־אַנגעלעס.

כ'וויל האַרציק דאַנקען דעם קאָמיטעט בכלל, און זיינע פירנדיקע חברים, בפרט, וועלכע האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו שאַפן די געלט־מיטלען, און אויך אַלע מיינע חברים און פריינד, וועלכע האָבן בייגעטראָגן זייער חלק צום פאָנד פאַר דער פובליקאַציע פון מיין בוך; הלואי זאָלן זיי באַלוינט ווערן פאַר זייער איבערגעגעבנקייט מיט אַ קאַפּיטשקע נחת.

מיין בוך איז כולל אַרטיקלען וועגן: תנ"ך, מיטלאַלטערלעכע ליטעראַטור און אָפּשאַצונגען וועגן אַ טייל שאַפער פון העברעישע מאָדערנע דיכטער, דערציילער, געלערנטע און דענקער, און אַרטיקלען וועגן יידישע שאַפער, דעריבער האָב איך דאָס בוך אַ נאָמען געגעבן: „פון אונדזער קוואַל".

✶

צוליב אומאָפּהענגיקע פון מיר סיבות, האָב איך, לײדער, ניט געקאָנט אָנגעבן קיין דאַטעס אונטער די אַרטיקלען, וועלכע זענען געוואָרן געשריבן אין פאַרשידענע צייטן.

ד ע ר מ ח ב ר

תנ״ך — אוניווערסאַל און קלאַסיש

דער תנ״ך — אַן אוניווערסאַל און אייביק ווערק

דער תנ״ך איז, אָן שום ספק, דער געטלעכסטער, געניאַלסטער און קלאַסישסטער ספר פון דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור, און ניט אומזיסט האָט ער זיך דערוואָרבן דעם נאָמען „ספר־הספרים״. ער איז ניט פאַרעלטערט געוואָרן אין לויף פון דער צייט, ער האָט ניט אָנגעוואָרן זיין יוגנט־רייץ און חן.

וואָס זיינען די מעלות פון תנ״ך?

דער מחבר פון דעם אַרטיקל פרעטענדירט ניט צו געבן אַן אַלזייטיקן וויסנשאַפטלעכן ענטפער אויף דער פראַגע, ווייל דאָס איז ניט מעגלעך צו טאָן אין אַ קורצן אַרטיקל. מיין ענטפער וועט דעריבער זיין אַ סוביעקטיווער ענטפער, אָן וויסנשאַפטלעכע פרעטענזיעס.

די מעלות פון תנ״ך זיינען לויט אונדזער מיינונג די פאָלגנדיקע:

א. פאַרשידנפאַרביקייט, ב. די סינטעזע פון אוניווערסאַליזם און נאַציאָנאַליזם, ג. אַלטרויזם, ד. די הויכקייט פון מענטש, ה. דאָס שטרעבן צו פערפעקציע, ו. יידישע ספעציפישקייט, ז. פאָלקס־ספר.

מיר וועלן זיך באַמיען צו דערקלערן קורץ און זאַכלעך יעדן פונקט באַזונדער.

א. פאַרשידנפאַרביקייט — דער תנ״ך איז ניט קיין מאָנאָטאָנער ספר, וועלכער באַשעפטיקט זיך אויסשליסלעך מיט איין פאַזע פון מענטשלעכן דענקען אָדער פון מענטשלעכע עמאָציעס. ער איז פאַרשידפאַרביק און אַל־זייטיק. ער איז קודם־כל דער גרעסטער ספר פון דער רעליגיעזער וועלט־ליטעראַטור, ווייל ער איז דער גרעסטער דאָקומענט פון דער מאָנאָטעיסטי־שער וועלט־אַנשויונג — אין קיין ספר ווערט ניט אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט דער גלויבן אין אחדות הבורא ווי אין תנ״ך; און קיין ספר איז ניט אַזוי דורכגעדרונגען מיט געטלעכער דבקות, ווי דער ספר התהלים.

דער תנ״ך איז ניט נאָר אַ רעליגיעזער ספר, נאָר אויך אַן עטישער ספר, אָדער ריכטיקער געזאָגט: דער ספר פון מענטשלעכער עטיק. ניטאָ אַ ספר, וועלכער זאָל זיין אַזוי אָנגעהויכט מיט רחמנות־געפיל צו דעם אונטער־דריקטן, שוואַכן און אָרעמען, ווי דער תנ״ך; און פון דעסטוועגן וואָרנט אונדז די תורה, האָבן מיר קיין רעכט ניט צו פאַרבויגן די גערעכטיקייט לטובת דעם אָרעמאַן: „ודל לא תהדר בריבו״ (דו זאָלסט דעם אָרעמאַן ניט באַשיינען אין זיין קריג).

שטיצן אַן אָרעמאַן איז לויט דער תורה ניט קיין חסד, נאָר אַ הייליקע מענטשלעכע פליכט, און דער תלמודישער פרינציפּ פון „כופין לצדקה״, אַז מ׳קאָן צווינגען אַ מענטשן צו טאָן זיין פליכט צו זיין ברודער, צו זיין מיט־מענטש, איז אַ לאָגיש־קאָנסעקווענטער געזעץ און איז אין גאַנצן אין גייסט פון תורת משה.

די געזעצן פון שמיטה און יובל, וועלכע האָבן באַצוועקט אויסצוואָרצלען ביים מענטשן דעם עגאָיסטישן פּרינציפּ פון פּריוואַט־אייגנטום, זיינען נאָך פאַרלויפיק צוקונפטס־מוזיק, און ווער ווייס צי די מענטשהייט וועט אַ מאָל זיך קענען דערהויבן צו אָט דער אידעאַלער עטישער הויכקייט.

דער תנ״ך איז ניט נאָר אַ רעליגיעז־עטישער ספר, נאָר אויך אַ קוואַל פון געשיכטע און איז נאָך אַלץ דער בעסטער מקור פאַר אַמאָליקער אָריענ־טאַלער געשיכטע בכלל, און פאַר יידישער געשיכטע בפרט; מ׳קאָן וועגן זיינע געשיכטלעכע מקורות זאָגן דאָס זעלבע, וואָס דער תלמוד זאָגט וועגן דער גאָטהייט: „חותמו של הקב״ה — אמת״ (גאָטס חתימה איז אמת). די רעדאַקטאָרן פון תנ״ך האָבן ניט פאַלסיפיצירט קיין פאַקטן, בכדי ריינצווואַשן אונדזערע נאַציאָנאַלע העלדן און גדולים. אַלס ביישפּיל קענען אונדז דינען די דער־ציילונגען וועגן יהודה און תמר, ראובן און בלהה, דוד און בת־שבע. נאָר אין די שפּעטערדיקע דורות האָבן די חכמי התלמוד פּראָבירט ריינצווואַשן אונדזערע גדולים פון זייערע חטאים, אָבער אויך זיי האָבן, חלילה, ניט באַהאַלטן פון עולם די אמתע פאַקטן, און מ׳האָט זיי ניט אָפּגעמעקט פון אונדזערע היסטאָרישע ספרים.

דער תנ״ך איז אויך אַ קוואַל פון פאָלקלאָר, ניט נאָר פון ספּעצי־פישן יידישן פאָלקלאָר, נאָר אויך פון אָריענטאַלישן פאָלקלאָר — ער איז רייך אין שפּריכווערטער, אַפאָריזמען, משלים, וועלכע אַנטפּלעקן

פאַר דעם לייענער גאַנצע אוצרות פון פאָלקס־חכמה און פאָלקס־פּסיכיק.

דער תנ״ך איז אויך אַ געניאַל קונסטווערק, הגם דאָס איז ניט זיין הויפּט־מעלה, איז ער אָבער ניט נאָר ניט הינטערשטעליק אין פּרט פון קונסט און פּאָעזיע, נאָר טאָקע אַ מוסטער פאַר אמתער קלאַסישער ליטעראַטור. איר געפינט אין תנ״ך כמעט אַלע פאָרמען פון ליטעראַטור: עפּאָס — אין די ספרים בראשית, שמות, במדבר, דברים; ליריק — אין ספר תהלים, וועלכער איז ביז דעם היינטיקן טאָג דער קלאַסישער מוסטער פון אמתער ליריק, און אויך אין אַנדערע טיילן פון תנ״ך. און די ליריק פון תנ״ך איז אַ פאַר־צווייגטע. איר געפינט די אָדע, צום ביישפּיל, אין „אז ישיר״, אין „שירת חנה״, די עלעגיע — אין ספר איכה, די אידיליע — אין ספר רות, און אַפילו די דראַמע געפינט איר — אין דעם ספר איוב, ווו עס קומט צום אויסדרוק דער אייביקער געראַנגל צווישן גאָט און מענטש.

דער תנ״ך איז אויך רייך אין דערהויבענע געדאַנקען, וועלכע קאָנען און דאַרפן אויפהויבן דעם מענטש צו די העכסטע הויכקייטן. ס׳איז אוממעגלעך צו באַהאַנדלען זיי באריכות צוליב קורצקייט אין פּלאַץ. מיר וועלן נאָר מרמז זיין אויף אייניקע פון זיי און „ואידך זיל גמר״, זאָל דער פאַראינטערעסירטער לייענער אויסגעפינען אַליין, דורך לערנען דעם תנ״ך.

ב. דער סינטעז פון אוניווערסאַליזם און נאַציאָנאַליזם — דער תנ״ך איז, אָן שום ספק, אַדורכגעדרונגען מיט ליבע און רעספּעקט צום יידישן פאָלק און איז אָנגעהויכט מיט דער אידעע פון יידישער אויסדערוויילטקייט, אָבער זיין נאַציאָנאַליזם איז ווייט פון שאָוויניזם, און זיין העכסטער אויסדרוק איז דער אוניווערסאַליזם אין דעם זין פון מענטשלעכער פאַרברידערונג, וועלכע האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט אין די צוקונפטס־וויזיעס פון מיכה און ישעיהו.

ג. אַלטרויִזם — דער ספר התנ״ך איז אַדורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון אַלטרויִזם, וועמענס יסוד איז: „הלא אב אחד לכלנו, הלא אל אחד בראנו״ (איז ניט איין פאָטער ביי אונדז אַלעמען? האָט אונדז ניט איין גאָט באַשאַפן?) אַלע מענטשן זיינען קינדער פון איין טאַטן, וועלכער איז דער באַשעפער פון דער וועלט און אַלע זיינען באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס געשטאַלט און אין זיין פאָרעם, און דעריבער איז די לאָגישע קאָנסעקווענץ, אַז יעדער מענטש דאַרף ליבן זיין מיטמענטש, „ואהבת לרעך כמוך״. ס׳איז דעריבער גאַנץ

באַטירלעך און פאַרשטענדלעך, אַז די תורה האַלט אין איין לערנען אונדז די הייליקע מצווה פון ליבע צום פרעמדן, „ואהבתם את הגר", און באַטאָנט דעם פּרינציפּ פון „חקה אחת לגר ולאזרח הארץ" „איין געזעץ פאַר דעם פרעמדן און פאַר דעם בירגער פון לאַנד", וויילביידע זיינען דאָך קינדער פון איין גאָט!

ד. די הויכקייט פון מענטש — אויב אַלע מענטשן זיינען גאָטס קינדער, איז דאַכט זיך שוין איבעריק צו באַטאָנען, אַז דער מענטש פאַרנעמט זייער אַ חשובן פּלאַץ אין דער תנ"כישער וועלט־אַנשויונג. דער געטלעכער משורר פון תהלים שטעלט אַוועק דעם מענטש אויפן העכסטן שטאַפּל — „ותחסרהו מעט מאלהים" — עטוואָס קלענער פון גאָט אַליין, און איינער פון אונדזערע גרעסטע תנאים, ר' עקיבא, זאָגט: „חביב אדם שנברא בצלם" — באַליבט איז דער מענטש, ווייל ער איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פאָרעם.

ה. דאָס שטרעבן צו פּערפעקציע — דער תנ"ך האָט אַוועקגעשטעלט דעם מענטשן אויף דער העכסטער מדרגה, אָבער פולקאָמענהייט האָט זי אים ניט געגעבן, ווייל פולקאָם איז נאָר די גאָטהייט אַליין. אין וואָס באַשטייט די אויפגאַבע פון דעם מענטש? דאָס שטרעבן צו פולקאָמענהייט, צו פּערפעקציע: „קדשים תהיו כי קדוש אני ד' אלהיכם" (הייליק זאָלט איר זיין, וואָרום איך, אייער גאָט, בין הייליק) און דעריבער האָט דער ייד אין לויף פון זיין געשיכטע, וועלכע איז אין איר מהות, אַ געשיכטע פון בלוט און טרערן, פון פּיין און ליידן, ניט געוואָלט אָנערקענען די געטלעכקייט פון קיין מענטשן, ווייל קיין ילוד אשה איז ניט פולקאָם...

ו. יידישע ספּעציפישקייט — דער אינהאַלט און די פאָרעם פון תנ"ך האָבן אים דערהויבן צום אוניווערסאַלסטן ספר פון דער וועלט־ליטעראַטור: ניטאָ כמעט קיין ליטעראַטור, וואָס פאַרדינט דעם נאָמען ליטעראַטור, וועלכע האָט ניט איבערגעדיכטעט דעם תנ"ך, און ס'איז כמעט ניטאָ קיין פאָלק, וואָס ציט ניט זיין גייסטיקע יניקה פון אונדזער תנ"ך.

ז. פאָלקס־ספר — דער תנ"ך איז די קאָלעקטיווע שאַפונג פון יידישן פאָלק, און אַ דאַנק אָט דער אייגנשאַפט איז ער געוואָרן דער אמתער פאָלקס־ספר, און אַזוי ווי דער מן וואָס האָט געהאַט אַלע טעמים, און יעדער האָט געקאָנט צופרידנשטעלן מיט אים זיין אינדיווידועלן געשמאַק, אַזוי איז אויך דער ספר התנ"ך: דער פשוטער ייד, וועמענס קולטור־ניוואָ איז אַ נידעריקער

און זיין געשמאַק איז ניט קיין ראַפינירטער, קאָן פאַרכאַפּט ווערן פון די פשוטע, תמימותדיקע דערציילונגען וועגן די אבות און אונדזער העלדן, און פון די לירישע אויסגוסן פון תהלים; דער אינטעליגענטער ייד וועט דאָך זיכער געפינען אין תנ״ך אַן אוצר פון געדאַנקען, אידעאַלן און אידעען, וועלכע וועלן אים אינספּירירן צו די עולמות העליונים פון דער תנ״כישער הומאַניטאַרער וועלט־אַנשויונג. לאָמיר זיך צוריקקערן צו אונדזער ספר הספרים — הפך בו והפך בו דכולא בו! לייענט, לערנט דעם תנ״ך, איר וועט זיך באַרייכערן גייסטיק אָן אַ שיעור.

די קינסטלערישע אייגנשאַפטן פון דער תנ״ך־דערציילונג

די רעליגיעזע און עטישע ווערטן פון תנ״ך האָבן פאַרטונקלט זיין קינסטלערישע גרויסקייט. מיר האָבן אַ גרויסן אויסוואַל פון ספרים, וועלכע אַנאַליזירן אויף אַ גרינטלעכן אופן יעדע פאַזע פון דער תנ״כישער וועלט־אַנשויונג — זיין עטיק, זיינע רעליגיעזע פּרינציפּן, זיין מאָראַלישן איינפלוס אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט, זיין ביישטייער צו דער וועלט־קולטור און רעליגיעזער קולטור פון די אומות העולם, — אָבער זייער קליין איז די צאָל ספרים, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט דער עסטעטישער אָפּשאַצונג פון תנ״ך. בעיקר איז דאָס אמת אין אונדזער ליטעראַטור אויףביידע שפּראַכן העברעיש און יידיש. מיר האָבן זיך, כמעט, ניט באַשעפטיקט מיט די עסטעטישע אייגנשאַפטן פון תנ״ך און מיר האָבן שרעקלעך פאַר־נאַכלעסיקט דעם צווייג פון דער תנ״ך־פאָרשונג.

אמת, אין די לעצטע יאָרן זיינען דערשינען אַ קליינע צאָל ספרים, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט די פּאָעטישע גרונטפּרינציפּן פון תנ״ך, ווי למשל, דאָס באַוווּסטע ספר פון פּראָפ. דוד יעלין „לתורת המליצה בתנ״ך״, אָבער אויך ער באַשעפטיקט זיך הויפּטזעכלעך מיט די פּאָעטישע ספרים פון דעם נ״ך (נביאים אחרונים און כתובים), אָבער ניט מיט דער דערציילונג. מיר, דאַקעגן, וועלן פּרובירן, אין די ראַמען פון אַ קורצן אַרטיקל, באַהאַנדלען אויסשליסלעך די קינסטלערישע אייגנשאַפטן פון דער תנ״ך־דערציילונג...

אייניקע פאָרשער, וועלכע מינימיזירן דעם עסטעטישן ווערט פון דעם תנ״ך, טענהן, אַז דער תנ״ך איז ניט קיין גרויס קונסט־ווערק, ווייל ער איז טענדענציעז, און זייער מיינונג איז, אַז יעדע טענדענץ איז אַ פּסול אין דער ספערע פון קונסט.

מיר גלייבן, אַז די טענה האָט ניט קיין גרונט, ווייל ווען אַפילו מיר זאָלן מסכים זיין מיט די אויבענדערמאָנטע הנחה וועגן טענדענץ, דאַרפן מיר

קודם־כל אַנאַליזירן דעם מהות פון די טענדענצן, וועלכע פסלן אַ קונסטווערק און זען צי די טענדענצן געפינען זיך אין דער תנ״ך־דערציילונג.

מיר גלייבן, אַז בדרך כלל קאָנען די טענדענצן איינגעטיילט ווערן אין צוויי קאַטעגאָריעס: א) די דרויסנדיקע, אָדער די פּאָליטישע טענדענץ. ב) די אינערלעכע, אָדער מאָראַלישע טענדענץ.

די פּאָליטישע טענדענץ פאַרשקלאַפט דעם שאַפער און באַרויבט אים די נויטיקע פרייהייט צו זען די וועלט, די געזעלשאַפט אין אירע גרעאַנגלען מיט זיין אייגנאַרטיקן קינסטלערישן בליק, ער מוז שפּרינגען „קדוש״ צום פּייפעלע פון די הערשער, גלאָריפיצירן און פאַרגעטערן די הערשענדיקע וועלט־אָנשויונג, און אָפט מאָל שילטן די, וועלכע אין די טיפענישן פון זיין נשמה ווילט זיך שטאַרק בענטשן, און דערפאַר איז אַזאַ דרויסנדיקע צוואַנגס־טענדענץ שעדלעך און פאַרברעכעריש.

אין אַזאַ צוואַנגס־מצב לעבן די קינסטלער אין אַלע דיקטאַטאָרישע מדינות, משלים און באַלייכטונגען זיינען איבעריק, ווייל די פאַקטן זיינען צו גוט באַוווסט — קיין קינסטלער אין דייטשלאַנד, איטאַליע, און אפילו אויך אין רוסלאַנד וואָלט ניט געהאַט די קינסטלערישע „חוצפה״ צו פאַרעפנטלעכן אַ ווערק, וואָס זאָל וואַרפן אַ שאָטן אויפן הערשנדיקן רעזשים, ווייל ער וואָלט באַצאָלט פאַר דעם „פאַרברעכן״ מיט זיין קאָפּ.

די מאָראַלישע טענדענץ אָבער, וואָס פליסט פון די טיפענישן פון דעם קינסטלערס נשמה און גלויבן, איז ניט קיין פסול, נאָר פאַרקערט, אַ ברכה פאַר דעם שאַפער אין זיין ווערק, ווייל זי דערהייבט אים און באַפליגלט זיין מוזע, פאַרוואַנדלט דעם קינסטלער אין אַ זעער, וויזיאָנער און וועגווייזער ניט נאָר פאַר זיין דור און פאָלק, נאָר פאַר אַלע דורות און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

ביאַליקס פלאַמפייערדיקע ליבע צו זיין געפייניקט און אומגליקלעך פאָלק, לייוויקס סאָציאַל־עטישער באַוווסטזיין קאָנען דינען אַלס אילוסטראַציע צו אונדזער הנחה.

די דערציילונגען אין תנ״ך זיינען פריי פון פּאָליטישע טענדענצן און באַגרענעצונגען און זיי זיינען אַ מוסטער פון אומפּאַרטייאישקייט און פון אי־דעאַלן אמת. די העלדן פון תנ״ך ווערן ניט געשילדערט ווי מלאכים־געשטאַלטן, ווי סימבאָלן פון פּערפעקציע און שלימות, נאָר ווי פולבלוטיקע

בשר ודמס, וועלכע זיינען גאָרניט פריי פון פעלערן און שלעכטע מידות, און קיינער האָט זיך ניט באַמיט זיי ריינצוּוואַשן פון זייערע מאָראַלישע פלעקן דורך אויסמעקן אָדער פאַרדרייען די פאַקטן, וועלכע וואַרפן אַ שאָטן אויף זייער פערזענלעכקייט. מיר האָבן ניט אויסגעמעקט די דערציילונגען וועגן די באַציונגען פון יהודה און תמר, פון ראובן און בלהה, פון דוד און בת שבע, כאָטש זיי פאַרטונקלען, אין אַ געוויסער מאָס, די העלדנס אידעאַלע געשטאַלט.

די דערציילונגען פון תנ״ך, וועלכע זיינען פריי, ווי שוין געזאָגט, פון פּאָליטישע הערשענדיקע טענדענצן, זיינען אָבער דורכגעדרונגען מיט דריי אינערלעכע טענדענצן, וועלכע זיינען זייער נשמה און טרייבקראַפט: א) די גאָט־טענדענץ, אָדער די השגחה־טענדענץ, ב) די מאָראַלישע טענדענץ און ג) די נאַציאָנאַלע טענדענץ.

די אויבנדערמאָנטע טענדענצן זיינען דורכגעפלאָכטן און אַריינגעוועבט אין דער פאַבולע פון דער תנ״ך־דערציילונג, און אַ דאַנק זיי, איז זי פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ קלאַסישן מוסטער פאַר די געניאַלע קינסטלער און דערציילער פון אַלע דורות. ניט איין דערציילער האָט צעבראָכן זיין פען, שטרעבנדיק איבערצושאַפן געוויסע תנ״ך־געשטאַלטן און פּאַסירונגען, נאָר יחידי סגולה האָבן זיך דערהויבן אין זייערע תנ״ך־שאַפונגען צום קינסטלע־רישן ניוואָ פון דער תנ״ך־דערציילונג.

די קאָלעקטיווע שאַפער פון די תנ״ך־דערציילונגען זיינען געווען באַ־הערשט פון דער מאָנעטעיסטישער וועלט־אַנשויונג און פון דעם גלויבן, אַז דער „יחיד שאין כיחודו״ איז דער איינציקער מנהיג פון דער וועלט, און זיין הנהגה איז די פאַרקערפערונג און דער סימבאָל פון דעם מאָראַלישן און עטישן געזעץ, און ישראל איז זיין אויסדערוויילט קינד, צו וועמען דאָס אויסדערוויילטע לאַנד איז געשאָנקען געוואָרן, בכדי ער זאָל דאָרט לעבן אַ מאָראַליש געטלעך־עטיש לעבן, און טאָמער, חלילה וועט ער אָפּנויגן פון זיין אויסדערוויילטן וועג, וועט דאָס אויסדערוויילטע לאַנד אים אויסשפּייען.

דאָס איז די דרייפאַכיקע דאָמינירנדיקע טענדענץ פון דער תנ״ך־דער־ציילונג, און דערפאַר איז קיין חידוש ניט, וואָס די שאַפער פון דער תנ״ך־דערציילונג ווידמען אַזוי פיל פּלאַץ די דערציילונגען פון דוד און בת־שבע, פון אחאב און נבות און גאַנץ ווייניק פּלאַץ די דעראָבערונגס־דערציילונגען פון דודן, כאָטש זיי האָבן אַ שטאַרקן פּאָליטישן באַדייט.

וועלכע זיינען די קינסטלערישע הויפּטאייגנשאַפטן פון דער תנ״ך־דערציילונג?

אונדז דאַכט זיך, אַז די סאַמע וויכטיקסטע אייגנשאַפט פון דער תנ״ך־דערציילונג איז פּשטות, וועלכע באַשטייט פון דריי עלעמענטן: א) אינטעלעקטועלע פּשטות, ב) פּשטות פון דער פאַבולע און טעמאַטיק, ג) פּשטות פון סטיל.

וואָס מיינען מיר מיט דעם באַגריף פון אינטעלעקטועלער פּשטות?

אויסער די אויבענדערמאָנטע טענדענצן וועלכע זיינען ווי געזאָגט, די טרייבקראַפט פון דער תנ״ך־דערציילונג, איז די תנ״ך־דערציילונג אין אירע בעסטע מוסטערן, פריי פון מיסטישע אַנדייטונגען, פון מעטאַפיזישער אַרגומענטאַציע, פון מיטאָלאָגישע געשטאַלטן, זי איז דערפאַר אין איר עצם מהות רעאַליסטיש, לעבעדיק און פולבלוטיק. אירע העלדן פילאָזאָפירן ניט, שוועבן ניט צווישן הימל און ערד, נאָר שטייען מיטביידע פיס אויף דער ערד, פירן אַ נאָרמאַל־געזונטן לעבן, געניסן מענטשלעך־ערדיש דאָס לעבן, זינדיקן צו צוביסלעך, און טוען אויך גוטע מעשים — ווי יעדער געזונטער, נאָרמאַלער בשר ודם.

און אַזוי איז אויך די פאַבולע פון דער תנ״ך־דערציילונג: די אַקציע איז איינפאַך־מענטשלעך, ניט פאַרפּלאָנטערט־קאָמפּליצירט, און דער לייענער קאָן זיך לייכט אָריענטירן אין דעם געראַנגל פון די געשעענישן, קאָן זיך אויסמאָלן אין זיין פאַנטאַזיע די געשטאַלטן און די העלדן פון דער תנ״כישער דערציילונג, מיטלעבן און איבערלעבן אַלע זייערע קאַמפן, געראַנגלען, פריידן און ליידן, און די איבערלעבענישן פון דעם לייענער ווערן אַ דאַנק דער איינפאַכקייט פון דער פאַבולע, אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין „איך״.

די איינפאַכקייט פון סטיל באַשטייט אין דער געלויפיקייט, שנעלקייט און צמצומדיקייט פון דער פאַבולע, וועלכע ווערט ניט געשטערט פון איבעריקע נאַטור־שילדערונגען, וועלכע זיינען ניט קיין אָרגאַנישער טייל פון דער דערציילונג, און די האַנדלונג ווערט אויך ניט איבערגעריסן פון איבעריקע שילדערונגען, וועלכע זיינען נאָר אַ לאַסט פאַר דעם לייענער און שטערן אים אין דעם פּראָצעס פון זיין פּסיכאָלאָגישער פאַראייניקונג מיט די העלדן פון דער דערציילונג.

די תנ״ך־דערציילונג איז איינפאַך, אָבער שטאַרק דראַמאַטיש; די דראַ־

מאַטישקייט פון דער תנ״ך־דערציילונג איז אַ שטילע, געצוימטע, אָבער זי שטורעמט אויף די טיפעניש פון דער נשמה, זי קריצט זיך איין אין באַ־ ווסטזיין פּאַמעלעך און מעכטיק און איז זיך מתדבק מיט אייער „איך" אויף אַן אומזעבאַרן אופן. זי וועבט געהיימע מיסטעריעזע נשמה־פעדעם צווישן דער דראַמאַטישער פּערזענלעכקייט און דעם, אַזוי צו זאָגן, צושויער און לייענער. אַלס ביישפּיל קאָנען אונדז דינען די דראַמאַטישע דערציילונגען פון מכירת־יוסף, אָדער די דערציילונג וועגן דעם אבשלום־אויפשטאַנד, ווו יעדע שורה איז אָנגעפּיקעוועט מיט דראַמאַטישער אינטענסיווקייט.

די אַקציע פון דער תנ״ך־דערציילונג איז פיבעריש־שנעל, איין האַנדלונג יאָגט זיך נאָך דער צווייטער, אָבער זיי זיינען אָרגאַניש צוזאַמענגעפלאָכטן און פאַרקניפּט.

ניט קיין ווונדער, אַז די דראַמאַטישע דערציילונגען פון תנ״ך האָבן גע־ רייצט און אָנגערעגט די פאַנטאַזיע און דעם שאַפונגס־דראַנג פון פיל קינ־ סטלער אין כמעט אַלע צייטן.

איבער די דערציילונגען פון תנ״ך איז אויסגעגאָסן דער גייסט פון צניעות. העכסט־ראַפינירט זיינען די דערציילונגען וועגן דער געשלעכטלע־ כער באַציִונג צווישן יהודה און תמר, און אַפילו די דערציילונג וועגן אמנונס ברוטאַלער פאַרגוואַלדיקונג פון זיין שטיף־שוועסטער תמר רעגט ניט און וועקט ניט די געשלעכטלעכע אינסטינקטן פון דעם לייענער, זי וועקט בײַ אים האַס צו דעם פאַרגעוואַלדיקער אמנון, מיטלייד צו זיין באַליידיקטער פאַרשוועכטער שטיף־שוועסטער תמר; זי וועקט ווידערווילן און פאַראַכטונג צו געשלעכטלעכער ברוטאַלישקייט, אָבער בשום אופן ניט די נידעריקע געשלעכטלעכע געפילן. באַשיידן צניעותדיק איז די תנ״ך־דערציילונג, אָבער ניט היפּאָקריטיש־צביעותדיק; מ׳שעמט זיך ניט מיט דעם מענטשלעכן, געזונטן געשלעכטלעכן דראַנג, אַזוי ווי מ׳שעמט זיך ניט מיט דעם געפיל פון הונגער און דורשט. און ווי שיין ראַפינירט זיינען די אויסדרוקן פון גע־ שלעכטלעכע באַציונגען אין דער תנ״כישער דערציילונג: „ויבא אליה" — און ער איז געקומען צו איר; „והאדם ידע את חוה אשתו" — און דער מענטש האָט דערקענט זיין ווייב חווהן, א.אז.וו.

אייגנאַרטיק און אָריגינעל איז אויך דער פּסיכאָלאָגישער צוגאַנג פון דער תנ״ך־דערציילונג; די שאַפער פון דער תנ״ך־דערציילונג זיינען געווען

פּסיכאָלאָגן; ווי האָבן אַנטפּלעקט די תהומות פון די מענטשלעכע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן אויף אַ קינסטלערישן אופן, איר ווערט אָפט מאָל דערשטוינט פון זייער טיפן אַריינבליק און פאַרשטענדעניש אין די סאַמע קאָמפּליצירטסטע פּסיכישע צושטאַנדן; איר ווערט פאַרגאַפט פון דער געשיקטקייט פון דער באַהאַנדלונג פון פאַרפּלאָנטערטע פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען און סיטואַציעס.

אַלס ביישפּיל קען אונדז דינען די שוין אויבנדערמאָנטע דערציילונג וועגן דעם אבשלום־אויפשטאַנד, ווו דער אומבאַוווסטער מחבר פון דער דער־ציילונג שילדערט אונדז מיט עפּישער רויִקייט די נשמה־קאָנפליקטן פון דעם טראַגישן קעניג, דוד, וועלכער שיקט זיינע גענעראַלן צו קעמפן מיט זיין פאַררעטערישן זון אבשלום און ער בעט זיך ביי זיי „לאַט לי לנער״ (זייט געלאַסן מיט דעם יונג). זיין האַרץ ווערט צעריסן פון צוויי קעגנזעצלעכע געפילן: דער נקמה־דראַנג פון אַ קעניג, וועלכעס איז פאַרליבט אין זיין טראָן, און דאָס אומענדלעכע רחמנות־געפיל פון אַן אומגליקלעכן פאָטער, וועלכער מוז פאַראורטיילן צום טויט זיין פאַררעטערישן זון.

און נאָך שטאַרקער און מעכטיקער ווערט בולט פאַר אייך דער נשמה־קאָנפליקט פון קעניג און פאָטער, ווען דער מחבר דערציילט אַזוי פּשוט און דאָך אַזוי טיף־רירנדיק וועגן דעם טראַגישן טויט פון אבשלומען און די ווירקונג וואָס דאָס האָט געהאַט אויף דעם אומגליקלעכן פאָטער: „האָט דער מלך אויפגעציטערט, און ער איז אַרויפגעגאַנגען אין דער אויבערשטוב פון טויער, און האָט געוויינט; און גייענדיק האָט ער אַזוי געזאָגט: מיין זון אבשלום, זון מיינער, אבשלום מיין זון! הלוואי וואָלט איך געשטאָרבן אָנ־שטאָט דיר, אבשלום מיין זון, זון מיינער״.

אין די אויבן־ציטירטע ווערטער שילדערט דער מחבר די טראַגעדיע פון אַ פאָטער, וועמענס זון האָט אים געוואָלט אומברענגען און פאַרניכטן, און ווען ער דערוויסט זיך וועגן דעם אומקום פון זיין זון דעם פאַררעטער, ווערט ער באַהערשט פון איין־איינציקן געפיל: „בעסער וואָלט ער אומגעקומען אָנשטאָט זיין זון״!

דער מחבר אַנאַליזירט ניט דעם טראַגישן פּסיכישן צושטאַנד פון דעם קעניג דוד, בשעת ער דערוויסט זיך וועגן דעם טויט פון זיין פאַררעטערישן זון, און פון דעסטוועגן ווערט דער לייענער אויפגעציטערט פון דער טראַ־געדיע.

די תנ״ך־דערציילונג פאַראייניקט, אין אירע בעסטע מוסטערן, די צמצומדיקייט, רויִקייט און בולטקייט פון עפּיק און די האַרציקייט פון ליריק, זי באַהערשט דערפאַר אונדזערע עמאָציעס און געפילן, זי באַפרוכפּערט אונדזער פאַנטאַזיע, זי באַפליגלט אונדזער שווונג, זי באַצויבערט אונדז מיט איר פשטות און צווינגט אונדז ממש איבערצולעבן די פּאַסירונגען און געשעענישן, דיליידן און פריידן פון די תנ״כישע העלדן, גלייך ווי דאָס וואָלט איצטער פּאַסירט. דער לייענער ווערט אַ מיטשאַפער און אַ דערגענצער צו דער דערציילונג און אַ דאַנק דער אייגנשאַפט פאַרקניפּט ער זיך מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון זיין פאָלק און מיט אירע העלדן און ווערט אַן אינטעגראַלער און אָרגאַנישער טייל פון דער קאָלעקטיווער נאַציאָנאַלער עפּאָפּעע, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין דער תנ״ך־דערציילונג.

מגילת רות

(אייניקע שטריכן וועגן אירע קינסטלערישע אייגנשאַפטן)

מגילת רות איז אַ קליין ספרל, וואָס באַשטייט אין גאַנצן פון פיר קאַפּיטלעך, אָבער איר קינסטלערישער ניוואָ איז גאָר הויך; מגילת רות איז די קרוין פון דער תנ״ך־דערציילונג און איז אַ קלאַסישער מוסטער פון דער אידיליע. זי האָט באַצויבערט די גרעסטע וועלט־קינסטלער פון וואָרט און פון פלאַסטישער קונסט און האָט זיי אָנגערעגט אין זייערע שאַפונגען.

וואָס זיינען אירע הויפּט־מעלות?

פּשטות פון דער פאַבולע, שנעלקייט און אינטענסיווקייט פון דער אַקציע, דראַמאַטישקייט, אומדירעקטער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז, אומדירעקטע כאַראַקטעריזאַציע און שילדערונג פון די הויפּט־העלדן, פּרימיטיווער לעבנסשטייגער און הויכע קינסטלערישע ראַפינירטקייט.

די פאַבולע פון מגילת רות איז פּשוט, כאָטש זי נעמט אַרום פאָלגנדיקע ענינים: הונגער אין ארץ־ישראל, די אויסוואַנדערונג פון אלימלכס פאַמיליע צוליב דעם הונגער נאָך מואב, די טראַגעדיע פון נעמיס אלמנהשאַפט אין אַ פרעמד לאַנד, די חתונה פון אירע זין מיט מואבישע פרויען, דער טויט פון אירע ביידע זין, דער באַשלוס זיך צוריקצוקערן קיין ארץ־ישראל, די שיידונג פון נעמי מיט איר שנור ערפּה און די באַהעפטונג פון רות מיט איר שוויגער נעמי, דער צוריקקער קיין ארץ־ישראל און די באַגעגעניש מיט די איינוואוינער פון איר געבורט־שטעטעלע, אַמאָליקע עשירות און איצטיקער דלות, נעמיס זאָרג פאַר דער צוקונפט פון איר געטרייער און איבערגעגעבענער שנור רות, דער שניט פון גערשטן, די ערשטע באַגעגעניש פון בועז מיט רותן, די באַגעגעניש אין שייער, בועז און פלוני־אלמוני אין טויער פון שטאָט און די פּרימיטיווע שילדערונג פון אויסלייזן, די חתונה פון רות מיט בועז, די געבורט פון אַ קינד, נעמיס טרייסט.

די רייכקייט און פאַרשידנפאַרביקייט פון דער פּאַבולע און די קורצקייט פון דער מגילה האָבן געצווונגען דעם אַנאָנימען מחבר, וועלכער איז געווען אַן ערשטקלאַסיקער קינסטלער פון וואָרט, מצמצם צו זיין יעדן טייל פון דעם סיפּור המעשה, צו וועגן און מעסטן יעדן אויסדרוק און יעדעס וואָרט; די שפּראַך פון מגילת רות איז ווי אויסגעטאָקט פון גראַניט. זי איז וואָגיק און מעכטיק, זי איז אָבער אויך זאַפטיק, קערנדיק און האַרציק, זי איז פּלאַסטיש און ליריש, איר צמצומדיקייט איז מייסטערהאַפט און דער פועל יוצא דערפון איז די שנעלקייט און אינטענסיווקייט פון דער אַקציע אין איר דראַמאַ־טישקייט.

אַן עפּישע רויִקייט איז אויסגעגאָסן איבער די בלעטלעך פון דער מגילה, וועלכע צוימט דעם ברויזנדיקן לירישן אונטערשטראָם, וועלכער שטורעמט אין די טיפענישן פון יעדן אויסדרוק און וואָרט, און שאַפט קינסטלערישע האַרמאָניע.

ס׳איז אומבאַשרייבלעך שווער צו אילוסטרירן אונדזערע באַהויפּטונגען מיט משלים, ווייל דער גאַנצער ספר איז איין אילוסטראַציע, און איר ווערט פאַרגאַפט פון זיין גאַנצקייט און פּערפעקציע. מיר וועלן דאָך געבן אייניקע משלים.

נעמי האָט איבערגעלעבט אין מואב איינע פון די שרעקלעכסטע טראַ־געדיעס, וואָס אַ פרוי און אַ מוטער קאָן איבערלעבן: זי האָט אָנגעוואָרן איר מאַן און אירעביידע זין, זי איז פאַרבליבן נאָר מיט אירע שניר, וועלכע האָבן זי רעספּעקטירט און זיינען געווען איר איבערגעגעבן בלב ונפש. אַ טראַגעדיע וועלכע קאָן צעברעכן דעם שטאַרקסטן מענטשן, תהומדיק טיף איז איר צער, איר נשמה־ווייטיק איז אומבאַשרייבלעך, און דער מחבר פון דער מגילה איז מצמצם נעמיס איבערלעבענישן אין אַ קורצן זאַץ: „און די פרוי איז געבליבן פאַרעלנדט פון אירע ביידע קינדער און איר מאַן" („ותשאר האשה משני ילדיה ומאישה").

אַ צווייטער ביישפּיל:

נעמיס שניר האָבן באַשלאָסן אויסצוואַנדערן מיט זייער שוויגער קיין ארץ־ישראל. נעמי, טיף גערירט פון זייער איבערגעגעבנקייט און טריישאַפט, באַמיט זיך צו ווירקן אויף זיי, אַז זיי זאָלן ניט פאַרלאָזן זייער היים און זיך ניט נאָכשלעפּן נאָך אַ פאַראָרעמטער אַלטער שוויגער, וועלכע קאָן זיי ניט

מפרנס זײַן, און על אחת כמה וכמה ניט באַזאָרגן מיט מענער, ווײַל זי איז צו אַלט צו געבוירן זין, און ווען ס׳זאָל אפילו פּאַסירן אַ נס און זי וועט געבוירן זין, וועלן זיי דען אויף זיי אויסקוקן ביז זיי וועלן גרויס ווערן? וועלן זיי צוליב זיי (צוליב נעמיס קינדער) בלײַבן זיצן און ניט נעמען קיין מאַן?

דער לייענער קען באַקומען אַ פֿאַלשן באַגריף וועגן די באַציונגען פון נעמין צו אירע שניר, ער קאָן אַרויסדרינגען פון דעם גאַליקן דיאַלאָג, אַז נעמי האָט אַ ביטער האַרץ אויף אירע שניר, און זי שפּאַסט פון זיי. קומט דער סוף פון דיאַלאָג און עפנט אים זײַנע אויגן, און ער זעט בחוש די האַר־ציקע באַציונג פון נעמין צו אירע שניר און ער פאַרשטייט אַז ניט שנאה האָט גערעדט פון איר מויל, נאָר אומבאַגרענעצטע ליבע צו זיי, און די גאַ־ליקייט איז נאָר אַ פּועל־יוצא פון איר ביטערן גורל: „נײַן, טעכטער מײַנע! מיר איז פיל ביטערער פון אײַך, ווײַל גאָטס האַנט איז אויסגעגאַנגען אויף מיר״ (אל בנותי, כי מר לי מאד, כי יצאה בי יד ה׳).

אַ דריטער בײַשפּיל:

ערפּה, די שוואַכינקע, האָט זיך געלאָזט איבעררעדן און האָט זיך צוריק־געקערט צו איר היים, אָבער די צווייטע שניר, רות, וועלכע איז אויסגעקנאָטן פון אַן אַנדער טייג, וועמענס כאַראַקטער איז די האַרטקייט פון גראַניט, און איר איבערגעבנקייט צו איר שוויגער איז גרענעצלאָז, פאַרעקשנט זיך און קלאַמערט זיך צו איר מיט איבערמענטשלעכער ליבע און מסירת נפש, ביז נעמי איז מסכים שטילערהייט, אַז זי זאָל טיילן איר גורל מיט איר.

אַ סצענע אָנגעפּיקעוועט מיט דראַמאַטישקייט און שטורעם — און אונדזער מחבר צוימט זיי מיט זײַן קינסטלערישער, עפּישער פּען. רותס ענטפער צו נעמין איז רויק, געלאַסן, אײַנפאַך און צאַרט, אָבער גלײַכצײַטיק שטורעמט זי אויף דעם לייענערס נשמה ביז צו אירע סאַמע טיפענישן: „זאָלסט מיך ניט בעטן דיך צו פאַרלאָזן, זיך אומצוקערן פון הינטער דיר, וואָרים וווּהין דו וועסט גיין, וועל איך גיין, און וווּ דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן; דײַן פאָלק איז מײַן פאָלק, און דײַן גאָט איז מײַן גאָט, וווּ דו וועסט שטאַרבן, וועל איך שטאַרבן, און דאָרטן וועל איך באַגראָבן ווערן. זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער! נאָר דער טויט קען פאַנאַנדערשיידן צווישן מיר און צווישן דיר״.

דער מחבר פון מגילת רות אַנאַליזירט ניט די פּסיכאָלאָגיע פון זיינע העלדן און גריבלט זיך ניט אין די נשמה־מאָטיוון פון זייערע מעשים, אָבער זיי ווערן בולט דורך איין שטריך פון זיין פען, און דער לייענער באַקומט אַ קלאָרן באַגריף וועגן זיי; און דאָס זעלבע איז אויך אמת בנוגע די כאַראַקטע־ריזאַציע פון די העלדן.

די הויפּט־העלדן פון מגילת רות זיינען נעמי און רות. נעמי איז די פּאַרקערפּערונג פון מוטערלעכקייט און רות — פון ווייבלעכקייט.ביידע געשטאַלטן זיינען גיגאַנטישע און באַצויבערן מיט זייערע אייגנ־שאַפטן.

נעמיס מוטערלעכקייט איז טיף און צאַרט, עס פּייניקט זי רותס עלנט־קייט אין איר ניי־אַדאָפּטירטער היים, און אַ זאָרג עקבערט איר מוח: ווי־אַזוי קאָן זי געפינען אַ שטילע נעסט פאַר איר געטרייער און ליבער שנור? „און נעמי איר שוויגער האָט צו איר געזאָגט: מיין טאָכטער, זאָל איך דיר ניט אויפזוכן אַן אָפּרו וואָס זאָל זיין גוט פאַר דיר״?

נעמי אַרבעט אויס אַ פּלאַן, אַ פּרימיטיוון, אַ געפערלעכן פּלאַן ווי אַזוי רות זאָל זיך באַגעגענען מיט בועזן ביי נאַכט אין שייער און אים באַאיינ־פלוסן, אַז ער זאָל אויסשפּרייטן זיינע פליגלען איבער איר...

און ווי טיף־מוטערלעך איז נעמיס באַציונג צו רות׳ס קינד: זי ניאַנ־טשעט עס, זי טראָגט עס אין איר בוזעם און זי דערציט עס; איר גאַנצער „איך״ קאָנצענטרירט זיך אַרום דעם פּיצעלקן קינד פון איר באַליבטער שנור...

נעמי איז באַשאָנקען פון דער נאַטור מיט קעגנזעצלעכע אייגנשאַפטן, וועלכע האַרמאָניזירן זיך אין איר פּערזענלעכקייט אויף אַ ווונדערבאַרן אופן: זי איז גאַליק און פול מיט האַרציקייט, זי איז באַפעלעריש, כ׳וואָלט געזאָגט, דיקטאַטאָריש, און גלייכצייטיק ווייך, האַרציק און הומאַניטאַריש: זי באַפעלט דעספּאָטיש רותן צו גיין אין שייער און ריזיקירן מיט איר ערע און פרויען־ווירדע און זיין אויסגעזעצט צו שאַנד און לייטנס געלעכטער, און רות איז מקבל באהבה איר געבאָט, ווייל זי פילט, אַז אונטער דער מאַסקע פון שטרענגקייט און דיקטאַטאָרישקייט קלאַפּט אַ האַרץ פול מיט ליבע און מענטשלעכקייט.

נעמי איז אַ טיף רעליגיעזע פרוי. איר רעליגיעזקייט ציט איר יניקה פון

דער באַרירונג מיט דער נאַטור און פון אירע טראַגישע איבערלעבענישן, און טראָץ דער אייגנשאַפט, רעוואָלטירט זי קעגן דעם באַשעפער און פּראָטעס־טירט קעגן דעם אַלמעכטיקן, וועלכער האָט איר שלעכטס געטאָן.

נעמיס מענטשן־דערקענטעניש איז ממש צו באַוווּנדערן — זי פאַרשטייט און איז איבערצייגט אַז בועזס אויפמערקזאַמקייט צו רותן איז מער ווי דאַנק־באַרקייט פאַר איר ליבע און געטריישאַפט צו איר שוויגער. איר מוטערלעכער חוש זאָגט איר, אַז בועז איז באַצויבערט געוואָרן פון רותס יוגנטלעכער פּראַכט און שיינקייט און דעריבער באַפעלט זי איר צו גיין אין שייער, ווייל זי קאָן די כאַראַקטער־שטאַרקייט פון ביידען און זי האָפט און איז איבער־צייגט, אַז זיי וועלן ניט געשטרויכלט ווערן...

רותס ווייבלעכקייט באַצויבערט און פאַרכישופט, אָבער פאַרשיכורט ניט די חושים; איר ליכט דרינגט אַריין אין די טיפענישן פון דער נשמה, איר חן און גראַציע באַפליגלען די מענטשלעכע פאַנטאַזיע, אירע מענטשלעכע אייגנשאַפטן זיינען קלאָר ווי קוואַל־וואַסער, איר דבקות און מסירות זיינען טיף און ערנסט און שטאָל־שטאַרק.

אויך בועזס כאַראַקטער־שטריכן זיינען בולט אַרויסגעבראַכט אין דער מגילה, כאָטש ער שפּילט ניט די ערשטע פידל אין דער האַרמאָנישער סימ־פאָניע וואָס טראָגט דעם באַשיידענעם נאָמען „מגילת רות״.

אונדזער מחבר מאָלט ניט, ווי שוין געזאָגט, דעם כאַראַקטער פון זיינע העלדן אויף אַ דירעקטן אופן. זיי זיינען אַדורכגעוועבט ווי אַ מאָזאַיק אין דעם געוועב פון דעם ספּור־המעשה.

„מגילת רות״ גיט דעם לייענער אַ פּראַכטפול בילד פון דעם אַמאָליקן יידישן פּאַטריאַרכאַלן לעבנס־שטייגער — איר זעט אַ פיין געמאָלן בילד פון אַ גערשטן־שניט אין דער עפּאָכע פון די שופטים, איר זעט די פּרימי־טיווע האַרציקע באַציונגען צווישן די שניטער און זייער בעל־הבית, איר זעט דאָס בילד פון די שופטים, וועלכע זיצן אין טויער צו משפּטן די איינ־וווינער פון שטעטעלע, איר זעט די פּראָצעדור פון אויסלייזן — און אַ שטיק אַלטערטום לעבט אויף אין אייער פאַנטאַזיע און באַווירקט אייך מיטצולעבן דאָס אַמאָליקע לעבן...

די קינסטלערישע ראַפינירקייט פון „מגילת רות״ איז אַ מוסטער פון העכסטער פּערפעקציע. לייענט איבער נאָך אַ מאָל די סצענע אין שייער

ח. מ. ראָטבלאַט

ביי נאַכט, וועלכע וואָלט געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן דורך דער פעדער פון אַ פאַרטאַטשנעם שרייבער אין אַ פּאָרנאָגראַפיש־ציניש בילד. דער גע־בענטשטער קינסטלער פון דער מגילה שילדערט די דאָזיקע סצענע מיט צאַרטע, ראַפינירטע שטריכן, זי באַצויבערט אייך מיט איר עקזאָטישקייט און אַראָמאַט און מיט טיפער מענטשלעכער פילבאַרקייט.

פון מיטלאַלטער

רבי יהודה הלוי

(דער דיכטער און פילאָזאָף)

רבי יהודה הלוי איז געווען אַ קוואַל פון רעליגיעז־נאַציאָנאַלער אינספּי־ראַציע פאַר זיין פאָלק אין אַלע דורות. ער האָט געוועקט דעם גלויבן אין קיום פון פאָלק, ער האָט באַזונגען אונדזערע ליידן און פריידן, און די שכינה פון פאָלק האָט אַרויסגעשטראַלט פון זיין דיכטונג.

רבי יהודה הלוי, דער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער דיכטער און פילאָזאָף, איז געבוירן געוואָרן אין טאָלעדאָ, אין קאַטוילישן־קריסטלעכן טייל פון שפּאַניע, אין יאָר 1080. זיינע עלטערן זיינען געווען פאַרמעגלעכע און גע־בילדעטע מענטשן און זייער באַגאַבטער זון האָט באַקומען אַ מוסטערהאַפטע, סינטעטישע יידישע און וועלטלעכע דערציונג. ס'איז אַ סברה, אַז ער האָט געלערנט אין דער באַרימטער ישיבה פון דעם גרויסן תלמודיסט ר' יצחק אַלפסי אין לוסינאַ. און ווי מ'קאָן זען פון די ציטאַטן אין זיין פילאָזאָפיש ווערק „הכוזרי", איז ער געווען אַ באַדייטנדיקער תלמודיסט.

ער האָט אָבער אויך געשטודירט פילאָזאָפיע און מעדיצין, און איז געווען באַהאַוונט אין אַ סך צווייגן פון וויסנשאַפט; ער האָט באַזעסן אייניקע שפּראַכן און איז געווען אַ פילזייטיק־געבילדעטער מענטש, אָבער זיין גרויס־קייט איז ניט אין זיין געלערזאַמקייט, נאָר אין זיין שעפערישקייט. דאָרטן אַנטפּלעקט זיך זיין געניאַליטעט אין איר גאַנצער פּראַכט.

ער האָט אָנגעהויבן צו שאַפן זיין פּאָעזיע זייענדיק נאָך כמעט אַ יינגל און האָט באַצויבערט מיט זיינע פערזן דעם באַרימטן דיכטער פון יענער צייט ר' משה אבן עזרא, וועלכער דריקט אויס זיין באַגייסטערונג פאַר דעם יונגען טאַלאַנטפולן פּאָעט אין פאָלגנדיקע שורות:

„איך בן נעים וצעיר שנים
יעמס הרי בין על גבו

או עול ימים יהדף רמים
ובעוד נער הוא ובאבו״.

ר׳ יהודה הלוים יוגנט־דיכטונג איז, ווי די יוגנט־דיכטונג פון כמעט אַלע דיכטער, געווידמעט צווי פענאָמענאַלע קוואַלן פון פּאָעטישער באַגייס־טערונג און אינספּיראַציע: נאַטור און ליבע.

ער באַזינגט די הערלעכקייט פון דער נאַטור, און שילדערט פּלאַסטיש־מאַלעריש איר מאַיעסטעטישקייט אין מוזיקאַלישע פערזן, וועלכע וועלן אייביק לעבן.

און וואָלט זיין פּאָעזיע זיך שפּעטער ניט באַקליידט אין דעם נאַציאָנאַל־רעליגיעזן לבוש, וועלכער האָט פאַרטונקלט זיין ערשטן שאַפונגס־פּעריאָד, וואָלט ר׳ יהודה הלוים נאַטור־דיכטונג אַליין גענוג געווען צו פאַראייביקן זיין נאָמען.

זיין ליבע־דיכטונג איז צאַרט, ליריש, מאַלעריש, מוזיקאַליש, אין פיל פלעצער אַפילו עראָטיש, און אָפט מאָל אויך שטיפעריש און איר פילט, אַז דער דיכטער איז אין זיינע יונגע יאָרן ניט געווען קיין פרוש פון דעם שיינעם געשלעכט. אגב, איז כדאי צו באַמערקן, אַז אפילו אין זיינע שפּע־טערע יאָרן האָט ער גאַליק אָפּגעלאָכט פון פרישות אין זיין „ספר הכוזרי״.

אין די יאָרן פון זיין רייפקייט איז פאָרגעקומען אַ נשמה־איבערברוך אין זיין לעבן און אין זיין שאַפן:

עס ווערט אָפּגעווישט די שטיפערישע, לייכטע באַציונג צום לעבן און אַ טיפע, אינטעלעקטועלע שעפערישע ערנסטקייט שפּרודלט אין זיין פּאָעזיע. דער פּערזענלעכער מאָמענט פאַרשווינדט, און דער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער מאָטיוו איז דאָמינירנדיק אין זיין שאַפן.

די יידישע ליידן געהאַט האָבן אַ מעכטיקע ווירקונג אויף זיין גייסט און געמיט: ער פאַרטיפט זיך אין דעם אייביקן יידישן פּראָבלעם און זוכט אַ לייזונג; ער פאַרטיפט זיך אויך אין מהות פון יידישקייט און זוכט פאַר איר אַ פילאָזאָפישע באַגרינדונג. און אַזוי ווערט דער דיכטער פון לעבנס־לוסט אַ מקונן, וועלכער באַקלאָגט מיט דעם גאַנצן פייער פון זיין פּאָעטישן טעמפּעראַמענט דעם ביטערן גורל פון זיין געפייניקט, באַשפּיגן און אונטער־דריקט פאָלק. און ניט נאָר אַ מקונן איז ער, נאָר אויך אַ גלענצנדיקער

טרייסטער: ער וועקט און מוטיקט און פאַרפלאַנצט האָפענונג און גלויבן אין דער אייביקייט פון אונדזער פאָלק. זייער טרעפלעך באַצייכנט דער דיכטער זיין אויפגאַבע אין פאָלגנדיקע צוויי שורות:

„לבכות ענותך אני תנים, ועת אחלום
שיבת שבותך אני כנור לשיריך״.

ד.ה. צו באַוויינען דיין פּיין, בין איך אַ שאַקאַל, און ווען איך חלום וועגן צוריקקער פון דיינע געפאַנגענע, בין איך אַ פידל פאַר דיינע לידער.

פון דעמאָלט־אָן איז זיין פּאָעזיע געווידמעט אויסשליסלעך זיין פאָלק. ער ווערט אַ מוסטער פון אַ נאַציאָנאַלן דיכטער פאַר אַלע דורות, וועלכער פאַראייניקט אין זיין שאַפן פאָלגנדיקע דריי אייגנשאַפטן: א) דער שליח־צבור פון פאָלק, ב) דער מאָלער פון דער פאָלקספּסיכיק, ג) דער אַנטפּלעקער פון פאָלקס־געניוס.

רבי יהודה הלוי דער פּאָעט איז דער אמתער שליח־צבור פון פאָלק: פון זיין פאַרווונדעטער ברוסט הערט זיך דער וויי־געשריי פון זיין געפּייניקט פאָלק און זיין מעכטיקער פּראָטעסט־רוף. און טראָץ, אָדער אפשר צו להכעיס, אַלע זיינע פּייניקער, איז ער פול מיט האָפענונג און גלויבן וועגן זיין צוקונפט.

רבי יהודה הלוי דער פּאָעט און פילאָזאָף האָט טיף אַריינגעדרונגען אין אונדזער פאָלקס־פּסיכיק און האָט זיך דערגרונטעוועט צום דעם עצם מהות פון אונדזער אייגנאַרטיקייט און שעפערישקייט, וועלכע באַשטייט אין דעם אייביקן בונד צווישן אונדזער פאָלק, זיין לאַנד און זיין גאָט. ער האָט פּראָקלאַמירט דעם געדאַנק, אַז אונדזער פאָלקס־געניוס קאָן דערגרייכן שלימות נאָר אין זיין לאַנד, און אַז דער וועג צו אמתער גאָט־דערקענטעניש זיינען די מצוות פון דער תורה.

רבי יהודה הלוי, דער פּאָעט און פילאָזאָף, איז דער אַנטפּלעקער פון אונדזער פאָלקס־געניוס: ער האָט דערפילט מיט זיין פּאָעטישער אינטויציע, אַז אונדזער געניאַליטעט האָט געפונען זיין העכסטן אויסדרוק אין דער נבואה, וועלכע איז צום ערשטן געווען אַ יחידישע דערשיינונג און נאָך דעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאָלקס־אייגנשאַפט.

און נבואה איז פאַרקניפּט און פאַרשלייפט מיט ארץ־ישראל, און אויב

מיר ווילן זיין געטריי צו אונדזער פאָלקס־מהות מוז צוריק באַנייט ווערן דער אייביקער נשמה־בונד צווישן פאָלק און לאַנד.

און אַ צווייטן אייביקן נשמה־בונד האָט ר׳ יהודה הלוי אַנטפּלעקט: דאָס איז דער בונד צווישן גאָט און זיין אויסדערוויילט פאָלק, דער פאָן־טרעגער פון זיינע אידעאַלן. און דאָס איז דער אונטערשלאַק פון ר׳ יהודה הלויס רעליגיעזער דיכטונג, וועלכע באַשטייט פון דריי עלעמענטן: גאָט־זוכעניש, ליבע צום שעפער, דבקות און זיכערקייט.

ר׳ יהודה הלויס גאָט־זוכעניש דאַרף נישט אויסגעטייטשט ווערן אין מאָדערנעם זין, וואָס איז כמעט תמיד אַ רעזולטאַט פון האַרץ־פּוסטקייט. איר מקור איז דער גלויבן, אַז ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד פון נבואה און געט־לעכע דבקות, און דערפון נעמט זיך זיין נשמה־גלות.

זיין ליבע צום בורא איז אַזוי מעכטיק, אַז ער רופט אויס מיט אמתן רעליגיעזן עקסטאַז:

„הוסף כאב אוסיף אהוב, כי נפלאה אהבתך לי״.

ד.ה.: פּייניק מיך מער און איך וועל דיך מער ליבן, ווייל גרויס איז מיין ליבע צו דיר.

און גרויס איז זיין דבקות צום בורא און זיין זיכערקייט אין אים, אַז ער זינגט מיט פעסטקייט און בטחון:

„שמך עמי, ואיך אלך לבדי?
והוא דודי, ואיך אשב יחידי?
והוא נרי ואיך ידעך מאורי?״

ד.ה. דיין נאָמען איז מיט מיר, און ווי אַזוי וועל איך גיין אַליין? און ער איז מיין געליבטער, און ווי אַזוי וועל איך זיצן איינזאַם? און ער איז מיין ליכט, און ווי אַזוי וועט אויסגיין מיין ליכט?

און אַזוי ווי ער איז זיכער אין זיין עקזיסטענץ ווייל די געטלעכקייט איז מיט אים, אַזוי איז ער אויך זיכער אין דער אייביקער עקזיסטענץ פון גאָטס־פאָלק, און פּונקט אַזוי ווי דער מקונן ירמיהו האָט, אין זיין טראַגישע צייט, געגלויבט אין דער אייביקייט פון פאָלק און איז געווען זיכער, אַז ווי לאַנג עס וועלן עקזיסטירן די נאַטור־געזעצן, וועט אונדזער פאָלק עקזיסטירן,

אַזוי איז אויך דער מקונן ר׳ יהודה הלוי איבערצייגט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אייביק.

און דעריבער האָט ער דעם מוט צו טרייסטן זיין פאָלק מיט פערזן, דורכ־געזאַפּטע מיט בטחון און גלויבן:

„דודך יענך והוא אשר יענך
הוא הצרי לכאב והוא החלי״

ד.ה. דיין געליבטער (גאָט) פּייניקט דיך און ער וועט דיר ענטפערן (דיך אויסלייזן פון גלות); ער איז דער באַלזאַם צו דיין פּיין און ער איז די (סבה) פון דער קראַנקייט.

ער גלויבט אין דער אייביקייט פון פאָלק און איז טיף איבערצייגט, אַז די אמתע פאָלקס־שלימות קאָנען מיר דערגרייכן נאָר אין ארץ־ישראל. זיינע גאולה־מאָטיוון זיינען אַזוי צאַרט־ליריש, אַזוי האַרציק און נשמהדיק, אַז ס׳דאַכט זיך אייך, אַז ניט נאָר דער דיכטער, נאָר די גאַנצע כנסת־ישראל גיסט אויס איר בענקעניש מיט אַ נשמה־פלאַטערנדיקער תפלה צו איר געליבטן:

„ימין יי! הלא את היות לעזר כנגדי
היך תטשיני כהיום בבור מצוקות לבדי״? — — —

ד.ה. גאָט, דו ביסט דאָך תמיד געווען מיין העלפער, ווען טו דען מיך איצט אין מיין ענגן גרוב פאַרלאָזן?

רבי יהודה הלויס גאולה־מאָטיוון זענען ניט נאָר רעליגיעז־מיסטישע, ווייל אין זיי ברויזט אַ רעאַלער דראַנג און פאַרלאַנג צו דערלייזונג — צו יחידישער און פאָלקס־דערלייזונג און זיי זענען דער מקור פון זיינע ארץ־ישראלדיקע שירים, אין וועלכע ער גיסט אויס זיין האַרץ, זיין נשמה, זיין בענקעניש צו דעם לאַנד פון אונדזערע אָבות, נביאים און זעערס.

און דאָ קומען מיר צום הויפּט־מאָטיוו אין ר׳ יהודה הלויס שאַפונג — דער ארץ־ישראלדיקער מאָטיוו, וועלכער שטראָמט פון צוויי נשמה־קוואַלן — דער רעליגיעזער און דער נאַציאָנאַלער. פאַר ר׳ יהודה הלוין איז ארץ־ישראל קודם כל דאָס לאַנד פון געטלעכע התגלות, ווו גאָטס גייסט איז אויסגעגאָסן

אויף זיינע אויסדערוויילטע, דאָס לאַנד, ווו גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו די נביאים, אונדזערע לערער און באַלייכטער און דעריבער רופט ער אויס מיט אמתן נבואהשן פּאַטאָס:

„מי יתנני משוטט במקומות אשר
נגלו אלהים לחוזיך וציריך"

ד.ה. ווי וואָלט איך וועלן וואַנדערן אין די ערטער ווו גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו דיינע זעערס און שליחים.

אָבער ארץ־ישראל איז ניט נאָר אַ „כסא יי" (גאָטס שטול), נאָר אויך אַ „בית מלוכה" (אַ קעניגלעך הויז) און דעריבער, ווען ער זעט ווי די הינט פון זיין צייט שלעפּן אונדזערע לייבער, און ווי די קראָען פרעסן די קערפּערס פון אונדזערע אָדלערס, שטרעבט ער צו דער באַנייונג פון דעם אַמאָליקן „בית מלוכה". זיין פּאָעטישע וויזיע צעפלאַקערט זיך און אַ פאַרבענקטער, אַ פאַרחלומטער רופט ער אויס:

„אשרי מחכה ויגיע ויראה עלות אורך, ויבקע עליו שחריך"

ד.ה. גליקלעך איז דער, וועלכער האָפט און וועט דערגרייכן און זען דעם אויפגאַנג פון דיין ליכט.

ניט נאָר האָפט ער צו זען דעם אויפגאַנג פון אונדזער ליכט, נאָר ער גלייבט באמונה שלמה, אַז אַפּגעמעקט וועט ווערן די קרוין פון אַלע געצנ־דינערישע מלוכות, אָבער אונדזער קרוין וועט שיינען אייביק.

„ישנה ויחלוף כליל כל ממלכות האליל,
חסנך לעולם, לדור ודור נזריך"

איז עס דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, אַז ער פאַרלאָזט אַלע זיינע נאָענטע, זיין איינציקע טאָכטער, זיין אייניקל, זיינע טרייע תלמידים און פריינד, און לאָזט זיך אין די עלטערע יאָרן אויף די כוואַליעס פון ים אין אַן אַלטער צעבראָכענער שיף קיין ארץ־ישראל. און אַז דער ים האָט ווילד געבושעוועט און געשטורעמט, און תהומות האָבן זיך געעפנט און געוואָלט דאָס שיפעלע איינשלינגען, האָט ר׳ יהודה הלוי מיט פילאָזאָפישער רויִקייט געזונגען זיינע

ים־לידער, וועלכע האָבן פּאַראַיביקט זיין נאָמען צווישן די געציילטע גאָט־געזאַלבטע ים־דיכטער.

„וים יזעף ונפשי תעלז, כי
אלי מקדש אלהיה קרבה״.

ד.ה. דער ים בייזערט זיך און מיין נשמה פרייט זיך, ווייל זי דערנענטערט זיך צום פּאַלאַץ פון איר גאָט.

ר׳ יהודה הלויס ים־רייזע קיין ארץ־ישראל האָט באַנייט און אויפגעפרישט זיין יוגנט־ליבע צו דער נאַטור. זיינע ים־לידער האָבן דערגרייכט די העכסטע שטופע פון פּאָעטישער פּערפעקציע און זיינען אַ מוסטער פון סקולפּטאָרישער פּלאַסטיק, מאָלערישער בילדלעכקייט און האַרמאָנישער מוזיקאַלישקייט.

צי האָט דער דיכטער געהאַט די זכיה צו זען דאָס לאַנד פון זיין בענקעניש — איז ניט באַוווּסט, אָבער אין האַרץ פון אונדזער פאָלק וועט ער שטענדיק פאַרבלייבן דער הייליקער זעער פון הייליקן לאַנד.

ב

ר׳ יהודה הלוי איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער זעער און דיכטער, נאָר אויך אַ באַדייטנדיקער פילאָזאָף, וועמענס ביטראַג צום יידישן פילאָזאָפישן געדאַנק איז אָריגינעל און עכט יידישלעך. ס׳איז דעריבער כדאי כאָטש אין אייניקע אַלגעמיינע הויפּטשטריכן איבערגעבן אייניקע הנחות פון זיין פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויונג.

קודם כל זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז ר׳ יהודה הלוי איז געווען אַ גאַנצע האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט, און ס׳איז דעריבער ניטאָ קיין סתירות צווישן זיין דיכטונג און פילאָזאָפיע — זיי דערגענצן איינע די צווייטע: ער איז געווען אַ פילאָזאָף אין זיין דיכטונג און אַ דיכטער אין זיין פילאָזאָפיע.

זיין פילאָזאָפיע איז אין איר מהות אַ מיסטיש־טעאָלאָגישע וועלט־אַנשויונג און ניט קיין פילאָזאָפיע פון ריינעם פאַרשטאַנד און לאָגיק; זי פליסט פון האַרץ און ניט פון מוח, זי איז מער אינטויציע, ווי קאַלטע, טרוקענע חקירה און דערפון נעמט זיך זיין נעגאַטיווע באַציונג צו דער גריכישער

פילאָזאָפיע, וועלכע איז געקומען צום אויסדרוק הן אין זיין פּאָעזיע, הן אין זיין פילאָזאָפיע, אין דער לעצטער פיל שטאַרקער ווי אין דער ערשטער. (זע למשל פּאַראַגראַף ס״ג מאמר ראשון, ספר הכוזרי).

ער איז איבערצייגט, אַז די גריכן זיינען ניט געווען קיין אָריגינעלע דענקער, זיי האָבן זייער פילאָזאָפיע איבערגענומען פון די פּערסיאַנער, און נאָך דעם ווי זיי זיינען באַזיגט געוואָרן פון די רוימער, האָבן זיי ניט אַרויס־געבראַכט קיין באַרימטן פילאָזאָף (דער אויבנציטירטער פּאַראַגראַף).

און ניט נאָר באַציט ער זיך נעגאַטיוו צו דער גריכישער פילאָזאָפיע, נאָר אויך צו אַנדערע פילאָזאָפישע סיסטעמען, וועלכע באַזירן זיך ניט אויף טראַדיציע און זיינען אַ פּראָדוקט פון קאַלטן מוח און פליסן ניט פון האַרץ, ווייל ער גלייבט, אַז דער מוח איז אין דער צווייטער מדרגה לגבי דעם האַרץ: („והיה הגוף כלו מסדר סדר אחד, שב אל הנהגת הלב אשר הוא מחנה הראשון לנפש, ואם תחול במוח היא חול שני במצוע הלב״. פּאַראַגראַף כ״ו, מאמר שני).

דייטלעכער ווערט דער זעלבער געדאַנק אַרויסגעבראַכט אין אַ צווייטן פּלאַץ: „ששורש החכמה מופקד בארון אשר הוא במדרגת הלב״ און דערפון נעמט זיך זיין באַגייסטערונג פאַר דער נבואה, ווייל זי איז ניט קיין פּראָדוקט פון „שכל הפועל״, נאָר זי פליסט פון אורקוואַל. ד.ה. פון באַשאַפער אַליין. (פּאַראַגראַף פ״ז מאמר ראשון).

און דערפון נעמט זיך זיין פּאָזיטיווע באַציונג צו דער קבלה־טראַדיציע, וועלכע ווערט אין פאַרשידענע פּלעצער אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט, אַז אַן אמתער טראַדיציאָנעלער גלויביקער איז אויף אַ העכערער מדרגה ווי דער פילאָזאָפיש־געשטימטער גלויביקער, (ומי שקבלה קבול שלם מבלי שיתחכם בה בשכלו הוא מעולה ממי שיתחכם בה וחקר״. פּאַראַגראַף כ״ה, מאמר שני).

די נבואה איז אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג אין איר איינפלוס אויף דער באַנייונג פון מענטשלעכן גייסט איז קאָלאָסאַל. לויט ר׳ יהודה הלוין איז זי אַ ספּעציפישע אייגנשאַפט פון פאָלק ישראל אַליין, און אַפילו דער גר, וועל־כער איז מקיים אַלע מצוות פון דער תורה, איז ניט ראוי צו איר. (ועם כל זה לא ישתוה הגר הנכנס בתורתנו עם האזרח, כי האזרחים לבדם הם ראויים לנבואה״. פּאַראַגראַף קט״ו מאמר ראשון).

און אויב איר וועט פרעגן ר׳ יהודה הלוין: „אין וואָס באַשטייט די גרויסקייט פון יידישן פאָלק, וואָס נאָר ער איז דער טרעגער פון דער נבו־

אה״? וועט דער ענטפער זיין אַ מיסטישער: אַ פונק פון געטלעכן ליכט ווירקט אויף זיין פאָלק און זיין לאַנד. און אויף דער פראַגע פון כוזרי „וואָס פאַר אַ שייכות האָט ארץ־ישראל מיט דער נבואה?״ דערקלערט אים דער חבר (לייען: ר׳ יהודה הלוי), אַז די קלימאַטישע באַדינגונגען פון לאַנד האָבן געהאַט די געהעריקע ווירקונג, אַז עס זאָל ווערן דאָס לאַנד פון נבואה. (פאַראַגראַף צ״ה, מאמר ראשון).

ר׳ יהודה הלוי גלייבט, אַז דער „ענין האלהי״ ד.ה. די נבואה, אָדער די געטלעכע אַנטפּלעקונג האָט דורכגעמאַכט אַ לענגערן פּראָצעס פון אַנטוויקלונג. אָנהייבנדיק פון אדם הראשון, וועלכער איז געווען דער פּערפעקטער מענטש, ביז יעקבן איז זי געווען נאָר אַ יחידישע אייגנשאַפט, און פון יעקבס קינדער אָן און ווייטער איז זי געוואָרן די קאָלעקטיווע אייגנשאַפט פון פאָלק. נאָר מיר זיינען געווען פעיִק מקבל צו זיין די תורה, ווייל די תורה איז אַ נאַציאָנאַלע תורה, צוגעפּאַסט צו די פּסיכישע אייגנ־שאַפטן פון יידישן פאָלק, וועלכע זיינען אים געגעבן געוואָרן פון דעם בורא אַליין (פּאַראַגראַף ק, מאמר ראשון).

אויף דער פראַגע פון כוזרי ווי אַזוי קאָן ער באַווייזן די מציאות — דאָס זיין — פון בורא? ענטפערט אים דער חבר (ר׳ יהודה הלוי), אַז די היסטאָרישע געשעענישן ווי, למשל, די באַפרייונג פון יידישן פאָלק פון מצרים (יציאת מצרים) און די געטלעכע אַנטפּלעקונג ביים באַרג סיני איז דער בעסטער באַוויז פאַר דער געטלעכער מציאות און פאַר דער יידישער אויסדערוויילטקייט.

און וואָס איז די אויפגאַבע פון דעם אויסדערוויילטן פאָלק?

דערויף ענטפערט אייך ר׳ יהודה הלוי: די דבקותדיקע דערנענטערונג צו גאָט דורך אָפּהיטן זיינע געבאָט (וכבר אמרנו שאין מתקרבים אל האלהים כי אם במצות האלהים עצמן״ פּאַראַגראַף כ״ג, מאמר שלישי).

אָבער טראָץ זיין געוואַלטיקער ליבע צו דער תורה און די מצוות, האָלט ער ניט שטאַרק פון פּרישות און נזירות, ווייל זיי שטערן דעם גלייכגעוויכט פון קערפּערלעכער און גייסטיקער אַנטוויקלונג און זיי האַלטן צוריק דעם וווקס פון יחיד און פון פאָלק. (פּאַראַגראַף ב, מאמר שני).

און פונקט ווי זיין דיכטונג איז דורכגעדרונגען מיט פלאַם־פייערדיקער ליבע צו זיין פאָלק, אַזוי איז אויך מיט זיין פילאָזאָפיע:

דאָס יידישע פאָלק איז דאָס האַרץ פון דער מענטשהייט, ד.ה. איר געוויסן און וועגווייזער. און אַזוי ווי דאָס האַרץ איז דער שוואַכסטער און גלייכצייטיק דער שטאַרקסטער אבר פון קערפער, אַזוי איז דאָס יידישע פאָלק. („ישראל באומות כלב באברים, הוא רב חלאים מכלם ורב בריאות מכלם", פאַראַגראַף ל"ח, מאמר שני).

אומבאַגרענעצט איז זיין גלויבן אין נצחיות האומה — די אייביקייט פון פאָלק. ער איז איבערצייגט אין דער ווידערגעבורט פון יידישן פאָלק אפילו ווען נאָר איינער זאָל פון אונדז פאַרבלייבן („ולא יהיה קשה בעיניו איך נשוב לקדמותנו אפילו אם לא ישאר ממנו אלא אחד". פאַראַגראַף י"א, מאמר שלישי). און ווו וועט דער ווידערגעבורט פון פאָלק פאָרקומען? זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין ארץ־ישראל, אין לאַנד פון נבואה, ווייל זי איז אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יידישער פסיכיק.

טראָץ זיין גרויסער ליבע צו זיין פאָלק און זיין תורה, איז ער ווייט פון האַסן, חלילה, אַנדערע פעלקער און אַנדערע קולטורן. ער האָט דעם גרעסטן רעספעקט פאַר יעדער מענטשלעכער באַשעפעניש. זיין ליבע צו דעם מין האנושי איז אמת נבואהדיק. ר' יהודה הלוי איז געווען דורכגעדרונגען מיט געטלעכן פאַטאָס. זיין אינטעלעקט און עמאָציע האָבן זיך האַרמאָניש צונויפגעשמאָלצן און געשאַפן אַ פערפעקטע פערזענלעכקייט.

די מאָטיוון פון יהודה הלוים דיכטונג

יהודה הלוים דיכטונג איז פאַרשידנפאַרביק. אירע מאָטיוון נעמען אַרום דאָס מענטשלעכע לעבן כמעט אין אַלע אירע פאָרמען און זיי ווייזן באַשייַנ־פערלעך, אַז ער האָט געלעבט אַ זייער אינטענסיוון לעבן. זיין פּאָעזיע איז אַן אָפּקלאַנג פון זיינע איבערלעבונגען; אַן אויסשטראַלונג פון זיין אויפברויזנ־דיקער פּאָעטישער נשמה און פון זיין פילאָזאָפישן דענקען. יהודה הלוים פאַרצווייגטע פּאָעזיע נעמט אַרום די וויטערדיקע ענינים.

א) שירי ידידות (פריינדשאַפט־לידער). — הלוי האָט געהאַט פיל פריינד, צווישן וועלכע עס זענען געווען די דיכטער און געלערנטע ר׳ שמואל הנגיד און ר׳ משה אבן עזרא. הגם עלטער פון אים, האָבן זיי זיך באַצויגן צו אים מיט דעם גרעסטן רעספּעקט. אויך הלוי האָט געהאַט דעם גרעסטן רעספּעקט פאַר די עלטערע דיכטער און געלערנטע פון זיין צייט, ער האָט זיך מיט זיי איבערגעשריבן אין מליצהדיקער פּראָזע און האָט זיי באַזונגען אין זיין פּאָעזיע, וועלכע ער האָט זיי געווידמעט, ווי ס׳איז געווען דער מנהג אין זיין תקופה.

זיינע „שירי ידידות״ האָבן, לרוב, נאָר אַ היסטאָרישן ווערט, ווייל זיי שפּיגלען אָפּ פיל וויכטיקע היסטאָרישע געשעענישן; אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען לאָקריץ־זיס, און אָנגעפּיקעוועט מיט גוזמאות און שבחים, אָבער דאָ און דאָרט קענט איר געפינען „שירי ידידות״, וועלכע זיינען רייך אין פילאָזאָפישע געדאַנקען און צייכענען זיך אויס מיט זייער ערנסטקייט, טיפקייט און צמצומדיקייט.

זיין שיר, למשל, „דבריך במור עבר רקוחים״,[1] וועלכער איז געשריבן

---

1. אַלע ציטאַטן פון הלוים שירים זענען גענומען פון די געזאַמלטע שירים וועלכע זענען רעדאַקטירט געוואָרן פון דעם געלערנטן און פאָרשער אברהם אליהו הרכבי, מיט דערקלערונגען פון דעם געלערנטן און דיכטער ר׳ שמואל דוד לוצאַטו; דער שיר „דבריך במור עבר רקוחים״ געפינט זיך אין ערשטן טייל פון געזאַמלטע שירים, זייט 16.

געוואָרן צו אַ פריינד, משמעות אַ חשובער געלערנטער, אָדער גאָר אַ דיכטער, ווייל הלוי באַציט זיך צו אים מיט גרויס רעספעקט, אָט דער „שיר ידידות" איז אַן אָפּקלאַנג פון אַ היציקע דעבאַטע צווישן צוויי חשובע פריינד וועגן דעם: צי דאַרף אַ ייד עולה זיין קיין ארץ־ישראל, ווען זי איז „איבערפילט מיט בלינדע און הינקענדיקע"? („מלאה עורים ופסחים"), אַפּנים אַ רמז אויף די נושאי הצלב, וועלכע האָבן דעמאָלט געשאַלטעוועט אין ארץ־ישראל.

ר' יהודה הלוי באַמיט זיך צו באַווייזן זיין קעגנער, אַז אויך די אבות האָבן זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל אין אַ צייט ווען דאָס לאַנד איז באַהערשט געווען פון געצנדינער. ארץ־ישראל איז תמיד פאַר די יידן דער קוואַל פון אייביקן לעבן, „מקור חיי נצחים". פלוצעם אָבער געפינט איר אין דעם פּאָלע־מישן שיר שורות, וואָס מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק, ווייל אין זיי קומט צום אויסדרוק הלויס שטאַרקע קעגנערשאַפט צו דער גריכישער פילאָזאָפיע, וועלכע האָט נישט קיין פירות, נאָר בלומען („אשר אין לה פרי, כי אם פרחים").

און נאָך אינטערעסאַנטער זענען די מאָטיוון פון זיין ביטול־באַציונג צו דער „חכמה יונית". ווייל זי דערקלערט, אַז די מעשי בראשית האָבן קיין אָנהויב נישט געהאַט („ואין ראשית לכל מעשי בראשית"), ממילא איז גאָט ניט געווען דער באַשאַפער פון דער וועלט, און ניט איר קדמון; נאָך שאַרפער איז זיין התנגדות צו דער גריכישער פילאָזאָפיע, ווייל אירע חכמים זענען זיך סותר אין זייערע באַהויפטונגען און דריבער, האַלט הלוי, האָבן זיי קיין יסוד ניט. „שמע דברי נבוניה נבוכים בנויים על יסוד תהו וטוחים".[2]

אַז די שטאַרקסטע התנגדישע ווערטער זיינען ניט קיין סתם שטימונגען פון אַ דיכטער־פילאָזאָף קען מען זען ווען מען פאַרגלייכט עס מיט די ווערטער פון חבר צום כוזרי: „הפילוזופים אין להאשים אותם, מפני שהם עם לא נחלו חכמה ולא תורה"[3] (איר קאָנט ניט באַשולדיקן די פילאָזאָפן פאַר זייער באַהויפּטונג, אַז די וועלט איז אַ קדמון, ווייל זיי האָבן ניט געירשנט ניט קיין חכמה און ניט קיין תורה).

און אַז דער כוזרי פרעגט דעם חבר: הייסט עס, אַז מיר דאַרפן ניט גלייבן

2. איביד, זייט 19.

3. כוזרי, א', ס"ג, זייט ל"א, פאַרלאַג „טרקלין", וואַרשע תר"ץ; אַלע ציטאַטן פון כוזרי וועלן זיין פון דער זעלבער אויסגאַבע.

אַריסטאָטעלן אין חכמה? („וכי זה מחייב שלא נאמין לאַריסטו בחכמתו״?) איז דעם חברס תשובה: „כן״ — יאָ! און ער מאָטיווירט זיין התנגדות צו אַריסטאָטעלס פילאָזאָפיע דערמיט, וואָס זיין באַהויפּטונג פון קדמות העולם שטיצט זיך ניט אויף טראַדיציע, און די ראיות פוןביידע היפּוכדיקע באַהויפּטונגען — חידוש העולם אָדער קדמות — זענען גלייך. בכן, איז דער טראַדיציאָנעלער גלויבן אין חידוש העולם, וועלכע איז צו אונדז געקומען פון אדם, נח און פון משה רבינוס נבואה אָן ספק אַ סך באַגלייבטער פון דער פילאָזאָפישער באַהויפּטונג. („וראיות שתי הטענות שוות, עד שתכריע החדוש (של) הקבלה מאדם ונח ומשה בנבואה אשר היא יותר נאמנה מן ההקשה״.[4]

ב) עלעגיעס. — צו דער קאַטעגאָריע „שירי ידידות״ מעג מען אויך צורעכענען זיינע קלאָג־לידער (קינות) אויף דעם טויט פון זיינע פריינד און קרובים. בדרך כלל זענען דאָס ערנסטע עלעגישע לידער, אָבער אויך זיי זענען ניט פריי פון גוזמאות און לאָקריצדיקע טענער. אַן אויסנאַם אין דעם פרט זיינען זיינע קורצע קינות ווי, למשל, דער קורצער אינהאַלטרייכער שיר אויפן טויט פון ר׳ יצחק אלפסי, וועלכער איז געווען איינער פון די גרעסטע תלמודיסטן אין זיין צייט, און לויט אייניקע — ר׳ יהודה הלויס רבי אין תלמוד, און די עפּיטאַפיע פאַר דער מצבה פון רבנו אברהם. די צוויי עלעגיעס זיינען אמתע פּאָעטישע שאפונגען, וועלכע באַצויבערן אונדז מיט זייער פשטות, צימצומדיקייט און בליציקייט פון געדאַנק.

ג) שירי חתונה. — זיינע „שירי חתונה״ געהערן צו דער „שירי ידידות״־קאַטעגאָריע און זיינען אויך אַ געמיש פון באַנאַליטעט, גוזמאות און לאָקריץ־טענער. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען איבערגעפולט מיט עראָטישע צאַרטע אימאַזשן, און איר ווערט ממש דערשטוינט צו געפינען דאָרט מגושמדיקע עראָטישע אויסדריקן. עס גלייבט זיך קוים, אַז דער גרויסער דיכטער־פילאָזאָף זאָל האָבן באַנוצט אַזעלכע כמעט ווולגאַרע ליידנשאַפטלעכע ווערטער.

זיין „שיר לחתונה״ [5] אַ שטייגער, פאַרמאָגט פּרעכטיקע פראַזן און אויסדריקן, וואָס דערמאָנען אייך אונדזער שיר השירים. ער פאַרמאָגט אָבער אויך

---

4. איביד, זייט ל״ב.

5. שירי רבי יהודה הלוי, ערשטער טייל, זייט 133.

ווולגאַרע עראָטישע פסוקים וואָס שאָקירן מיט זייער נאַקעטקייט: „דדיה לבבי שסו / ויעשו בי וינסו / להטיהם, אשר לא עשו / כן חרטמי מצרים" (אירע בריסטן האָבן מיין האַרץ אויפגערייצט און זיי האָבן מיך באַהערשט, און זיי האָבן אויסגעיבט אויף מיר זייער מאַגישע קראַפט, וועלכע די חרטמים פון מצרים האָבן ניט געקענט טאָן). דער וואָרט „דדיה" פאַרמאָגט אַ ווולגאַרן אונטערטאָן, און וועקט עראָטישע אַרסאָציאַציעס, בעת דאָס וואָרט „שדים" איז אַן איידעלער אויסדרוק.

דער „שיר לחתונה" איז אָבער אויך רייך אין צאַרטע לירישע ליבע־אויסגוסן, אויך אין קינסטלערישע עראָטישע שילדערונגען, וועלכע זיינען מלא חן. אין אַ סך פון זיי זיינען פאַראַן פיינע ווערטער־שפּילן, וועלכע לאָקן מיט זייער שפּילעוודיקייט און גראַציע פון באַפליגלטן וואָרט, און ערנסטן זויבערן אינהאַלט. צו מיין גרעסטן באַדויערן קאָן איך ניט נאָר ניט איבער־דיכטן, נאָר אַפילו ניט איבערזעצן, ווי למשל, די שורות: ושתי מחלפות כאורב / משערך זאבי ערב / אור לחיך בם מתערב / כאור בקר בין ערבים".

ד) שירי אהבה (ליבע־לידער). — זיינע „שירי חתונה" זיינען די שליס־לען צו זיינע „שירי אהבה", וועלכע זיינען, אגב, ניט געווען קיין נייעס אין דער העברעישער מיטלעלטערלעכער פּאָעזיע. ר' שמואל הנגיד, ר' משה אבן עזרא און אַפילו דער קראַנקער און פעסימיסטישער דיכטער־פילאָזאָף ר' שלמה אבן גבירול, וואָס זיין געטלעכער הימען „כתר מלכות" האָט פאַר־איביקט זיין נאָמען, האָבן געזונגען ליבע־לידער. זייערע ליבע־לידער זיינען אָבער געווען אַ מאָדע־זאַך, איר פילט ניט אין זיי די אינערלעכע נשמה־איבערלעבענישן. אַפילו ר' משה אבן עזראס ליבע־לידער זיינען טראָץ דעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אַ טראַגישע ליבע, אויך טרוקן און ס'פעלט זיי די פונקען פון אַן אמתער גרויסער ליבע.

הלויס ליבע־לידער זיינען אַ מעכטיקער לירישער אויסגוס פון ליידן און פריידן טיף איבערגעלעבטע, וועלכע זיינען סובלימירט געוואָרן אין צאַרטע באַפליגלטע מענטשלעכע סימבאָלן, וואָס פאַרכישופן נאָך איצטער דעם לייע־נער מיט זייער ליבע־גלוט, מיט זייער אויפברויזנדיקער עמאָציע, צאַרטע עראָטישע אימאַזשן און צו מאָל מיט זייער שטיפערישקייט און שפּילעוודי־קייט. זיינע קורצע שטיפערישע ליבע־לידער זיינען מלא חן און זיי לאָקן מיט

זייער געטאָקטקייט פון וואָרט, פשטות און צימצום, ווי למשל דער שיר „עפרה אל ידידה והא ישן".[6]

„עורה ידידי מתנומתך / אשבע בהקיץ את תמונתך / אם תחזה בחלום נושק שפתיך / אהיה אני פותר חלומותיך" (וועק זיך אויף, מיין געליבטער, פון דיין דרימל, איך וועל זיך וואַכנדיק אָנזעטיקן מיט דיין בילד; אויב דו וועסט זען אין חלום, אַז מ'קושט דיינע ליפּן, וועל איך דיר פּותר חלום זיין). פּראַכטפול איז זיין ליבע־ליד „שלום לצביה נערה".[7] דאָס איז אַ קאָמבינאַציע פון צאַרטע לירישע טענער מיט עפּישע כאַראַקטער־שטריכן. די עראָטישע אימאַזשן זיינען שטאַרק אָבער ראַפינירט. אויך דאָ רעדט דער דיכטער וועגן די בריסטן פון זיין געליבטער, דאָ ווערט אָבער פון דעם גראָבן וואָרט „דדים" — „תפוחים" און עס באַקומט זיך די אַסאָציאַציע פון דופטיקע עפּל, וואָס דערקוויקן די נשמה מיט זייער ריח: „ובשני תפוחים רפדה / נפשי ולגופי חזרה / וקדם אותי בם דקרה / כל היום צדי חבקה" (און מיט צוויי עפּל האָט זי דערקוויקט מיין נשמה און זיי האָבן זיך אומגעקערט צו מיין קערפּער; און איידער זי האָט מיך מיט זיי געשטאָכן, האָט זי אַ גאַנצן טאָג מיך געהאַלדזט).

ה) שירי יין. — פון ליבע־לידער צו וויין־לידער איז נאָר איין טראָט. אויך דאָ האָט ער ממשיך געווען די פּאָעטישע טראַדיציע פון זיינע עלטערע קאָלעגן. ר' שמואל הנגיד, דער גרויסער תלמודיסט, האָט אויך געזונגען וויין־לידער. בעת אָבער ביי אים איז עס געווען ניט מער ווי אַ פּאָזע, אָדער אַן אימיטאַציע פון דער אַראַבישער פּאָעזיע, איז דאָס ביי ר' יהודה הלוי געווען אַ סך מער ווי אַ פּאָזע, ווייל ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון פּרישות. ער זאָגט בפירוש אין זיין כוזרי: „ותורת משה לא העבידה אותנו בפרישות",[8] (משה רבינוס תורה האָט אונדז ניט באַלעסטיקט מיט אַסקעטיזם). זייער כאַראַקטעריסטיש איז דאָס וויטערדיקע: „כי תורתנו נחלקת בין היראה והאהבה והשמחה, תתקרב אל אלהיך בכל אחת מהנה, ואין כניעתך בימי התענית יותר קרובה אל האלהים משמחתך בימי השבתות והמועדים — — — ואם תעבר בך השמחה אל הנגון והרקוד היא עבודה

6. איביד. זייט 132.
7. איביד. זייט 130.
8. כוזרי ב', ג', זייט ע"ג.

ודבקה בענין האלהי״ [9] (אונדזער תורה איז צעטיילט צווישן יראה, ליבע און שמחה; דו קאָנסט זיך דערנענטערן צו דיין גאָט מיט יעדע איינע פון זיי, און דיין אונטערטעניקייט פון אַ תענית ברענגט דיך ניט נענטער צו גאָט, ווי דיין שמחה אין די שבתים און ימים־טובים — — — און אויב די שמחה וועט איבערגיין אין דיר צום ניגון און טאַנץ, איז זי אַן עבודה און צדקות אין געטלעכן ענין), ד״ה, די שמחה של מצווה וועט דיך ברענגען צו געט־לעכער אינספּיראַציע מער ווי אַסקעטיזם. כמעט אַ מאָדערנער חסידישער געדאַנק.

זינגט טאַקע ר׳ יהודה הלוי מיט אמתן עקסטאַז אַ לויב־געזאַנג צום קריגל וויין, וואָס ער האָט געקריגן אַ מתנה פון אַ פריינד. און אויף דער פראַגע פון זיינע פריינד: „למתי״? ד.ה.: ווען וועסטו זיך שוין אָפּזאָגן פון קריגל? ענטפערט ער שפּאַסיק: „ואיכה אמאסה בכד עדנה / ועוד לא בגעו עד כ״ד שנותי״ (ווי אַזוי זאָל איך זיך פאַרמיאוסן דאָס קריגל, אַז מיינע יאָרן האָבן נאָך ניט דערגרייכט כ״ד?), ד.ה. 24 יאָר.

ו) נאַטור־לידער. — אויך אויף דעם געביט האָט ר׳ יהודה הלוי אַ סך געלערנט פון זיין עלטערן קאָלעגע, משה אבן עזרא, וועמענס נאַטור־לידער האָבן אים געדינט ווי אַ מוסטער. ער האָט אים אָבער ניט אימיטירט, ער האָט אַריינגעבראַכט נייעס אין זיינע נאַטור־לידער, וועלכע זיינען אַ קאָמבי־נאַציע פון מאָלערישער בילדלעכקייט און סקולפּטאָרישער עפּיק. ס׳וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז ר׳ יהודה הלוי איז געווען ביי אונדז דער ערשטער דיכטער־מאָלער, וועלכער האָט ניט נאָר געהאַט אַ חוש פאַר פאַרבן און קאָלירן, נאָר האָט טאַקע אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן געשילדערט רעאַליס־טיש־סימבאָליסטיש די פּראַכט פון דער נאַטור. סקולפּטאָריש האָט ער אויס־געטאָקט אין זיינע נאַטור־לידער בילדער און אימאַזשן, וואָס זיינע וואַכע חושים האָבן איינגעזאַפּט, און האָט זיי קינסטלעריש סובלימירט, און וויזיאָ־נעריש אַרויסגעבראַכט אין ווערטער־קלאַנגען, פון וועלכע אַ סך פאַרמאָגן דעם אמתן ריטעם פון דער נאַטור, וואָס ער שילדערט. און ניט נאָר זיינען זיינע נאַטור־לידער רייך אין מאָלערישער בילדערישקייט און אין סקולפּטאָ־רישער עפּיק, אַ טייל פון זיי זיינען אויך העכסט מוזיקאַליש, ספּעציעל ציי־

---

9. איביד.

כענען זיך אויס זיינע רייזע־לידער — בעיקר זיינע ים־לידער — מיט אַט די קינסטלערישע אייגנשאַפטן.

ר׳ יהודה הלויס פּריוואַט לעבן איז געווען רייך און פאַרשידנפאַרביק. זייענדיק זייער פאַרנומען מיט מעדיצינישער פּראַקטיק האָט ער אַ גרויסן טייל פון זיין פרייער צייט אָפּגעגעבן דער דיכטונג. אַז ער איז געווען זייער באַהאַוונט אין דער קלאַסישער ווי אין דער פילאָזאָפישער ליטעראַטור פון זיין צייט, קאָן מען זען פון זיין כוזרי, וועלכער איז אַ וויכטיק פילאָזאָפיש ווערק, טראָץ זיין קעגנערשאַפט צו פילאָזאָפיע. אַ סברא, אַז ער האָט אויך געווידמעט צייט זיינע תלמידים מיט וועמען ער האָט געלערנט תורה, און אפשר אויך אַנדערע למודים. מ׳קאָן זיך משער זיין, אַז ער איז געווען דער גרינדער פון אַ ישיבה, ווו ער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים תורה און חכמה. „ולא אבכה על פרדס נטעתיו / והשקיתיו הצליחו צמחי״.[10] (און איך וועל ניט באַוויינען דעם גאָרטן, וועלכן איך האָב פאַרפלאַנצט און באַוואָסערט, און זיינע געוויקסן האָבן מצליח געווען). פון דעם וואָרט „נטעתיו״ קאָן מען זיך משער זיין, אַז ניט נאָר האָט ער געלערנט אין דעם בית־המדרש ווי ס׳דענקט שד״ל, אין זיין באַמערקונג צו דעם שיר „הציקתני תשוקתי לאל חי״, נאָר ער איז טאַקע געווען דער גרינדער.

ר׳ יהודה הלוי האָט זיך ניט מתבודד געווען אין זיין קאַבינעט, ער איז ניט געווען קיין פורש מן הצבור, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס דערווייטערן זיך פון צבור איז אַ פאַרברעכן ניט נאָר קעגן דער געזעלשאַפט, פון וועלכער מיר זענען אַן אינטעגראַלער טייל, נאָר טאַקע אויך קעגן אונדזער אייגענעם איך, ווייל דער יחיד איז איינגעשלאָסן אין כלל פון צבור, ווי יעדער אבר איז איינגעשלאָסן אין כלל פון קערפּער: „ובעוד שיתעלם היחיד מחלק הכל, והוא שיש בו תקנת צבור אשר הוא חלק ממנו, וחשב כי יותירנו לעצמו, הוא חוטא על הכל וחוטא לנפשו יותר, כי היחיד בכלל הצבור כאבר האחד בכלל הגוף.[11] מאָדערנע סאָציאָלאָגן וואָלטן זיך מיטביידע הענט אונטערגעשריבן אויף אָט דער סאָציאַלער טעאָריע.

ז) נאַציאָנאַלע דיכטונג. — ר׳ יהודה הלויס נאַציאָנאַלע דיכטונג איז

10. שירי ר׳ יהודה הלוי, ערשטער טייל, זייט 20.
11. כוזרי ג׳, י״ט, זייט ק״ה.

זייער פאַרצווייגט: ער באַקלאָגט דיליידן פון זיין פאָלק מיט די מעכטיקסטע טענער פון זיין לירע, עס שפּרודלט פון זיי אַ תהומיקער צער און ווייטיק, און טייל מאָל גאַליקער פעסימיזם און יאוש, זיי זענען אָבער אויך אָנגעהויכט מיט טרייסט און האָפענונג. ער איז, גלייך ווי די נביאים, אַ מקונן אויפן ביטערן גורל פון אונדזער פאָלק, אָבער גלייכצייטיק אויך אַ מבשר פון אַ נייער ערע. און פונקט ווי ירמיהו הנביא וואָס האָט, טראָץ דעם שרעקלעכן חורבן, געגלויבט אין דער אייביקייט פון פאָלק, אַזוי גלייבט אויך ר׳ יהודה הלוי באמונה שלמה אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק. ער האָט געטרונקען פון זיין פאָלקס טרויער־בעכער (כוס היגונים), און זיין נשמה איז איבער־געפולט געוואָרן פון זיין ביטערקייט (כי כבר מלאו כסלי ונפשי ממרוריך), אָבער שטאַרק איז געווען זיין גלויבן אין נצחיות פון פאָלק: „ישנה ויחלוף כליל כל ממלכות האליל / חסנך לעולם לדור ודור נזריך״ [12] (ס׳וועט פאַר־שווינדן די קרוין פון אַלע געצנדינערישע קיניגרייכן; דיין שטאַרקייט איז אייביק, דיינע קרוינען — אַלע דורות).

נאָך מעכטיקער האָט ר׳ יהודה הלוי אויסגעדריקט זיין אמונה אין נצח ישראל אין זיין פילאָזאָפישן כוזרי: „ואין אנחנו במעלת המת, אך אנחנו במעלת החולה״ [13] (מיר זיינען ניט אין דער קאַטעגאָריע פון אַ טויטן — ד״ה אַ טויט פאָלק — נאָר אין דער קאַטעגאָריע פון אַ קראַנקן). און אין כוזרי ג׳, זייט ק״א חזרט ער איבער דעם דאָזיקן געדאַנק מיט פייערדיקן גלויבן: „ולא יהיה קשה בעיניו איך נשוב לקדמותנו, אפילו אם לא ישאר ממנו אלא אחד״ (ד״ה: ס׳וועט פאַר גאָט ניט שווער זיין אונדז צוריק צו ברענגען צו אונדזער אַמאָליקן מצב, ווען ס׳זאָל חלילה, פון אונדז פאַרבלייבן נאָר איין ייד).

אמת, מיר זיינען אַ קראַנק פאָלק, ווייל ר׳ יהודה הלוי האָט, ווי אַלע אמתע רעליגיעזע יידן, אין אַלע דורות, באַטראַכט דעם גלות פאַר אַ קראַנ־קייט, אָבער ניט נאָר זיינען מיר נישט קיין טויט פאָלק צווישן די לעבעדיקע פעלקער, נאָר להיפוך, מיר זענען נאָך אַלץ דאָס האַרץ פון די פעלקער, וועמענס בלוט איז מפרנס אַלע גלידער פון קערפּער: „ישראל באומות כלב

---

12. שירי ר׳ יהודה הלוי, ערשטער טייל, זייט 14.
13. כוזרי ב׳, ל״ד, זייט ע׳.

באברים, הוא רב חלאים מכלם ורב בריאות מכלם״ [14] (ישראל צווישן די פעלקער איז אַזוי ווי דאָס האַרץ פאַר די גלידער; ער איז קראַנקער פון זיי אַלע, אָבער אויך פיל געזונטער פון זיי אַלע). דער עיקר צרה איז אונדזער נאָכמאַלפּעווען אַנדערע פעלקער, די הויפּט־סיבה פון אונדזער קראַנקייט, ווי ער זאָגט בפירוש: „כן, ישראל ישיגום החלאים מהתדמותם בגויים״.[15]

וואָס איז דער מקור פון אונדזער סופּער־געזונטקייט? 1) דער ענין האלהי (השגחה) האָט זיך מתדבק געווען אין אונדז מצד אונדזער שורש, אונדזער אָפּשטאַם פון די אבות און 2) אונדזער אייגנאַרטיקייט: „כן, ישראל מצד שרשם ועצמם ידבק בהם הענין האלהי״.[16] ליידן מיר טאָקע מער פון אַנדערע פעלקער, אָבער די יסורים רייניקן און לייטערן אונדז, און אימוניזירן אונדז קעגן אַלע קראַנקייטן. אונדזערע צרות זיינען די סיבה צו דער אויס־בעסערונג פון אונדזער תורה און צו אונדזער העכסטער געלייטערטקייט און ריינקייט און דורך זיי באַהעפט זיך צו אונדז דער ענין האלהי און דורך אונדז צו דער וועלט: „והצרות המוצאות אותנו סבה לתקנת תורתנו. יבור הבר ממנו ויציאת הסיגים מתוכנו ובבורנו ותקוננו ידבק הענין האלהי בעולם.[17]

די טעאָריע, אַז ישראל איז דאָס האַרץ צווישן די אומות העולם, איז דער שליסל צו ר׳ יהודה הלויס שירי כנסת ישראל בגלות, וועלכע פאַרנעמען אַ זייער חשובן פּלאַץ אין זיין דיכטונג: תהומיקער צער און פּיין און וויזיאָ־נערישע, משיחישע האָפענונג פאַר דער דערלייזונג זענען די צוויי לייט־מאָטיוון פון זיינע גלות־לידער: „לבכות ענותך אני תנים ועת אחלום / שיבת שבותך אני כנור לשיריך״.[18] (צו באַוויינען דיין פּיין בין איך אַ שאַקאַל — וואָס קלאָגט יאָמערלעך ביינאַכט, — און ווען איך חלום פון דיין צוריק־קער — בין איך אַ האַרף פאַר דיינע לידער).

די ליידן, יסורים און פּיין פון אונדזער פאָלק זענען פאַר אים געווען פערזענלעכע ליידן, ווייל דער יחיד איז דאָך אַן אינטעגראַלער טייל פון כלל, אַן אבר פון גוף: „איך יערב לי אכול ושתות בעת אחזה / כי יסחבו

---

14. איביד. ל״ו.
15. איביד. ב׳, מ״ד, זייט ע״א.
16. איביד.
17. איביד.
18. שירי ר׳ יהודה הלוי, ערשטער טייל, זייט 11.

הכלבים את כפיריך / או איך מאור יום יהי מתוק לעיני בעוד / אראה בפי עורבים פגרי נשריך״ [19] (ווי קאָן איך פילן אַ טעם אין עסן און טרינקען, זעענדיק ווי די הינט שלעפּן דיינע יונגע לייבן; ווי אַזוי־זשע קאָן די ליכט פון טאָג זיין זיס פאַר מיינע אויגן, ווען איך זע אין די מיילער פון די ראָבן די פגרים פון דיינע אָדלערס?).

די ליידן פון אונדזער פאָלק האָבן אים ניט געלאָזט רוען, זיי האָבן אים ממש פאַרביטערט דאָס לעבן, און האָבן ביי אים געוועקט פאַרשידענע שטי־מונגען און מחשבות, זיין נשמה איז געווען אין אַ כף־הקלע פון יאוש, פאַר־ביטערונג קעגן וועלט און גאָט, און ער זינגט מיט גאַל און עקל: „כנדה היתה תבל לפני״ (די וועלט איז אין מיינע אויגן ווי אַ נדה) ד״ה, פול מיט טומאה. אין זיין פאַרביטערונג קעגן גאָט פרעגט ער גלייך: „ימינך השיבות ונטה ימינו צר / המאוס מאסתנו ואם ידך תקצר״ (צי האָסטו אָוועקגענומען דיין רעכטע האַנט, און דער שונא האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט; צי זענען מיר דיר נמאס געוואָרן און צי איז דיין האַנט קורץ?) ד״ה, צי האָסטו פּשוט קיין כוח ניט אונדז צו העלפן?

ער באַקלאָגט דעם יידישן גורל, וואָס די גאַנצע וועלט איז אַ שטיף־מוטער צו אונדז, פאַר אַלע פעלקער איז דאָ אַ שטיקל אייגן פּלאַץ, נאָר מיר מוזן וואַנדערן צווישן שלאַנגען און עקדישן און מיר האָבן קיין אָרט ניט צו פּיטערן אונדזער שאָף: „ימי אצעק ואפעה / מבין שרף ואפעה, כי אין מרבץ ומרעה לעדר בבר חולם״ [20] (אַלע מיינע טעג שריי איך און העשע צווישן שלאַנגען און עקדישן, ווייל ס׳איז ניטאָ צווישן די געזונטע סטאַדעס — פאַר מיר — קיין רו און קיין פּיטערונג־פּלאַץ).

טייל מאָל רעדט ער צו גאָט תחנונימדיק: „ולמה במרחק עמד דר שחק / ודודי רחק ורודי דחק״ [21] (פאַר וואָס איז דער איינוווינער פון הימל — גאָט — פון דער ווייטנס געשטאַנען? און מיין געליבטער — גאָט — האָט זיך דערווייטערט און מיין טיראַנישער הערשער האָט געדריקט און געפּייניקט?) און ער פרעגט מיט ביטערקייט און יאוש אין זעלבן שיר: „הלעולמים יזנח?״

19. איביד, זייט 61, ערשטער טייל.
20. איביד. ערשטער טייל, זייט 67.
21. איביד. ערשטער טייל, זייט 66 (אין דעם זאַץ איז דאָ אַ ווערטער־שפּיל — דודי: מיין געליבטער, רודי: מיין טיראַנישער הערשער).

(צי וועט גאָט אויף אייביק פאַרלאָזן זיין פאָלק ישראל?). אַ סך מאָל בעט ער זיך ביי גאָט ווי אַ בן־יחיד, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט ביים טאַטן: „נא, תקרב עם פדותי מידי / בת אדום עלי אשר שן חרקה" (איך בעט דיך, דערנענטער די צייט פון מיין דערלייזונג פון די הענט פון אדומס טאָכטער, וועלכע האָט געקריצט מיט אירע ציין אויף מיר).

זיין פעלדזנשטאַרקע אמונה באַזיגט זיינע ספיקות און פאַרצווייפלונג. ער טרייסט זיין פאָלק און פלאַנצט אין בטחון אין זיין אייביקן דערלייזער, ער זינגט שירי גאולה מיט אַ טיפן גלויבן, אַז דער וואָס האָט גורם געווען אַלע זייערע יסורים וועט אויך זיין דער באַלזאַם פאַר זייערע וויטיקן: „דודך יענך והוא אשר יענך / הוא הצרי לכאב והוא החלי" [22] (דיין געליבטער, וועלכער האָט דיך געפייניקט, ער וועט ענטפערן. דיין געבעט — ער איז דער באַלזאַם צו דיין וויטיק, ער איז אויך די סיבה פון דיין קראַנקייט).

ח) שירי גאולה, זיינען אַ זייער חשובער טייל פון זיינע נאַציאָנאַלע שירים. זיי זיינען אַן אָפּקלאַנג פון יאוש און רעזיגנאַציע, וועלכע האָבן באַהערשט דאָס פאָלק צוליב די רדיפות און שחיטות פון די קריסטן און מוסולמענער: „התיאשה נפשי עלות שחר / קוה למחר אחרי מחר / בי, אוהבי מה אומרה אחר — היה אדום אורח בארמוני / וידי ערב שלטו כאדמוני / וירד בי עם כלבי צאני / ושמי אשר היה להגיון / נהפך בפי זרים לבזיון / מתפארים עלי בחזיון" [23] (מיין נשמה האָט זיך מיאש געווען, אַז ס׳וועט אַמאָל ווידער אויפגיין דער מאָרגנשטערן, האָפנדיק פון איין מאָרגן צום צווייטן; כ׳בעט דיך, מיין געליבטער, וואָס זאָל איך טראַכטן נאָך דעם ווי אדום (קריסטנטום) איז געוואָרן דער בירגער אין מיין פּאַלאַץ (ד״ה, נאָך דעם ווי די נושאי־הצלב שאַלטעווען אין ארץ־ישראל) און די הענט פון די אַראַבער הערשן אַזוי ווי דער רויטער (ד.ה. עשו, דער סימבאָל פון די קריסטלעכע פעלקער). און ער האָט געהערשט איבער מיר מיט די הינט פון מיינע שאָף (אפשר איז דאָ פאַראַן אַ רמז אויף יידישע פאַררעטער); און מיין נאָמען וואָס איז געווען ווי דאָס געזאַנג פון האַרץ, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין

---

22. איביד. ערשטער טייל, זייט 58 (באַמערקט דעם שפּיל פון ווערטער — דאָס ערשטע האָרט יענך באַטייט — פייניקן; דער צווייטער פּועל יענך מיינט: ער וועט ענטפערן דיין געבעט).

23. איביד. צווייטער טייל, זייט 20.

מויל פון פרעמדע צו שאַנד און צו שפּאָט, און זיי באַרימען זיך איבער מיר אין זייערע פאַרשטעלונגען). און דער דיכטער, דער שליח פון די פאַרצווייפלטע פאָלקס־מאַסן, פרעגט גאָליק דעם דערלייזער פון ישראל: „הקצרו ידי ישעך מפדות?" (צי זיינען דיינע הילפס־הענט קורץ און דו קאָנסט אונדז ניט אויסלייזן?). און נאָך טראַגיקער איז די צווייטע העלפט פון דער פראַגע: „ואם עת יפגע כאיש יקרך?" (צי באַפאַלן דיך אויך צרות און ביסט באַ־הערשט פון דער צייט ווי אַ מענטש?).

די כפירה־שטימונגען, וועלכע רייסן זיך אַרויס פון דעם דיכטערס פאַר־וווּנדיקט האַרץ, פאַרשווינדן ווי דער מאָרגנטוי פאַר די זון־שטראַלן, ווייל טיף, ערנסט און פעלדזן־שטאַרק איז געווען זיין אמונה אין ישראלס אייבי־קייט צו וועמען דער ענין האלהי האָט זיך באַהאַפטן און איז זיין אייביקע ליכט. דעריבער ווענדט ער זיך צו די פאַרצווייפלטע און רעזיגנירטע מאַסן מיט אַ מעכטיקער גאולה־בשורה: „הטוב אמרך נואש ואל עזרך / ותדאג עלי שברך והוא שברך / מעט קט ותשמח בערוך נרך / ימי אבלך שלמו והיה לך / „לאור עולם" [24] (צי איז פּאַסיק צו טראַכטן פאַרצווייפלטע גע־דאַנקען אויב גאָט איז דיין העלפער? צי דאַרפסטו זיין פאַרזאָרגט וועגן דיין אומגליק, ווען ער איז דיין האָפענונג? אין גאָר אַ קורצער צייט וועט גאָט אָנצינדן דיין ליכט, און דו וועסט זיך פרייען; דיינע טעג פון טרויער האָבן זיך געענדיקט, און גאָט וועט זיין צו דיר אַן אייביקע ליכט).

ט) שירי ציון. — די גאולה־מאָטיוון אין ר׳ יהודה הלוים שירים זענען ניט קיין דיכטערישע שטימונגען, נאָר טיף איבערגעלעבטע מחשבותן און בענקענישן, וועלכע זיינען רייך אין כמות און אין איכות. זיי פליסן פון זיין צעווייטיקט האַרץ צוליב די ליידן און פּיין פון זיין פאָלק, און האָבן געפינען אַ מעכטיקן אָפּקלאַנג אויך אין זיין פילאָזאָפישן כוזרי.

וואָס איז דער מקור פון זיין פלאַם־פייערדיקער ליבע צו דעם לאַנד פון אונדזערע אבות? ראשית־כל דאַרף מען וויסן, אַז ר׳ יהודה הלוי האָט נעגירט דעם גלות. ער באַצייכנט אים מיט דעם נאָמען בור שבי (גרוב פון גע־פאַנגנשאַפט) און אויך גאָר פשוט „בור גלות" (גלות־גרוב). דער גלות

---

24. איב״ד. (אויך דאָ איז אַ וואָרט־שפּיל: שבר — אומגליק און שבר — האָפענונג האָבן דעם זעלבן קלאַנג).

איז, לויט זיין מיינונג, די סבה פון אונדזער שפּלותדיקן מצב צווישן די פעלקער, פון אַלע אונדזערע קערפּערלעכע און גייסטיקע יסורים, און ווי לאַנג מיר וועלן זיך נישט צוריקקערן צום לאַנד פון אונדזערע אבות, וועלן מיר זיין באַשפּיגענע און דערנידעריקטע און מיר וועלן נישט האָבן קיין מנוחה.

זיין שלילת הגלות ווערט שטאַרק באַטאָנט אין כוזרי. ווען דער כוזרי זאָגט צום חבר, אז דאָס בוקן זיך און קניען צום מזרח, ווייל דאָס געפינט זיך ארץ־ישראל, איז נאָר פאַלשקייט און אַ מנהג אָן כוונה: „אני רואה שהשתחוויתך וכריעתך נגדה חונף, או מנהג מבלתי כונה״,[25] ענטפערט דער חבר: „הובשתני מלך כוזר״ [26] (דו האָסט מיך פאַרשעמט קעניג פון כוזר) און ער איז אין גאַנצן מסכים מיט אים. ער זאָגט גאָר שאַרף, אַז אונדזערע תפילות וועגן שיבת־ציון זענען פּוסטע ווערטער אָן אמתער כוונה, ניט מער ווי דאָס פּישטשען פון אַ טמאדיקן עוף: „אין דבורנו: „השתחוו להר קדשו״ — — — „והמחזיר שכינתו לציון״ וזולת זה, אלא כצפצוף הזרזיר״. אויף אַן אַנדערן פּלאַץ אין כוזרי דריקט ער אויס דעם געדאַנק, אַז ירושלים וועט נאָר דעמאָלט געבויט ווערן, ווען מיר וועלן זי באַגערן מיט דעם גאַנצן האַרץ, און מיר וועלן טאָקע לייטזעליקן אירע שטיינער און ערד, ד״ה מיר וועלן אַקטיוו בויען דאָס לאַנד: „ירושלים אמנם תבנה כשנכספו בני ישראל לה תכלית הכוסף עד שיחוננו אבניה ועפרה״.[27]

אָבער נישט נאָר צוליב מנוחה דאַרפן מיר זיך צוריקקערן צום לאַנד פון אונדזערע אבות. עס זענען דאָ מער וויכטיקערע סיבות. מיר געפינען זיי אין זיינע מיסטיש־פילאָזאָפישע רעליגיעזע אָנשויונגען: 1) ארץ־ישראל, גלייבט ר׳ יהודה הלוי, איז דאָס לאַנד ווי די שכינה רוט, און דער באַשאַפער האָט געעפנט אַנטקעגן די טויערן פון הימל אירע טויערן: „שם השכינה שכנה לך, והיוצרך פתח למול שערי שחק שעריך״.[28] אמת, דער ייד האָט געגלייבט, אַז די שכינה האָט באַגלייט די יידן אין אַלע אירע גלותן, און ר׳ יהודה הלוי האָט די הנחה ניט אָפּגעלייקנט. ער האַלט אָבער, אַז די אָנ־

25. כוזרי ב׳, כ״ב, זייט ס״ה.
26. איביד. כ״ד.
27. איביד. ה׳, כ״ז, זייט ר״ב.
28. שירי ר׳ יהודה הלוי, ערשטער טייל, זייט 11.

זעעוודיקע שכינה איז ניט בנמצא אין גלות: „השכינה הנראית עין בעין היא אשר נעדרת".[29] נאָר די גייסטיקע פאַרבאָרגענע שכינה איז מיט יעדן ייד און אַפילו מיט יעדן אמתן גר, וואָס באַזיצט אַ ריין האַרץ און אַ לויטערע נשמה און זיינע מעשים זענען ריין: „אך השכינה הנסתרת הרוחנית היא עם כל ישראל אזרחי ועם כל בעל דת האמתית (ד"ה: אַן אמתער גר) זך המעשים, טהור הלב, נפשו ברה לאלהי ישראל".[30] 2) ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד פון נבואה, וועלכע איז, לויט ר' יהודה הלוי, די העכסטע מענטשלעכע מדרגה, אַן ערך העכער פון מענטשלעכן אינטעלעקט. קיין מענטשלעכע אייגנשאַפט קאָן זיך צו איר ניט פאַרגלייכן, ווייל די נבואה איז אַ געטלעכע אינטויִטיווע אויסשטראַלונג, וועלכע פליסט פון האַרץ און נישט פון מוח: „והיה הגוף כלו מסודר סדר אחד שם אל הנהגת הלב אשר הוא מחנה הראשון לנפש, ואם תחול במוח הוא חול שני במצוע הלב".[31] איז, אויב מיר ווילן באַנייען אונדזערע העכסטע נאַציאָנאַלע מדות, דאַרפן מיר זיך צוריקקערן צום לאַנד פון אונדזערע אבות, ווייל נאָר דאָרטן האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט צו אונדזערע נביאים און זעערס: „מי יתנני משוטט במקומות אשר / נגלו אלהים לחוזיך וציריך". און אַפילו די נביאים וואָס האָבן זוכה געווען צו דער געטלעכער התגלות אין גלות איז דאָס נאָר געווען, ווייל זיי האָבן נביאות געזאָגט וועגן ארץ־ישראל: „כל מי שנתנבא לא נתנבא, כי אם בה או בעבו־רה". נאָך דייטלעכער ווערט דער געדאַנק אַרויסגעבראַכט אין פּסוק: „ניצוץ אור אלהי מועיל אצל עמו ובארצו" [32] (דער געטלעכער פונק ווירקט אויף זיין פאָלק אין זיין לאַנד). דעריבער איז די לופט פון ארץ־ישראל מסוגל צו באַ־רייכערן די מענטשלעכע נשמה: „חיי נשמות אויר ארצך".[33] די מענטשלעכע נשמה קאָן באַרייכערט ווערן נאָר דורך דעם ווידערגעבורט פון דער נבואה, און דאָס קאָן פאַרווירקלעכט ווערן נאָר אין ארץ־ישראל, און דורך די קינדער פון יעקב, וועלכע זענען אַלע אויסדערוויילטע און אַלע ראוי צו דער געט־

29. כוזרי ה', כ"ג, זייט ר'.
30. איביד.
31. איביד. ב', י"ד, זייט נ"ז.
32. איביד. ח'.
33. שירי ר' יהודה הלוי, ערשטער טייל, זייט 12.

לעכער אינספּיראַציע: „ובני יעקב כלם סגולה, כלם ראויים לענין האלהי".[34]

אין הלויס שירים זענען אויך דאָ רמזים וועגן זיין גלויבן, אַז דער יידישער צוריקקער קיין א"י וועט צואיילן דעם פּראָצעס פון זיין פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט, און ס'וועט זיך אָנהייבן אַ נייע תקופה פאַר אונדז און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, מ'קאָן אָבער ניט און מ'טאָר ניט צו פיל בויען אויף רמזים. זיכער האָט ער געגלייבט, אַז דאָס לאַנד וועט געבויט ווערן נאָר דורך אונדזער תשוקה זי צו בויען, און דורך אונדזער מי און אַרבעט. עס איז דעריבער גאַנץ נאַטירלעך, ער זאָל געוועז באַשליסן עולה צו זיין קיין א"י, און טאַקע העלפן „לייטזעליקן אירע שטיינער און שטויב", ד"ה, בפועל ממש אָנטיילנעמען אין אויפבוי פון יידישן ישוב אין לאַנד פון די אבות.

זיין החלטה איז ניט געווען קיין לייכטע, זי איז געווען פאַרבונדן מיט סכנות נפשות. זיינע נאָענטע און פריינד האָבן זיך באַמיט אים אָפּצורעדן דערפון, אָבער זייער מי האָט קיין דערפאָלג ניט געהאַט, ווייל אין זיין האַרץ האָט געפלאַקערט אַ מיסטיש־רעליגיעזער פייער פון ליבע צום הייליקן לאַנד, און אַ רעליגיעזער דורשט זיך צו באַהעפטן, אין לאַנד פון דער נבואה, מיט דעם בורא עולם, וועלכער איז דער גייסט פון דער וועלט, זיין נשמה, זיין שכל און זיין חיות: „והאלהים הוא רוח העולם ונפשו ושכלו וחיותו, כאשר נקרא: „חי העולם".[35] ער האָט געהאָפט, אַז אין ארץ־ישראל וועט ער באַנייען זיינע פאָעטישע כוחות און זיין טאַלאַנט וועט זיך דאָרטן צעבליען, ווי ער איז מרמז אין זיין שיר: „הציקתני תשוקתי לאלהי" („און איך וועל אויפּ־בליען אין די וואַסערן פון ירדן מיינע מירן און איך וועל העלפן מיינע פלאַנצונגען צו וואַקסן אין די וואַסערן פון שילוח") „ואפריח במי ירדן נרדי / ואצמיח בשילוח שלחי".[36]

און זיין האָפענונג איז פאַרווירקלעכט געוואָרן. זיין עליה קיין ארץ־

---

34. כוזרי א', צ"ה, זייט מ'. אַז ארץ־ישראל איז דאָס לאַנד פון דער נבואה ווערט אויך אַרויסגעבראַכט אין זעלבן קאַפּיטל. „וחמדתם ארץ כנען אדמת הנבואה" און אין פיל אַנדערע פלעצער.

35. איביד. ד', ג', זייט קמ"ב.

36. שירי ר' יהודה הלוי. ערשטער טייל, עמוד 21 (אין העברעישן טעקסט איז דאָ אַ וואָרטשפּיל: שילוח — איז דער נאָמען פון אַ קליין טייכל און שלח — פלאַנץ,ביידע האָבן דעם זעלבן קלאַנג).

ישראל האָט אונדז געבראַכט זיינע רייזע־שירים, דער עיקר זיינע שירי הים, אין זיי האָט ער דערגרייכט די קולמינאַציע פון זיין פּאָעטישן שאַפן. זיינע ים־שילדערונגען גיבן אַ קינסטלערישן באַגריף פון דער מאַיעסטעטישקייט און גראַנדיעזקייט פון ים, איר זעט בחוש די פאַרשידענע געשטאַלטונגען פון די כוואַליעס, ווי זיי געשטאַלטן זיך אין צורות פון לייבן און שלאַנגען, עס ברויזט דער ים אין די סאַמע תהומות און ער שפּילט זיך מיט דער שיף ווי מיט אַ שפּילצייג, די שיף־פּאַסאַזשירן זיינען פאַרשמאַכט און פאַרחלשט, און זייערע לעפצן ציטערן מיט אַ תפילה צום בורא עולם, נאָר ער, דער דיכטער, איז רויִק און זינגט צו אים זיינע ליבּ־געזאַנגען: „וים יזעף ונפשי תעלז, כי אלֵי מקדש אלהיה קרבה״.

געווס נאָר איבערצולייענען דעם שיר „התרדף נערות אחר חמשים״, בכדי צו קריגן אַ באַגריף וועגן הלויס גרויסן מאָלערישן טאַלאַנט. אַזעלכע פּרעכטיקע מאַיעסטעטישע נאַטור־בילדער האָט די העברעישע פּאָעזיע ביז אים ניט פאַרמאָגט. דער סוף פון דעם שיר רופט נאָך איצטער אַרויס אַן אמתן עסטעטישן געווס און קאָן דינען פאַר אַ ביישפּיל פון דעם האַרמאָנישן סינטעז פון ליריק און עפּיק: (און דער ים איז ענלעך צום הימל מיט זיינע קאָלירן; ביידע צוויי ימען צונויפגעקניפּטע און צווישן זיי מיין האַרץ, דער דריטער ים, מיט דער הויך פון די וועלן פון מיינע נייע ליבלידער). „וים דומה לרקיע בעינו / שניהם אז שני ימים חבושים / ובינותם לבבי ים שלישי / בשוא גלי שבחי החדשים.[37] אַ צווייטער ים־שיר, „ים סוער״, איז אַן אמתער בת קול פון דעם ים־שטורעם און זיינע קורצע שורות קלינגען, ווי דאָס שטילע גערויש פון די ים־כוואַליעס. די דרייפאַכע קינסטלערישע קאָמבינאַציע: מוזיקאַליש־קייט, עפּיק און ליריזם באַצויבערן פּשוט.

י) רעליגיעזע פּאָעזיע. — ר״י הלויס רעליגיעזע דיכטונג פאַרמאָגט אַ מאַגישע קראַפט: זי קען אָנשטעקן די פאַרפרוירנסטע מענטשלעכע נשמה מיט אמתער עלית־נשמה.

ר׳ יהודה הלוי, דער דיכטער און פילאָזאָף, איז ניט געווען פאַרשיכורט מיט דער געטלעכקייט, ווי אייניקע פאַרשער דריקן זיך אויס וועגן שפּינאָזאַן, נאָר זיין יש איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט געטלעכער הויה. זיין דורשט

37. איב״ד. זייט 31.

צו „קרבת אלהים״ איז קיין מאָל ניט געזעטיקט געוואָרן; זיין בענקשאַפט צו גאָט, „דער גייסט פון דער וועלט, זיין נשמה, זיין שכל און זיין חיות״, האָט געפלאַקערט אין אים ווי דער נר־תמיד אין בית־המקדש; זיין ליבע צום „אין סוף״ האָט ניט געוווסט פון קיין גרענעצן, זיין שטרעבן צו דבקות און „עילת העילות״ איז געווען אַזוי שטאַרק און מעכטיק, אַז ער איז גרייט געווען מקריב צו זיין זיין לעבן צוליב איר. זיין דורשט צו „קרבת אלהים״ איז ניט געווען קיין ראַציאָנעלער, נאָר אַ מיסטיש־עמאָציאָנעלער: „ולבי ראך ויאמן בך / כאלו מעמד היה בסיני״ [38] (מיין האַרץ האָט דיך געזען און האָט געגלויבט אין דיר, גלייך ווי ער וואָלט אַוועקגעשטעלט געוואָרן ביים באַרג סיני).

ר׳ יהודה הלוי איז געווען אַזוי איבערפולט מיט דער געטלעכער מציאות, אַז זיין גאַנצע עקזיסטענץ איז געווען פאַרבונדן מיט איר. אָן איר האָט זיין לעבן ניט געהאַט קיין זינען: „ואם אינך מנתי, מה מנתי״? [39] (אויב דו ביסט ניט מיין גורל, וואָס איז מיין גורל?). ער פילט די געטלעכע מציאות מיט די אידלסטע סטרונעס פון זיין האַרץ, אָבער ער קען זיך מיט איר ניט אָנזעטיקן, און דאָס איז די סבה פון זיין גאָט־זוכעניש: „יה, אנה אמצאך? / מקומך נעלה ונעלם / ואנה לא אמצאך? / כבודך מלא עולם״ [40] (גאָט ווו וועל איך דיך געפינען? דיין אָרט איז דערהויבן און פאַרבאָרגן, און ווו וועל איך דיך ניט געפינען? דיין כבוד איבערפולט די וועלט).

זיין גאָט־זוכעניש איז, ווי שוין דערמאָנט, מער אַ פּראָדוקט פון האַרץ ווי פון מוח, ווייל בכלל אין זיין פּאָעזיע, און אַפילו זיין פילאָזאָפיע, די אויס־שטראַלונג פון זיינע עמאָציעס, דעריבער דרינגען זיי אַריין אין די טיפענישן פון אונדזערע הערצער: „דרשתי קרבתך / בכל לבי קראתיך / ובצאתי לקראתך / לקראתי מצאתיך״ [41] (איך האָב געזוכט דיין נאָענטקייט, איך האָב דיך גערופן מיט מיין גאַנצן האַרץ, און אַז איך בין דיר אַקעגנגעגאַנגען, ביסט דו צו מיר אַקעגנגעקומען). אָבער זיין גאָט־זוכעניש איז ניט תמיד געשטילט, זי ברויזט אין אים און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פיבעריש־געטלעכן

---

38. איביד. צווייטער טייל, זייט 120.
39. איביד. זייט 93.
40. איביד. זייט 131.
41. איביד. זייט 132.

נשמה־דורשט, וואָס זיין גלייכן קען מען נאָר געפינען אין דער איבערמענטש־לעכער השתפכות הנפש פון תהלים: „לראות פני מלכי מגמתי לבד / ——— מי יתנני לחזותו בחלום / אישן שנת עולם ולא אקיצה" [42] (מיין איין און איינציקע שטרעבונג איז צו זען דאָס פנים פון מיין קעניג; הלוואי וואָלט איך אים געקענט זען אין חלום, וואָלט איך געשלאָפן אַן אייביקן שלאָף, און כ׳וואָלט זיך ניט אויפגעוואַכט).

זיין רעליגיעזער עקסטאַז שטייגט בהדרגהדיק און דערגרייכט זיין קול־מינאַציע־פונקט אין די דאָזיקע שורות: „ברחקי ממך מותי בחיי ואם אדבק בך חיי במותי" [43] (ווען איך דערווייטער זיך פון דיר, בין איך טויט ביי מיין לעבן; און ווען איך באַהעפט זיך מיט דיר, לעב איך טויטערהייט). דער דיכטער איז גרייט מקריב צו זיין זיין לעבן פאַר איין מינוט פון געטלעכער דבקות, ווייל ער גלייבט אין השארת הנפש און איז זיכער, „כי יום תנומתי תהיה תקומתי" [44] (דער טאָג פון מיין איינשלאָפן — ד.ה. דער טויט — וועט זיין מיין אויפקום).

דער גלויבן אין השארת הנפש דורך געטלעכער דבקות ווערט גאָר קלאָר אַרויסגעבראַכט אין כוזרי: „והדבר הגדול אשר בו דבקת — אליו הגעת. ואל יקשה, בעיניך אם תמות אחרי אשר דבקת בו, כי אין מותך, כי אם כלות הגוף בלבד, אבל הנפש שהגיעה אל המעלה ההיא אין לה ירידה ממנה ולא רוחק מן המדרגה ההיא. ונתבאר מזה, כי אין קורבה אל האלהים אלא במצות האלהים" [45] (און די גרויסע זאַך אין וועמען דו האָסט זיך באַהאָפטן, האָסטו דערגרייכט צו איר. און ס׳זאָל דיך ניט פאַרדריסן, און זאָלסט דיך ניט ערגערן, אויב דו וועסט שטאַרבן נאָך דעם ווי דו האָסט זיך מתדבק געווען אין אים, ווייל דיין טויט איז נאָר די פאַרניכטונג פון גוף, אָבער די נשמה וואָס האָט דערגרייכט צו דער גרויסער מעלה (שטופע) וועט מער ניט האָבן קיין ירידה און קיין דערווייטערונג פון יענער מדרגה, — ד"ה פון קרבת אלהים — און ס׳איז דאָ דערקלערט געוואָרן, אַז ס׳איז ניטאָ קיין דערנענ־טערונג צו גאָט נאָר דורך זיינע מצוות). די הנחה, אַז אַ מענטש קען זיך

---

42. איביד. זייט 88.
43. איביד. זייט 91.
44. איביד. זייט 98.
45. כוזרי ג׳, נ"ג, זייט קכ"ב.

דערנענטערן צו גאָט ניט דורך אינטעלעקטועלן דענקען, נאָר דורך זיינע מצוות, ווערט שטאַרק באַטאָנט אין כוזרי ווי אין אַנדערע ערטער.

וואָס איז דער מקור פון זיין דורשט צו געטלעכער דבקות, זיין אינ־סופיקע ליבע צו גאָט? מיט אמתער נביאישער עקזאַלטאַציע גיסט ער אויס זיין האַרץ פאַר דעם בורא־עולם: „בכל לבי, אמת, ובכל מאדי — אהבתיך ובגלויי וסודי — שמך עמי, ואיך אלך לבדי? / והוא דודי, ואיך אשב יחי־די? / והוא נרי, ואיך ידעך מאורי״? [46] (מיט מיין גאַנצן האַרץ, אמת, [גאָט] און מיט מיין גאַנצן ווען האָב איך דיך ליב, מיט מיין אַנטפּלעקונג און מיט מיין סוד; דיין נאָמען איז מיט מיר, ווי אַזוי־זשע קאָן איך גיין אַליין? און ער איז מיין געליבטער, ווי אַזוי־זשע קאָן איך זיצן איינזאַם? און ער איז מיין ליכט, ווי אַזוי־זשע קאָן צאַנקען און אויסגיין מיין ליכט?).

זיין ליבע צו גאָט האָט אים געבראַכט צו התבטלות היש (זעלבסט־נעגאַציע) ער איז געווען גרייט אויף אַלע קרבנות, און ער האָט זיך געווענדט צום באַשאַפער פון דער וועלט מיט אַ פלאַם־פייערדיקן פּאַטאָס־אויסגוס: „הוסף כאב אוסיף אהוב, כי נפלאה אהבתך לי״ [47] (וואָס מער דו וועסט מיך פייניקן, אַלץ מער וועל איך דיך ליבן, ווייל אומבאַגרייפלעך איז מיין ליבע צו דיר). דער דיכטער שטייט פאַרגאַפט פון דער געטלעכער גרויסקייט, וועלכע אַנטפּלעקט זיך צו אונדז אין דער גיגאַנטישקייט פון דעם קאָסמאָס און אין זיינע מעשים, בעיקר אין זיינע צוויי פענאָמענאַלע פעולות: קריעת ים־סוף און די התגלות ביים באַרג סיני. די צוויי מעטאַ־היסטאָרישע געשעע־נישן זיינען פאַר ר׳ יהודה הלוין די בעסטע ראיות פאַר דער געטלעכער מציאות, און פון איר גרויסקייט: „ים סוף וסיני עדי גדולתך״.[48] אָט דער געדאַנק ווערט פיל מאָל באַטאָנט אויך אין זיין כוזרי און איז, אַזוי צו זאָגן, דער שליסל צו זיין פילאָזאָפישער השגה וועגן דער געטלעכער מציאות. (מאמר ראשון, כ״ה) און אין אַנדערע שטעלן.

און פונקט ווי ער איז באַגייסטערט פון דער געטלעכער גרויסקייט, אַזוי ווערט ער אויך נתפעל פון זיין עניוות, פון זיין נאָענטקייט צו יעדן געבראַ־כענעם און געפייניקטן מענטשן: „השם אשר שכנו ברום עולם והוא / נמצא

46. שירי ר׳ יהודה הלוי, ערשטער טייל, זייט 56.

47. איביד. זייט 57.

48. איביד. צווייטער טייל, זייט 16.

בלב דכא ועם איש נענה" (גאָט, וועמענס רו־פּלאַץ איז אויך אין דער הויך פון דער וועלט, געפינט זיך (אויך) אין דעם האַרץ פון דעם געבראָכענעם און געפּייניקטן מענטשן). און ווי גרויס ס׳איז זיין ליבע צו גאָט, אַזוי איז אויך זיין בטחון אין אים: ער שפּראָצט און שפּרודלט פון די טיפענישן פון זיין ווירטואָזיש האַרץ (אויך גלויבן האָט אירע ווירטואָזן), און דערגרייכט זיין קולמינאַציע אין די דאָזיקע שורות: „הנה בך שברי ומאויי / את צור לבבי, את מקור חיי — — — עזי ומעוזי בך סלה / הן תקטלני לך איחלה" [49] (אין דיר איז מיין האָפענונג און מיין גלוסטן: דו ביסט דער פעלדז פון מיין האַרץ, דו ביסט דער קוואַל פון מיין לעבן, מיין קראַפט און מאַכט איז אין דיר, סלה! אַפילו ווען דו וועסט מיך הרגענען, וועל איך האָפן צו דיר).

דעם דיכטערס בטחון אין גאָט איז ניט נאָר אַן אינדיווידועלער, נאָר אויך אַ נאַציאָנאַלער: ער גלויבט באמונה שלמה, אז דער בונד צווישן גאָט און זיין „עם סגולה" איז אַן אייביקער און וועט קיין מאָל ניט בטל ווערן; און כאָטש די הינט פרעסן דאָס לייב פון אונדזערע אָדלער, ווערט ער ניט פאַרצווייפלט און פאַרלירט ניט דעם בטחון אין דעם אייביקן דערלייזער פון ישראל. די גאולה מוז קומען און וועט קומען. ער ווענדט זיך דעריבער צום פאָלק מיט אַ מעכטיקן גאולה־רוף: „התעתדי לקץ ואם יוחר / כי לא המי־רותיך בעם אחר / בחרת בי, גם בך אני בוחר" [50] (גרייט זיך צום קץ, ווען אפילו ער וועט זיך פאַרשפּעטיקן! איך האָב דיך ניט אויסגעביטן אויף קיין אַנדער פאָלק! דו האָסט מיך אויסדערוויילט, אויך איך האָב דיך אויסדער־ווילט).

און פּונקט אַזוי ווי ס׳איז אייביק דער בונד צווישן גאָט און זיין „עם סגולה", אַזוי איז אויך אייביק דער בונד צווישן יידישן פאָלק און זיין לאַנד, ווייל נאָר אין איר וועט זיך ווידער אַ מאָל אַנטפּלעקן די שכינה צו אים, און דאָרט וועט באַנייט ווערן די נבואה. און נאָך אַן אייביקן קנין פאַרמאָגט דאָס יידישע פאָלק — די תורה וועלכע ער באַזינגט אַזוי: „עדנה עדי לה אשר לא בלתה" (זי באַזיצט אַן אייביקע יוגנט, וועלכע איז קיין מאָל ניט

---

49. איביד. צווייטער טייל, זייט 1.
50. איביד. צווייטער טייל, זייט 21.

פאַרוויאַנעט געוואָרן), „אחותי היא, נפשי בעבורי חיתה" (זי איז מיין שוועס־טער, און מיין נשמה האָט צוליב איר געלעבט). אַזוי האָט ר׳ יהודה הלוי פאַרטיפט אונדזער אחדות־לאָזונג און אָנשטאָט אַ דריי־איינקייט פון: ישראל אוריתא וקודשא בריך הוא, האָט ער אונדז געגעבן אַ פיר־איינקייט: גאָט, תורה, עם ישראל און ארץ־ישראל.

איבער דעם לאַבירינט פון אונדזער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער פּאָעזיע פון מיטלאַלטער שיינט ר׳ יהודה הלויס דיכטונג מיט איר אייביקער מאַיעס־טעטישער פּראַכט.

דענקער און שאַפער פון חכמת ישראל

ק ל אַ ס י ק ע ר

ר׳ נחמן קראָכמאַל

ר׳ נחמן קראָכמאַל, וועמענס הונדערטסטן יאָרצייט מיר וואָלטן געדאַרפט פּייערן דאָס יאָר, ווען מיר וואָלט ניט געווען איינגעטונקט אין אַ ים פון צרות, איז געווען איינער פון די אָריגינעלסטע דענקער און פילאָזאָפן, וואָס דער יידישער געניוס האָט אַרויסגעבראַכט. ער איז געווען אַ לערער און אַ וועגווייזער ניט נאָר פאַר זיין דור, נאָר אויך פאַר די שפּעטערדיקע דורות, און זיין קאַפּיטאַלער ווערק „מורה נבוכי הזמן״, וואָס איז דערשינען עלף יאָר נאָך זיין טויט, איז ניט פאַרעלטערט געוואָרן אין לויף פון לעצטן יאָרהונדערט און נאָך איצט וואָלט ער געקענט און געדאַרפט זיין אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר די בלאָנדזשענדיקע פון אונדזער דור.

ווען מיר דערפאַר פּרובירן אין קורצן איבערגעבן זיין לעבנס־געשיכטע און דעם תמצית מן התמצית פון זיינע אידעען און געדאַנקען, און „ואידך זיל גמר״.

ר׳ נחמן קראָכמאַל איז געבוירן געוואָרן ז׳ אדר תקמ״ה (17טן פעברואַר, 1785) אין בראָד, גאַליציע. זיין פאָטער ר׳ שלום קראָכמאַלניק איז געווען אַ רייכער סוחר און שוין אַ ביסעלע „געכאַפּט״ פון דער השכלה־באַוועגונג, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין גאַליציע. ס׳איז אַ סברא, אַז ער האָט זיך פּערזענלעך באַגעגנט מיט די צוויי הויפּט־זיילן פון דער בערלינער משכילישער קאַלאָניע — מענדעלסאָן און פרידלאַנד — און איז געוואָרן באַאיינפלוסט פון זיי און פון זייערע אידעאַלן.

נחמן, זיין זון, איז געווען פיזיש אַ שוואַכער און אַ קרענקלעכער, אָבער אַן עלוי און אַ מתמיד.

און דער פאָטער, הגם שוין אַ ביסעלע אַ „היינטוועלטיקער״, האָט אים געגעבן אַן אמת טראַדיציאָנעלע און רעליגיעזע דערציונג. דער יונגער נחמן האָט געלערנט ש״ס און פּוסקים און געשליפן זיין שאַרפן, טיפן מוח. זיין

מאַמע האָט געצאָלט זעקס דוקאַטן אַ יאָר, כדי צו באַפרייען איר עלוישן בחור פון דער גזרה פון דער נאָרמאַל־שול. די בראָדער משכּילים האָבן אָבער געוואָרפן אַן אויג אויף דעם באַגאַבטן בחור און אים געכאַפּט אין זייער נעץ.

ווען נחמן איז אַלט געוואָרן גאַנצע 14 יאָר האָבן אים די עלטערן חתונה געמאַכט פאַר דעם זשאָלקעווער גבירס טאָכטער שרה האָבערמאַן.

שמערל האָבערמאַן, דער גביר, האָט צוגעזאָגט צו געבן זיין איידעמל אייביקע קעסט, כדי נחמן זאָל קאָנען ווידמען זיין גאַנצע צייט צו תורה ועבודה.

אין זשאָלקעוו האָט זיך נחמן באַקאַנט מיט דעם לערער פון דער אָר־טיקער נאָרמאַל־שול ברוך צבי נייא, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ רייכער ביב־ליאָטעק פון פאַרשידנאַרטיקע וועלטלעכע, פרעמדשפּראַכיקע און העברעישע ביכער, און אָנשטאָט צו ווידמען זיך אויסשליסלעך פאַר תורה, האָט ער צעטיילט זיין צייט צווישן תורה און השכלה. די ערשטע 15 יאָר פון זיין לעבן אין זשאָלקעוו זיינען געווען זייער פּרוכטבאַרע פאַר דעם „זיידענעם יונגנ־מאַנטשיק״: ער האָט זיך דערוואָרבן אַ גרינטלעכע קענטעניש פון די קלאַ־סישע שפּראַכן, לאַטיין און גריכיש, אייניקע סעמיטישע שפּראַכן און אויך דייטש און פראַנצויזיש. אָבער זיין ליבלינג־שטודיום איז געווען פילאָזאָפיע. ער האָט זיך פאַרטיפט אין דעם „מורה נבוכים״ פון רמב״ם און אין די יידישע פילאָזאָפישע ספרים פון מיטלאַלטער. שפּעטער איז ער פאַרכאַפּט געוואָרן פון די מאָדערנע פילאָזאָפן.

ער האָט אָבער ניט אויפגעגעבן דאָס לערנען פון ש״ס און פּוסקים, ער האָט שטודירט אַפילו קבלה. און אויף זיין טיש האָט מען געקענט געפינען, לויט די עדות פון זיין תלמיד, דעם דיכטער מאיר הלוי לעטעריס, גלייכצייַ־טיק די פאָלגנדיקע ספרים: אייניקע מסכתות פון בבלי און ירושלמי, דעם ספר הזהר, דעם ספר הקנה, דעם ספר פון מהר״ם אלשיך, דעם מאור־עינים פון ר׳ עזריה מן האדומים, די „עטיק״ פון שפּינאָזאַ, די פילאָזאָפישע ווערק פון קאַנט און אויך ווערק פון קלאַסישע און מאָדערנע פּאָעטן.

שוין אין זיינע יוגנט־יאָרן איז ער געווען דורכגעדרונגען מיט אַ באַ־וווּסטזיניקן שטרעבן צו געפינען אַ סינטעז צווישן וועלטלעכקייט און יידיש־קייט. קיין מאָל איז ער ניט נתבטל געוואָרן פון דער אייראָפּעישער קולטור און האָט ניט געליטן פון דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, ווי די אַמאָ־

ליקע משכילים. ער איז געווען אַ שטאָלצער, באַוווסטזיניקער ייד אַלע יאָרן פון זיין לעבן און זיך באַצויגן מיט אַכטונג צו דער יידישער רעליגיע. אַפילו צו די אַזוי גערופענע „מצוות מעשיות" האָט ער אַרויסגעוויזן דרך ארץ און איז געווען אַ שומר תורה ומצוות, ווי אַ שטרענגער אָרטאָדאָקסישער ייד, טראָץ זיין פילאָזאָפיש-וועלטלעכן באַנעם.

15 יאָר פלייסיקע גייסטיקע אַרבעט האָבן אונטערגעגראָבן זיין שוין אָפּגעשוואַכטן קערפּער. ר' נחמן איז ערנסט קראַנק געוואָרן און האָט געמוזט אויף אַ צייט פאַרלאָזן זיין וווינונג אין זשאָלקעוו און זיך היילן אין לעמבערג ביי די אָרטיקע דאָקטוירים.

דאָרטן באַקענט ער זיך מיט די פירנדיקע משכילים פון זיין צייט און ווערט די צענטראַלע פּערזענלעכקייט פון דער משכילישער קאָלאָניע אין גאַליציע.

זיין קראַנקייט האָט אים געצוווּנגען זיך צו שיידן אויף אַ לענגערע צייט מיט זיין ליבלינג-שטודיום — פילאָזאָפיע און ער ווידמעט זיך בלויז געשיכטע, איבערהויפּט יידישער.

די גאָטס סטראַפּטשעס אין גאַליציע, האָבן לאַנג געזוכט עפּעס אַ פּריטשעפּקע, ווי אַזוי צו פאַרשוואַרצן ר' נחמן קראָכמאַל אין די אויגן פון זיין שווער און שוויגער און די גאָטספאָרכטיקע יידן אין זשאָלקעוו. אָבער אָן דערפאָלג: גיי טשעפּע זיך צו אַ יידן אַ למדן, אַ גבירישן זון און איידעם, אַ שומר תורה ומצוות, וואָס דערצערנט ניט קיינעם? אָבער „יגעת ומצאת — תאמין"!

אַ חברה חסידים, עבירה-זוכער, האָבן אויסגענאַרט אַ בריוו, וואָס ר' נחמן קראָכמאַל האָט געשיקט צום קאַקיזאָווער „חכם" פון דער אָרטיקער קראים-געמיינדע, און אויף דעם סמך פון דעם בריוו האָבן זיי פאַרשפּרייט אַ שקר-בלבול אויף ר' נחמן קראָכמאַל, אַז ער איז נוטה צו דער קאַראַאימישער וועלט-אַנשויונג און איז אַ כופר אין תורה שבעל פה.

דער בלבול האָט פאַרביטערט דאָס לעבן פון דעם קראַנקן, יונגן און באַשיידענעם פילאָזאָף, אָבער ער האָט מוטיק איבערגעוווּנדן זיינע ליידן און אויפגענומען דעם קאַמף: ער האָט אָנגעשריבן אַן „אגרת ההתנצלות" צו אַ בכבודיקן תלמיד-חכם ר' זאב דוב שיף, אין וועלכן ער לייקנט אָפּ קאַטעגאָריש דעם „קראים-בלבול", וואָס מען האָט אויסגעטראַכט אויף אים

און באַמיט זיך ריינצווואַשן פון שקר. ער זאָגט אויף זיך עדות, אַז ער איז חלילה ניט קיין פורק עול מצוות: „ות"ל נודע לכל באי שער עירי שאיני חלילה פורק עול מצות ודברי חז"ל ושאני נזהר בקוליהן ובחומריהן וקובע עתים למקרא משנה וגמרא"... און נאָך דעם ווי ער האָט זיך ריינגעוואַשן פון דעם שקר־בלבול, שפּאַסט ער גאַליק פון די חסידים.

דער בריוו איז אַ היסטאָרישער דאָקומענט, ווייל ער אַנטפּלעקט פאַר אונדז די מענטאַליטעט פון מחבר און קאָן דינען אַלס שליסל צו ר׳ נחמן קראָכמאַלס שנאה צו חסידיזם, כאָטש לויט די עדות פון זיין באַרימטן זון אברהם האָט ער געשטאַמט פון בעש"ט...

דער אינצידענט מיטן בלבול האָט שטאַרק געווירקט אויף ר׳ נחמן קראָכמאַל. דאָס האָט אים אַרויסגענומען פון זיין שטודיר־צימער און אים געמאַכט פאַר אַ „פּראַקטישן מענטשן". ס׳איז אַ סברה, אַז דער אינצידענט האָט גורם געווען, ער זאָל זיך אָנהייבן באַשעפטיקן מיט קהלשע ענינים און מיט מסחר: ער ווערט אַ פּראָפּענאַטאָר — אַ פּרנסה ניט זייער קיין געהויבענע פאַר אַ פילאָזאָף — און ראש הקהל אין זשאָלקעוו. ער באַפרייט זיך פון שווערס קעסט, ווערט זעלבשטענדיק און אַ שטיקל תקיף אין דער געמיינדע. אַ דאַנק זיין השפעה ווערט ר׳ צבי חיות, אַ רב אַ פאָרשער, דער גייסטיקער פירער פון דער זשאָלקעווער קהלה.

אַ נייער פּעריאָד הייבט זיך אָן אין זיין לעבן: דער שטילער, באַשיידענער יונגערמאַנטשיק ווערט דער „רבי" פון די גאַליציאַנער משכילים, דער וועגווייזער און דער לערער פון אַ גרויסער גרופּע טאַלאַנטפולע תלמידים, ווי שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט, אַ געשיכטע־פאָרשער און געלערנטער, ר׳ יצחק דוב לעווינסאָן, דער רוסישער מענדעלסאָן, הירש מענדל פּינלש, דער מחבר פון „דרכה של תורה", יעקב שמואל ביק, אַ משכיל, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ בעל־תשובה און אַן אָנהענגער פון חסידיזם. שמעון בלאָך, דער מחבר פון „שבילי עולם", מאיר הלוי לעטעריס דער דיכטער, און פיל אַנדערע. ער איבט אויס אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף זיינע תלמידים און חברים; ער רעגט זיי אָן צו שאַפן און צו באַרייכערן די יידישע וויסנשאַפט; זיינע תלמידים ווערן באַרימט דורך זייערע ווערק און דער „רבי", בכבודו ובעצמו, לערנט, שטודירט, פאָרשט, גרייט מאַטעריאַל פאַר זיין לעבנסווערק — און שווייגט. נאָר איין־איינציקן קורצן אַרטיקל האָט ער פאַרעפנט־

לעכט ביי זיין לעבן אין ערשטן באַנד פון „כרם חמד", וועלכער איז שפּעטער אַריין אַלס ערשטער שער אין זיין ספר מיט דעם נאָמען „הסמים".

ר׳ נחמן קראָכמאַל איז געווען פון די מתמידים, וואָס זיינען אַזוי פאַר־נומען מיט זייער לערנען, אַז זיי האָבן קיין צייט ניט פאַר שרייבן, זיי ווילן בעסער אַליין לערנען, ווי לערנען אַ צווייטן.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן זיינען געווען טראַגישע: ער האָט גייסטיק פאַרלוירן זיין עלטסטן זון יוסף — ער איז אַוועק קיין רוסלאַנד שטודירן מעדיצין — און האָט זיך אַ ביסל צוגעשמדט; ער האָט פאַרלוירן זיין לעבנס־באַגלייטערין, זיין איבערגעגעבענע פרוי שרה און האָט אויך פאַרלוירן זיין פאַרמעגן און איז געוואָרן אַ מחוסר פּרנסה.

אַ פיזיש צעבראָכענער און פאַראָרעמטער קערט ער זיך צוריק אין זיין געבורטס־שטאָט בראָד, ווו ער איז זיך מתפרנס פון בוכהאַלטעריע און מלמדות און צום סוף, צוליב פיזישער שוואַכקייט, איז ער געצוווּנגען אָנצו־נעמען די שטיצע פון זיין איידעם ד״ר נתן נטע האָראָוויץ, וועלכער האָט פּראַקטיצירט מעדיצין אין טאַרנאָפּאָל, האָט רעספּעקטירט און ממש פאַר־געטערט זיין שווער נחמן קראָכמאַל, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין זיין הויז.

אייניקע חדשים פאַר זיין טויט האָט אים די בערלינער געמיינדע גע־וואָלט אויסקלייבן פאַר רב, אָבער ר׳ נחמן קראָכמאַל, דער ערלעכער און געוויסנהאַפטער פילאָזאָף, האָט ניט געוואָלט פאַרקויפן זיין געוויסן־פרייהייט פאַר אַ שטיקל ברויט. ס׳קאָן אויך זיין אַז די הויפּט־מניעה איז געווען דער פאַרלאַנג צו פאַרענדיקן זיין לעבנסווערק, דעם „מורה נבוכי הזמן", אָבער זיין ווונטש איז ניט דערפילט געוואָרן. ער האָט אויסגעהויכט זיין ריינע נשמה ראש חדש מנחם אב, ת״ר (31 יולי 1840) און האָט איבערגעלאָזט אַ ניט פאַרענדיקט ווערק, וואָס איז דערשינען עלף יאָר נאָך זיין טויט, אין 1851, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם באַוווּסטן געלערנטן יום טוב ליפּמאַן צונץ.

מיר האָבן איבערגעגעבן אין קורצן די לעבנסגעשיכטע פון ר׳ נחמן קראָכמאַל און מיר ווען זיך באַמיען איבערצוגעבן אַ תמצית מן התמצית פון זיינע געדאַנקען, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך אין אַ קורצער אָפּהאַנדלונג.

*

ר׳ נחמן קראָכמאַלס וועלט־אַנשויונג איז אַ ריין אידעאַליסטישע, ווי עס פּאַסט פאַר אַ תלמיד פון רמב״ם און פון דער דייטשער אידעאַליסטישער

פילאָזאָפיע, און דערפאַר איז גאַנץ פאַרשטענדלעך זיין איבערצייגונג, אַז דער עצם מהות פון יעדער נאַציע איז ניט איר פאָליטישע און שטאַטלעכע אָר־גאַניזאַציע, נאָר איר גייסטיקייט, „כי לפי האמת, אין עצמות האומה במה שהוא אומה כ"א עצמות הרוחני שבה".

און ווען אַפילו אַ פאָלק שטאַרבט אָפּ צוליב זיין גייסטיקער ירידה און דעגענעראַציע, גייט זיין גייסט ניט פאַרלוירן, נאָר ווערט אַ טייל פון דעם וועלט־גייסט, בלייבט לעבן אין דער קונסט, פּאָעזיע, מוזיק און געזעצגעבונג, וואָס דאָס פאָלק האָט געשאַפן, ווייל גייסט באַזיצט אַן אייביקע און רעלאַטיווע עקזיסטענץ, „לכל רוחני טבע מציאות קיים ובלתי בעל־תכלית".

יעדעס פאָלק באַזיצט אַן אַל־גייסט — אַ רוח כולל — און דאָס ווערט אויף אַ בילדלעכן אופן באַצייכנט מיט דעם נאָמען „אלהי האומה" אָדער „שר האומה"; די פעלקער אין אַלטערטום האָבן געדינט צו געטשקעס, וועלכע האָבן סימבאָליזירט זייערע גייסטיקע אייגנשאַפטן.

דער אלקי ישראל איז ניט געווען קיין סימבאָלישער טייל פון דער בריאה, נאָר דער „יוצר הכל". ער איז דער אַבסאָלוטער גייסט און אויסער אים איז ניטאָ קיין קוואַל פון גייסטיקער עקזיסטענץ, „כי הרוחני המוחלט הוא ואין עוד מלבדו מקור כל ישות רוחנית וכלל כולם".

און די געטלעכע הנהגה האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זיין אַ „ממלכת כהנים", ד. ה. מיר זאָלן זיין לערער פאַר דעם מענטשלעכן מין און מיר דאַרפן וויסן, אַז יעדע טאַט פון אונדזער פאָלק און יעדע גייסטיקע דער־הויבענע אייגנשאַפט, וואָס אַנטפּלעקט זיך און קומט צום אויסדרוק אין אונדז, זענען אַן אויסשטראַלונג פון דער געטלעכער אַלגייסטיקייט און דאָס איז דער באַדייט פון דעם אויסדרוק: „ושכנתי בתוכם" — איך וועל רוען צווישן אייך.

און ווייל אונדזער עקזיסטענץ איז געווען פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דער מציאות פון דעם אַבסאָלוטן גייסט — דערפאַר איז אונדזער רוחניות־דיקייט געווען פון אַ גאָר הויכער מדרגה און דערפאַר עקזיסטירן מיר ביז דעם היינטיקן טאָג. און דאָ ווערט דער פילאָזאָף פאַרוואַנדלט אין אַ נביא און רופט אויס מיט עקסטאַז: „ובה אנחנו קיימים עד היום הזה, ועמה נעמוד ונושע תשועת עולמים" (שער ז, גוים ואלהיו, דף לט).

און אין שער ח', וועלכער הייסט „עם עולם ומועדיו" טרעט צו ר' נחמן

קראָכמאַל צו באַלייכטן און אויפקלערן די יידישע געשיכטע אין ליכט פון פילאָזאָפיע. ווי ס׳ווייזט אויס האָט ער זיין הויפּט־געדאַנק גענומען פון העגעלן, אָבער ער האָט אים געגעבן אַ נייע ווענדונג. זייער טרעפלעך באַצייכנט די נייע ווענדונג ד״ר י. צינבערג אין זיין „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״:

„קראָכמאַלס הויפּט־אינטערעס צו געשיכטע ליגט ניט אין דעם, וואָס דורך איר אַנטוויקלונגס־גאַנג קומט דער אוניווערסאַלער גייסט צו זיין פולן זעלבסט־באַוווסטזיין, צו דער ,דערקענטעניש פון זיך גופא׳, נאָר וואָס דורך אויספאָרשן און דערקענען די קולטור־היסטאָרישע פּראָצעסן, קומט צום ,זעלבסט־באַוווסטזיין׳ די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט״ (באַנד 8, ערשטער בוך, עמוד 86).

ד״ר יוסף קלויזנער אין זיין „היסטוריה של הספרות העברית החדשה״ באַהויפּטעט אויך, אַז ר׳ נחמן קראָכמאַל האָט באַקומען פון העגעלן אַ שטאַרקע אָנרעגונג צו זיין געשיכטס־פילאָזאָפיע, צו זען אין יידנטום די העכסטע אַנטוויקלונג פון „רוחני המוחלט״, אָבער ער איז געווען געצוווּנגען צו שאַפן אַן אָריגינעלע אָנשויונג איבער דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער געשיכטע, ווייל העגעל האָט געזען אין אַנטפּלעקונג פון גייסט אין דער יידישער נאַציע נאָר אַ ציטווייליקע דערשיינונג, און ר׳ נחמן קראָכמאַל האָט געגלייבט אין נצח ישראל (היסטוריה של הספרות העברית החדשה, צווייטער באַנד, עמוד 207).

וואָסערע איז קראָכמאַלס געשיכטס־פילאָזאָפיע?

יעדע נאַציע מאַכט דורך אין פאַרלויף פון איר עקזיסטענץ דריי פּעריאָדן — א) מועד הצמיחה והגידול — דער פּעריאָד פון שפּראָצן און וואַקסן. ב) מועד העוז והמפעל — דער פּעריאָד פון קראַפט און אַקציע. ג) מועד ההתוך והכליון — דער פּעריאָד פון אויפלייזונג און פאַרניכטונג.

אין דעם ערשטן פּעריאָד שפּראָצט דאָס פאָלק דורך דער פאַראייניקונג פון זיינע משפחות אין שבטים, און, הויפּטזעכלעך, דורך דער פאַרשטאַרקונג פון זיין גייסט, וועלכער קומט צום אויסדרוק אין זיין רעליגיע און קולטור. דער גייסטיקער אויפשוווּנג ברענגט צו אַן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן אויפשוווּנג און דעמאָלט הייבט דאָס פאָלק אָן צו פילן זיין קראַפט און רייפקייט און עס ווערט דורכגעדרונגען מיט פיזישער און גייסטיקער ענערגיע, וואָס

וועקט אים צו העלדן־טאַטן. און אויב דער גייסטיקער רעזערוואַר איז אַ קליינער און אַ מינדערווערטיקער, דערשעפּט ער זיך דורך זיינע העלדן־טאַטן, ער ווערט דעגראַדירט און פאַרשווינדט פון דער היסטאָרישער אַרענע.

דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעמאַכט דעם זעלבן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, ווי אַנדערע פעלקער, אָבער איז ניט פאַרשוואונדן אין גלות בבל, — דער סוף פון ערשטן פּעריאָד אין אונדזער געשיכטע, — ווייל דער אַבסאָלוטער גייסט פון אונדזער פאָלק, וואָס איז אַן אויסשטראַלונג פון דער געטלעכער רוחניות־דיקייט, האָט אים ניט געלאָזט שטאַרבן „הרוחני הכללי שבתוכנו יגן עלינו ויצילנו מדין כל בני חלוף״.

און אונדזער געשיכטע איז אַן אויסנאַם. נאָך אַ פּעריאָד פון אויפלייזונג און פאַרניכטונג הייבט זיך נאָך אַ מאָל אָן אַ נייער פּעריאָד פון שפּראָצונג און וואַקסן.

קראָכמאַל אַנאַליזירט דעם ערשטן פּעריאָד פון אונדזער געשיכטע און צייכנט אָן דריי הויפּט־פּעריאָדן אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, און ווילנדיק, ניט ווילנדיק, ווערט דער לייענער, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, דער שטודירער, ווייל קראָכמאַלן קאָן מען ניט לייענען, נאָר שטודירן — אָנגעהויכט און דורכגענומען מיט דער פילאָזאָפישער באַגרינדונג פון דער אַלטער אמונה פון נצח ישראל.

די פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע האָט אים געבראַכט צו ביבל־קריטיק און אויך צו תלמוד־קריטיק און פאָרשונג, אין העכערן און שענערן זין פון די ווערטער.

ר׳ נחמן קראָכמאַל האָט זיך באַשעפטיקט מיט ביבל־קריטיק און תלמוד־פאָרשונג צוליב פאָלגנדע סיבות:

א) זייענדיק טיף איבערצייגט, אַז די עקזיסטענץ פון יעדער נאַציע איז אַ פּועל־יוצא פון איר גייסטיקייט, וועלכע האָט זיך אַנטפּלעקט אין איר רעליגיע און קולטור, האָט ער געפילט אַן אינערלעכן דראַנג צו פאָרשן און אַנאַליזירן אונדזערע קולטור־אוצרות, בכדי צו אַנטפּלעקן די אמתע געשטאַלט פון אונדזער רוחניותדיקייט, דעם אייביקן קוואַל פון אונדזערע פאָלקישע אייגנשאַפטן און פאָלקס־לעבן.

ב) אין ר׳ נחמן קראָכמאַלס צייט האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן אויף

דער יידישער גאָס משכילים ראַציאָנאַליסטן, וועלכע האָבן געוואָרפן שמוץ אויף דער יידישער רעליגיע און הויפּטזעכלעך אויף דער תורה שבעל פה, ווי אַ שטייגער יהודה ליב מיזעס אין זיין „קנאת האמת". ר' נחמן קראָכמאַל, דער רעליגיעזער פילאָזאָף, האָט געבלוטיקט, לייענענדיק זייערע ניט־וויסנשאַפטלעכע אַפּיקורסות.

ער האָט אָבער אויך ניט געקאָנט מסכים זיין מיט דער באַהויפּטונג פון דעם משכיל און שפּעטערדיקן בעל־תשובה יעקב שמואל ביק, וועלכער האָט עפנטלעך פאַרקויפט זיין „מורה נבוכים" און האָט געטענהט, אַז מ'דאַרף אויסלעשן די ליכט ביי אונדז, כל זמן מיר זיינען אַ קראַנק און אַן אומנאָרמאַל פאָלק.

ג) ר' נחמן קראָכמאַל האָט געזען דעם שעדלעכן וווקס פון פריידענקעריי און ביליקע אַפּיקורסות, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דעם יונגן דור, וועלכער האָט זיך אָנגעלייענט מיט דער ביבל־קריטיק, געשריבן פון קריסטלעכע געלערנטע, און ער האָט געוואָלט שאַפן אַ קעגנגיפט צו דעם גיפט פון דער גוישער ביבל־קריטיק.

זיין ביבל־קריטיק איז אַ זאַכלעכע און אַ מעסיקע און איז דורכגעדרונגען מיט ליבע צום תנ"ך, דעם אור־קוואַל פון אונדזערע קולטור־אוצרות. ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ער וואַגט ניט צו אַנאַליזירן די אַנטשטייונג און די אַנטוויקלונג פון דער תורה, דעם יסוד פון אונדזער אמונה.

זיין תלמוד־פאָרשונג איז אַן אָריגינעלע, ווייל אויף דעם געביט איז ער כמעט אַ ראשון. ער אַנאַליזירט די אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג פון דער תורה שבעל פה און זיין הויפּט־הנחה איז, אַז סיי די תורה שבכתב און סיי די תורה שבעל פה זיינען איין גייסטיקע דערשיינונג און זיינען ביידע די אויסשטראַלונג פון דעם „רוחני המוחלט".

ניטאָ ביי אונדז קיין תלמוד־פאָרשער ביז דעם היינטיקן טאָג, וואָס איז ניט באַאיינפלוסט געוואָרן פון קראָכמאַלס תלמוד־פאָרשונג.

ר' נחמן קראָכמאַל איז געווען אַ שטאַרקער פאַרערער פון רמב"ם און ראב"ע און אין דעם לעצטן שער פון זיין „מורה נבוכי הזמן", וועלכער הייסט „חכמת המסכן", די חכמה פון דעם אָרעמאַן, גיט ער אונדז אַ סך־הכל פון ר' אברהם אבן עזראס פילאָזאָפיע. אין „חכמת המסכן" ווייזט קראָכמאַל אַרויס זיין טיפן אַנאַליטיש־פילאָזאָפישן מוח און שרייבערישן טאַלאַנט. ניט אומ־

זיסט זאָגט אחד העם אויף ר׳ נחמן קראָכמאַלס „מורי נבוכי הזמן״ אַז דאָס איז דאָס קאַפּיטאַלסטע ווערק פון דער לעצטער עפּאָכע.

זיין ווערק, וואָס איז, לײדער, ניט פאַרענדיקט, איז אַן אַרבעט פאַר אַן ערנסטער שטודיע און קאָן זיין אַ װעגװײזער אויף פאַר אונדזער דור. ס׳וואָלט אויך געווען כדאי איבערצוזעצן כאָטש אייניקע טײלן אויף ייִדיש.

חיים נחמן ביאַליק

חיים נחמן ביאַליק איז געווען דער באַליבטסטער דיכטער אין זיין דור, וואָס איז אַגב, ניט געווען אָרעם אין גרויסע דיכטער. ער איז געווען פּאָפּולער און באַליבט ניט נאָר ביי זיינע געטרייע און ערנסטע לייענער, הן אין העב־רעיש, הן אין יידיש, נאָר אַפילו יידן, וואָס זענען ניט געווען קיין גרויסע ליבהאָבער און מבינים פון פּאָעזיע, האָבן געהאַט דעם גרעסטן יראת הכבוד פאַר זיין פּערזענלעכקייט און זיין דיכטונג, וועלכע האָט אויסגעאיבט אַ מעכטיקן איינפלוס אויף אַלע שיכטן פון פאָלק. ווו איז דער שליסל פאַר דעם פאָלקישן יראת הכבוד צו אים?

ביאַליק איז געווען אַ פאַרשיידנפאַרביקע און רייכע פּערזענלעכקייט: אַ געניאַלער דיכטער, אַ באַגאַבטער רעאַליסטישער דערציילער, וואָס האָט געשילדערט דעם פשוטן יידן, דעם „עמכניק" מיט גרויס ליבע און פאַר־שטענדעניש. זיין פשוטער און פאַרגרעבטער ייד, אריה בעל הגוף, וואָס האָט ליב געהאַט צו קלינגען מיט די מטבעות אין זיינע קעשענעס, בכדי די יחסנים־קבצנים זאָלן פּלאַצן פון קנאה, האָט פאַרמאָגט אַן אוצר פון פאָלקס־חכמה און האָט געשפּרודלט מיט סאַרקאַסטישע שטעכווערטלעך אויפן חשבון פון די צבועקעס פון דער אַריסטאָקראַטישער למדנישער געזעלשאַפט. זיינער אַ למדנישער שותף וואָס האָט אים אָפּגענאַרט אין מסחר איז ניט קיין פשוטער גנב, נאָר „אַ גנב מיט אַ בוכהאַלטעריע", און כאָטש אריה איז געווען אַ גרויסער גביר, האָט ער זיך אויסגעלעבט אין דער געזעלשאַפט פון קבצנישע בעלי־עגלות, וועלכע האָבן אָנגעקוואָלן פון אים און גע־שעפּט נחת פון זיינע סאַרקאַסטישע באַמערקונגען אויפן חשבון פון די למדנים.

ביאַליק איז אויך אַ געבענטשטער דערציילער־פּסיכאָלאָג, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין דער קינדערישער נשמה: זיין דערציילונג „ספיח"

(ווידערוווקס) איז אַ טיפער פסיכאָלאָגישער איינבליק אין דער קאָמפּלי־צירטער נשמה פון אַ געניאַל קינד, אַ חולם חלומות.

ביאַליק איז אויך געווען אַ גלענצנדיקער עסייאיסט. אַזוי, למשל, זיינען זיינע עסייען: „הלכה ואגדה" (הלכה און אגדה), „גלוי וכסוי בלשון" (דאָס אַנטפּלעקטע און פאַרדעקטע אין דער שפּראַך) קלאַסישע מוסטערן פון עסייאיסטיק.

ביאַליק איז אויך געווען אַ באַגאַבטער קריטיקער. דאָס ווייניקע וואָס ער האָט געשאַפן אויף דעם געביט, איז אָבער געווען זייער וויכטיק און וואָגיק.

ביאַליק דער מכנס פון אונדזער תלמוד־און מדרש־אגדות, און פון ר' שלמה אבן גבירולס און משה אבן עזראס דיכטונג, מיט דער מיטווירקונג פון זיין געטרייען חבר ראַווניצקי, אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַ גרויסן תלמיד חכם און אַן איבערשאַפער פון אַלטע קולטור־אוצרות.

ביאַליק דער טיפער לעקטאָר און ערנסטער רעדאַקטאָר איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

אָבער ניט צוליב זיין געניאַלער פאַרשידנפאַרביקייט איז ער געקרוינט געוואָרן ביי אַלע שיכטן פון פאָלק ווי די צענטראַלסטע פּערזענלעכקייט פון זיין דור, נאָר צוליב זיין דיכטונג. ביאַליק איז געווען אַ גרויסער ליריקער, עפּיקער און סימבאָליקער, וואָס האָבן פיל מאָל האַרמאָניש זיך צוזאַמענגע־גאָסן און דערגאַנצט. ווי געזאָגט איז ער ניט געווען אַ יחיד בדורו, אָבער ער איז געוואָרן דער פאָלקס־געקרוינטער דיכטער. ווייל ער איז געווען אַ דיכטער אַ חוזה (אַ זעער), אַ גלגול פון אונדזערע אַמאָליקע חוזים־נביאים, מיט אַ הייליק געטלעך־שעפערישן פייער, וואָס האָט געפלאַטערט אין זיין נשמה.

אַ וואָסערע איז געווען ביאַליקס פּאָעטישע וויזיע?

דער גרעסטער העברעישער דיכטער פון מיטל־עלטער, רבי יהודה הלוי, שילדערט זיין אייגענעם מהות אַזוי:

„לבכות ענותך אני תנים, ועת אחזה שיבת שבותך אני כנור לשיריך".

(צו באַקלאָגן און באַוויינען דיין פּיין (פון אונדזער מאַרטירער־פאָלק) בין איך אַ שאַקאַל (וואָס יאָמערט ביי נאַכט) און אין דער צייט ווען איך זע (אין מיין פּאָעטישער וויזיע) דאָס צוריקקערן פון דיין געפאַנגשאַפט בין איך אַ האַרפע פאַר דיינע לידער).

די זעלבע אייגנשאַפטן כאַראַקטעריזירן ביאַליקס פּאָעטישע שאַפונג: ער איז געווען דער מקונן פון דער ספּעציפיש־יידישער טראַגעדיע, אַ טראַגעדיע פון אַ געניאַל שעפעריש פאָלק, וואָס איז געוואָרן, אין די אויגן פון זיינע בלוט־שונאים, אין גלות, אַן עם מתועב בגויים — אַ פאַראַכטעט און באַשמוצט פאָלק: „הה, שפל ובזוי בגויים נתתי, גם לבכות לא יתנו ברמה" (אל האגדה) (ווי, נידריק און פאַראַכט צווישן פעלקער בין איך געוואָרן, אַפילו וויינען אויפן קול דערלויבן זיי ניט). אַ טרויעריקער אמת אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד, און נאָך מער אין איצטיקן סאָוויעטישן רוסלאַנד.

און אונדזער אינערלעכע טראַגעדיע איז שטאַרקער, טיפער און טרויעריקער ווי די אויסערלעכע טראַגעדיע: אונדזער שפלות־קאָמפּלעקס, זעלבסט־האַס און זעלבסט־פאַראַכטונג, פאַרגעטערונג פון פרעמדע קולטורן און לשונות. און דער פועל יוצא דערפון איז אונדזער גייסטיקע אָרעמקייט, אַסימילאַציע, וואָס ברענגט צו פאָלקס־דעגענעראַציע. אונדזערע קינדער אַנטלויפן פון אונדז צוליב אונדזער גייסטיקער אָרעמקייט.

„אם יולד לכם ילד נשר תשלחוהו מחוץ למחנה" (אויב ס׳וועט ביי אייך געבוירן אַ קינד אַן אָדלער, פאַרטרייבט איר אים אויסער דער מחנה) — אַזוי קלאָגט דער דיכטער אין זיין שיר „אכן גם זה מוסר אלהים". און ממילא, ווייל אונדזערע געניאַלע קינדער פאַרלאָזן אונדזער מחנה, זענען מיר פאַרמשפּט צו קולטורעלע פאָלקס־גסיסה: „גם חיה לא אחיה, גם מות לא אמות" (הרהורי לילה). ניט דער ייד לעבט אַ קולטורעל־שעפעריש לעבן, ניט ער שטאַרבט, זיין פאָלקס־נשמה צאַנקט און גוססט.

און ביאַליק, דער דיכטער־זעער, שטראָפט זיין פאָלק מיט פייערדיקע ריטער, ווי די אַמאָליקע נביאים, און ער פרעגט אַ פאַרצווייפלטע פראַגע: „היזדעזע המת? היתעורר המת?" (וועט דער טויטער אויפציטערן? וועט זיך דער טויטער אויפוועקן פון זיין לעטאַרגישן שלאָף) (אכן, חציר העם).

אָבער, פּונקט אַזוי ווי די אַמאָליקע נביאים, איז ער ניט נאָר אַ דיכטער אַ מקונן און אַ שטראָפער, נאָר אויך אַ דיכטער אַ טרייסטער, ווייל ער גלייבט באמונה שלמה אין דער גייסטיקער גראַנדיעזקייט, געניאַליטעט און אייביקייט פון אונדזער פאָלק.

לייענט ביאַליקס שיר „על ראש הראל" (אויפן שפּיץ פון געטלעכן באַרג), וואָס איז פּאָעטיש ניט פון זיינע בעסטע שירים, ווו ער שילדערט, ווי משה

שטייט מיט די געטלעכע לוחות און צוויי ריזן (ישו או מחמד) ווילן מיט העק און חלפים צוגזלן די הייליקע לוחות פון אים, אָבער זיי קאָנען אים ניט באַזיגן. דער דיכטער רופט אויס מיט פּאַטאָס: מרוממותו הס! כמוהו עוד לא קם!״ (פון זיין הויכקייט שווייגט! ס׳איז נאָך ניט אויפגעשטאַנען אַזאַ גייסטיקער ריז ווי ער!).

משה איז דער אייביקער סימבאָל פון זיין פאָלק, וואָס קאָן ניט ווערן באַזיגט און דעריבער זינגט ער אין זיין שיר — „אל האגדה״: „אז ראש עמי אחז מה שגיא מה כביר / שיא חסנו ועזו בשחקים / אבינה אחריתו, כי עם זו תולעת עוד ישיר ויוכל ענקים״ (דעמאָלט זע איך דעם אָנפאַנג פון מיין פאָלק, ווי גראַנדיעז, ווי מעכטיק (איז עס). דער שפּיץ פון זיין מעכטיקייט און זיין קראַפט איז אין די הימלען, איך פאַרשטיי זיין ענד, אַז דאָס פאָלק (וואָס איז געטראָטן ווי) אַ וואָרעם, וועט נאָך הערשן און באַזיגן ריזן).

דאָס יידישע פאָלק איז טראָץ זיין מאַרטירעלאָגיע, אייביק ווי די נאַטור: מיר דערמאָנען זיך די ווערטער פון נביא ירמיהו: „כה אמר ה׳: נתן שמש לאור יומם, חקות ירח וכוכבים לאור לילה — — — אם ימושו החקים האלה מלפני נאום ה׳ גם זרע ישראל ישבתו מהיות גוי לפני כל הימים״. (ירמיהו פרק לא־לד, לה) (אַזוי האָט גאָט געזאָגט, דער, וואָס גיט די זון פאַר אַ ליכט ביי טאָג / און די געזעצן פון לבנה און שטערן פאַר אַ ליכט ביי נאַכט — — — אויב די דאָזיקע געזעצן וועלן אָפּגעטאָן ווערן פון פאַר מיר, זאָגט גאָט, וועט אויך דער זאָמען פון ישראל אויפהערן צו זיין אַ פאָלק פאַר מיר אַלע טעג.) (יהואשס איבערזעצונג פון תנ״ך).

וואָס איז דער מקור פון ישראלס אייביקייט? ישראלס נאַציאָנאַלע קולטור פון אַלע דורות, די אַמאָליקע און די היינטיקע, וואָס איר סימבאָל איז דער בית המדרש, ניט די שול, וואָס ביאַליק קרוינט אים אין זיין שיר „על סף בית המדרש״ מיט דעם פסוק: „מחבא רוח איתן, מקלט עם עולמים״ (די באַהאַלטעניס פון מעכטיקן גייסט, דער רעטונגס־פּלאַץ פון אייביקן פאָלק).

ישראלס נאַציאָנאַלער גייסט איז אייביק, ווייל אונדזער פאָלק האָט זיך פאַרבונדן מיט דעם אַ גייסט פון דער וועלט, הרוחני הכללי אין דער שפּראַך פון ר׳ נחמן קראָכמאַל, וואָס מיר באַצייכענען מיט דעם טערמין גאָט, אָדער שכינה. און ווייל דער יידישער גאָט־באַגריף איז אַבסאָלוטער אַלגייסט,

וואָס האָט געשוועבט איבער דעם קאָסמאָס פאַר זיין באַשאַף, און איז געווען די אור־סיבה (אויף דער שפּראַך פון דער יידישער מיטלאַלטערלעכער פּי־לאָסאָפיע — עלת העילות), און דער קדמון פון דער וועלט, וואָס האָט ניט קיין געשטאַלט פון אַ גוף און איז ניט קיין גוף, נאָר אייביקע אַבסטראַקטע געטלעכקייט, און דער ייד האָט זיך עקשנותדיק מתדבק געווען מיט אים, איז דעריבער זיין נאַציאָנאַלער קיום אַן אייביקער, און זיין תפיסת עולם, וואָס איז געקומען צו איר מעכטיקסטן אויסדרוק אין דער יידישער נבואה, איז אַן אוניווערסאַלע. ממילא זענען מיר אַן אייביק פאָלק, ווי די גאָטהייט און אירע נאַטור־געזעצן.

ביאַליק רעדט ניט אין זיין פּאָעזיע מיט קיין פילאָזאָפישע טערמינען ווי זיינע לערער, די דענקער: רנ״ק און אחד־העם, ער דריקט אויס זיין יידישע וועלט־אַנשויונג אין פּאָעטישע סימבאָלן און וויזיעס. זיין נאַציאָנאַלע פּאָעזיע איז אַ הימען צום יידישן גייסט, צו יידישער אייגנאַרטיקייט און געניאַליטעט. זיין פּאָעמע „המתמיד״ איז אַ מעכטיק געזאַנג צום ייד, וואָס האָט זיך ממית געווען אין די געצעלטן פון תורה, און ער האָט טאַקע מקריב געווען זיין יוגנט אויף איר מזבח.

די תורה האָט געפּאַנצערט דעם ייד אין לויף פון זיין בלוטיקער געשיכטע און האָט אים אָפּגעהיט פון גייסטיקער דעגענעראַציע און פון מאָראַלישער פאַרדאַרבנקייט. די געדאַנקען ווערן פּאָעטיש אַרויסגעבראַכט אין זיינע שירים: „אם יש את נפשך לדעת״, אין „על סף בית המדרש״ און אין פיל אַנדערע שירים.

דעם יידס געטריישאַפט צו זיין טראַדיציע און אייגנאַרטיקייט האָט געמוטיקט און געשטאַרקט זיין גייסט, ער האָט דעריבער ניט געזונקען אין אָפּגרונט פון זנות, רציחה און שכרות, ווי די פעלקער וואָס האָבן אים געפּייניקט אין נאָמען פון גאָט און פון ליבע, ער איז ניט געגאַנגען אין זייערע וועגן, ווייל זיין מאָראַלישע מאַטאַ איז געווען, ווי ביאַליק דריקט עס אויס סימבאָליש טרעפלעך אין אַ קורצן פּסוק: „מהיות כפיר בין כפירים אספה עם כבשים״ (איידער צו זיין אַ לייב צווישן לייבן, וועל איך בעסער אונטערגיין מיט שעפּסלעך).

ביאַליק ווייס אויך די נעגאַטיווע אייגנשאַפטן פון די יידן אין די לעצטע דורות, ווי למשל: איזאָלאַציע פון דער וועלט און איר קולטור,

אַסקעטיזם, אַטראָפּירונג פון עסטעטישן חוש, דערווייטערונג פון דער נאַטור אין די ביטול־באַציונג צו איר פּראַכט און מאַיעסטעטישקייט — אַ רעזולטאַט פון אָפּשליסן זיך אין די דלת אמות פון דער הלכה. די אַלע חסרונות ווערן געשילדערט אין דער פּאָעמע „המתמיד" און אין אַנדערע שירים.

אָבער די גרעסטע סכנה, וואָס דראָט אונדזער נאַציאָנאַלן קיום נאָך דער השכלה־עפּאָכע, איז די אויסגעלײדיקײט פון אונדזער גייסטיקער ירושה, פון אונדזערע קולטור־אוצרות, פון אַ מאָל און פון איצטער. דערפאַר בושע־ווען אויף דער יידישער גאַס אַסימילאַציע, קולטורלאָזיקייט און עם־הארצות. אוונדזער פאָלקסגייסט קייקלט זיך באַרג־אַראָפּ, מטה־מטה, אונדזערע לײדן האָבן ניט קיין זין, קיין אינהאַלט, און ממילא גיבן זיי אונדז ניט קיין אינהאַלט און אָנשפּאַר אין לעבן. מיר נויטיקן זיך אין אַ גרויסן און מעכטיקן אידעאַל, וואָס איז אָנגעהויכט מיט יידישן גייסט פון עבר, צוגעפּאַסט צום הווה, בכדי צו פאַרזיכערן אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און המשך, וועלכע זענען אין סכנה. ער האָט געוועקט אונדזער פאָלק צו נאַציאָנאַלער דערוואַכונג אין פיזישן און גייסטיקן זין, צו פאָלקישער ווידערגעבורט. „הוי, קראו לי דרור ואגדלה את שמי, מה אועיל כי אסבל ?" (אוי, פּראָקלאַמירט פרייהייט פאַר מיר, וועל איך פאַרגרעסערן מיין נאָמען, וואָס וועל איך באַצוועקן, אַז איך וועל לײדן ?) (אגרת קטנה).

און אין דעם זעלבן שיר זאָגט ער מיט האַרץ־ווייטיק : „אין תכלית לנדודי, אין קדשת השם / סר צל אלהים, סרה רוח הקדשה" (ניטאָ קיין תכלית פאַר מיינע וואַנדערונגען, ס'איז ניטאָ קיין קדוש־השם, גאָטס שאָטן האָט זיך אָפּגעקערט (פון אונדז) ס'האָט זיך אָפּגעקערט דער גייסט פון הײ־ליקייט), און דעריבער „נואשתי מרחמים — — — כי מאס גם אלי את משפט הרש" (איך האָב זיך מיאש געווען פון רחמים — — — ווייל אויך מיין גאָט האָט פאַראַכטעט דעם משפּט פון אָרעמאַן).

ער האָט געוועקט צו נאַציאָנאַלער דערלייזונג און דערוואַכונג אין לאַנד פון אונדזערע אבות בפרט, און אויך אין גלות, ווייל ער האָט ניט נעגירט דעם גלות לחלוטין.

וועלכע מעשים וועלן אונדז ברענגען צו דער געווינטשענער גאולה? דער צוריקקער צו דער נאַטור, צו אַרבעט אין איר שויס, צו פּראָדוקטיוויקייט, וואָס פירט צו גייסטיקער שעפערישקייט.

די נאַטור־לידער פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין ביאַליקס פּאָעזיע, ווי למשל: „בריכה״ („סאַזשלקע״), ווו דער גאַנצער קאָסמאָס שפּיגלט זיך אָפּ אין איר; „זהר״, ווו זיין נשמה־דראַנג צו ליכט איז אַזוי עפּיש־ליריש געמאָלן, „משירי חרף״, ווו די מאַיעסטעטישקייט פון דעם ווינטער — דער הויך פון דער וועלט, דער גאַנצער כדור פון דער ערד, אונטן, די ליכט און די לופט, זענען ווי אויסגעהאַמערט פון איין האַמערשטיק „רום עולם, כל כדור הארץ מתחת, / האור והאויר כעין מקשה אחת״, ווייל אַ גאַנצע נאַכט, צווישן האַמער און קאָוואַדלע, האָט גאָט די וועלט אויסגעשמידט, גלייך ווי ער וואָלט זיין גאַנצן כוח, כביכול, אַריינגעטאָן אין איר. ער האָט די וועלט אויסגעפּוצט מיט אַ ווייסקייט און ליכט פון אונטן ביז דער הויך. און דער שניי מיט דרייצן זיפּן אַדורכגעזיפּט, ווי ווייס גלאָז, באַדעקט די וועלט. און אין מענטשלעכן האַרץ האָט זיך צעבליט אַ גראַנדיעזע קראַפט און ער איז לויטער, קאַלט און זיכער (אין זיין גבורה) צום צעשמעטערן מיט זיין פויסט מיט אַ מאָל דעם הימל פון אויבן און די ערד פון אונטן. (פּראָזאַישע איבערזעצונג). מיט אַזעלכע כשוף־פּערזן שילדערט ביאַליק די מאַיעסטעטישקייט און גראַנדיעזקייט פון ווינטער, זיין צוזאַמענגוס מיטן מענטש ווערן אַזוי מייסטערהאַפט בולט אין אונדזער באַוווסטזיין.

אין פיל אַנדערע נאַטור־לידער זינגט ביאַליק אַ הימען צו דער מאַיעסטעטישקייט פון דער נאַטור. אין זיין שיר „בשדה״ (אין פעלד) זעט דער דיכטער אין דער נאַטור די פאַרקערפּערונג פון דער געטלעכקייט, וואָס שוועבט איבער דעם קאָסמאָס און הערט איר שטימע אין גערויש פון די זאַנגען אין פעלד, און אין זשומען פון די אינזעקטן, וואָס פּרוכפּערן זיך צווישן די זאַנגען. זינגענדיק וועגן דער מענטשלעכער פּראַצע אויף דער נאַטור, קאָרטשעט זיך זיין האַרץ פון ווייטיק אויף אונדזער פרעמדקייט צו דער נאַטור: „הגידי לי אמא, אדמה רחבה, מלאה וגדולה — מדוע לא תחלצי שדך גם לי נפש דלה שוקקה?״ (זאָג מיר, מוטער מיינע, ברייטע, גרויסע און פולע ערד — פאַר וואָס אַנטפּלעקסטו דו ניט דיין ברוסט אויכעט צו מיר, אָרעמע דורשטיקע נשמה)? דאָ אידענטיפיצירט דער דיכטער זיין צער, זיין אָרעמקייט מיט דעם צער פון זיין אָרעם פאָלק. אָרעם איז ער, ווייל זיין שווייס און בלוט האָבן ניט קיין חלק אין דער מאַיעסטעטישקייט פון דער נאַטור. ער

רופט אויס מיט צער: „כעני אעמד לפני הוד הקמה המאירה ושמחה״, ווייל זיינע הענט האָבן ניט קיין חלק אין זיי...

דאָ בעט זיך ממש אַ פאַרגלייך צווישן ביאַליקן און זיין חבר טשערני־כאָווסקי: ביאַליק, אין זיין העכסטן עקסטאַז פאַר דער שיינקייט פון דער נאַטור, קאָן זיך ניט פאַרגעסן פון זיין פאָלקס טראַגעדיע. ער רייסט איבער זיין הימען צום פעלד און באַוויינט דעם ביטערן גורל פון פאָלק. טשערני־כאָווסקי, להיפוך פון ביאַליק, איז אַזוי פאַרכאַפּט פון דער שיינקייט פון דער נאַטור אין זיינע פּראַכטפולע אידיליעס, אַז ער פאַרגעסט פיל מאָל זיינע העלדן און ער צעזינגט זיך וועגן דער שיינקייט פון די אוקראַאינער סטעפּעס.

ביאַליקס ליבשאַפט צו דער אַרבעט אין שויס פון דער נאַטור, זיין אמונה, אַז פון ריח פון פעלד וועט זיך צעבליען זיין אָרעם פאָלק: „מריח השדה יפריח עם דל״, האָט אין אים דערוועקט אַ גרויסע ליבשאַפט צו די חלוצים: ער האָט אַ מאָל געזאָגט מיט גרויס פּאַטאָס — „עפר אני תחת כפות רגליכם״ (איך בין שטויב אונטער אייערע פיס), ווייל זיי זענען פאַר אים געווען די טרעגער פון פאָלקס־דערוואַכונג, פאָלקס־דערלייזונג און אויפלעבונג.

פאָלקס־דערוואַכונג וועט אונדז ברענגען צו דער באַנייונג פון יידישער גבורה, וואָס איז אין גלות ניט אַטראָפירט געוואָרן, נאָר אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות.

אין זיין גרויסער פּאָעמע „על השחיטה״, רעוואָלטירט ער ניט נאָר, כביכול, קעגן גאָט, ווו ער רופט אויס מיט ביטערניש: „אלהיכם עני כמותכם״ (אייער גאָט איז אָרעם ווי איר). ניט נאָר קעגן דער נאַטור: „השטה פרחה, השמש זרחה והשוחט שחט״ (דער אַקאַציעבוים האָט געבליט, די זון האָט געשיינט און דער שוחט האָט געשאָכטן), נאָר אויך קעגן זיין אומגליקלעך און געפּייניקט פאָלק, די אייניקלעך פון די חשמונאים, וואָס זענען אַנטלאָפן ווי מייז און האָבן זיך באַהאַלטן ווי די וואַנצן: „מנוסת עכברים נסו ומחבא פשפשים החבאו״ און זיי זענען געשטאָרבן אַ הינטישן טויט: „וימותו מות כלבים באשר נמצאו״.

ער לאַכט גאַליק אָפּ פון די יידן, וואָס האָבן נאָכן קישענעווער פּאָגראָם זיך געקלאַפּט אויפן האַרץ: „אשמנו, בגדנו!״ (מיר האָבן זיך פאַרשולדיקט, מיר האָבן בוגד געווען (אין גאָט און זיינע מצוות). דער דיכטער הערט די צעווייטיקטע שטימע פון דער שכינה: „ולמה זה יתחננו אלי״ (פאַר וואָס

זשע בעטן זיי צו מיר) ? „דבר אליהם וירעמו !" (רעד צו זיי, זאָלן זיי דונערן!) „ירימו נא אגרוף כנגדי ויתבעו את עלבונם את עלבון כל הדורות מראשם עד סופם / ויפוצצו השמים וכסאי באגרופם" (זאָלן זיי אויפהייבן אַ פויסט קעגן מיר, זאָלן זיי פאָדערן (פון מיר) זייער באַליידיקונג, די באַליידיקונג פון דורות, פון אָנהייב ביז דעם סוף, זאָלן זיי צעשמעטערן דעם הימל און מיין טראָן מיט זייער פויסט). און מיט דער זעלבער פויסט זאָלן זיי זיך פאַר־טיידיקן, קעמפן און טאָקע באַזיגן זייערע שונאים.

ביאַליקס פּאָעמע „מתי מדבר", ווו ער שילדערט די מאַיעסטעטישקייט פון מדבר מיט פערזן, וועלכע זענען אַ סינטעז פון עפּיק און סימבאָליזם, איז אַ הימען צו דער פיזישער גבורה פון אונדזער פאָלק, וועלכע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין נשמה־גבורה, וואָס האָט אונדז באַזעלט אין אַלע מדבריות פון אונדזער נע ונד לעבן און האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף דעם אָדלער, אויף דער שלאַנג, אויפן לייב — סימבאָלן פון אונדזערע היסטאָרישע שונאים, — וואָס האָבן אונדז געוואָלט פאַרציקן. און זיי האָבן מיט שרעק און יראת הרוממות זיך דערוויטערט פון די „מתי מדבר", ווייל זיי האָבן דערפילט, אַז די סימבאָלישע מתים זענען אַ געטלעכע מתנה פון אַמאָליקן אַלטן פאָלק, אַ מעכטיק פאָלק, וועמענס גבורה האָט זיך ניט אויסגעוועפּט, טראָץ אַלע רדיפות, שחיטות און פאָגראָמען פון אונדזערע בלוטדורשטיקע שונאים.

די מעטאַמאָרפאָזע פון פיזישער גבורה אין געטלעכער גייסטיקער גבורה איז דער מקור פון אונדזער אייביקייט, און דערפאַר איז דער דיכטער ניט נקמה־דורשטיק, ווייל די בלוט־נקמה פאַר אַ קליין קינד האָט אַפילו דער שטן נאָך ניט באַשאַפן: „נקמה כזאת, נקמת דם ילד קטן, עוד לא־ברא השטן".

ביאַליק האָט מיט זיין נביאישער אינטואיציע געפילט נאָך אין יאָר תרס"ג, אין זיין שיר „על השחיטה", אַז די רציחות קעגן אונדז וועלן אונ־טערגראָבן די מאָראַלישע יסודות פון דער מענטשהייט, אַז דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט וועט עקבערן דעם תהום, און וועט אונטערמינעווען די יסודות פון דער וועלט, און דאָס וועט זיין גאָטס נקמה קעגן די מענטשן־חזירים. „יקב הדם עד תהמות מחשכים / ואכל בחשך וחתר שם / כל מוסדות הארץ הנמקים", ווייל קיין צוויי מאָסן פון געוועכטיקייט, איינע פאַר דעם ייד און אַ

צוויטע פאַר אַנדערע פעלקער איז ניטאָ! אויב ס'איז דאָ גערעכטיקייט אויף דער וועלט, מוז זי זיין פאַר דעם גאַנצן מין מענטש, און דעריבער ווענדעט ער זיך צו גאָט אין זעלבן שיר מיט זיין נביאישער תביעה: „אם יש צדק — יופע מיד / אך אם אחרי השמדי מתחת רקיע / הצדק יופיע — / ימגר נא כסאו לעד!" (אויב ס'איז דאָ גערעכטיקייט, זאָל זי באַלד זיך באַווייזן! אויב אָבער נאָך מיין פאַרטיליקונג פון אונטערן הימל וועט די גערעכטיקייט דער־שיינען, זאָל זיין טראָן צעשמעטערט ווערן אויף אייביק!) פון דער הייליקער חוצפהדיקער פאָדערונג שרייט אַרויס דער בת־קול פון אונדזער נבואה. אַזוי האָבן גערעדט צו גאָט: אברהם, חבקוק און ירמיהו.

ניט אומזיסט האָט דאָס פאָלק געקרוינט ביאַליקן מיט דער קרוין פון נאַציאָנאַלן דיכטער, ווייל אין זיין דיכטונג האָט אויפגעלעבט דער גייסט פון אונדזער נבואה.

דער דור, אין וועלכן ביאַליק האָט געלעבט און געשאַפן, איז געווען, ווי ער דריקט זיך אויס אין זיין „מתמיד", דער „דור האחרון לשעבוד והרא־שון לגאולה" (דער לעצטער דור פון שקלאַפעריי און דער ערשטער פון דערלייזונג). אין דעם פּראָצעס פון פאָלקס־דערלייזונג איז ביאַליקס נאַציאָ־נאַלע פּאָעזיע געווען אַ מעכטיקער פאַקטאָר.

ביאַליקס גרויסקייט און געניאַלקייט איז געקומען צו זיין מעכטיקסטן אויסדרוק אין העברעיש, כאָטש זיין מאַמע־לשון איז געווען יידיש. אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן, האָט ער געשאַפן אויך לידער אין יידיש.

אמת, די צאָל פון זיינע אָריגינעלע יידישע לידער, אין פאַרגלייך צו זיינע העברעישע לידער, איז אַ קליינע, אָבער אויך אין זיי הערט זיך דער מעכטיקער בת־קול פון זיין דיכטערישן טאַלאַנט. ער האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער פּאָעזיע דעם ספּעציפיש אייגנאַרטיקן נביאישן טעמפּעראַמענט און פּאַטאָס, ווי למשל אין זיין ליד: „דאָס לעצטע וואָרט", וואָס איז אָנגע־הויכט מיט זעערישער וויזיע. זיין שפּראַך איז מעכטיק ווי גראַניטשטיין:

„און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
צום לעצטן מאָל שריי אויס אַן „אוי"!
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטן מאָל,
אַז ציטערן זאָל באַרג און טאָל;

און נעם זיך אָן מיט גאַל און זאָג:
הערט, טויבע, הערט!

עס גייט אַ טאָג,
איך לאָז אַרויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט באַגיסן,
נאָר איר אַליין וועט בלייבן קנעכט
און וועט קיין טראָפּן ליכט געניסן...״

דער גמר פון „דאָס לעצטע וואָרט״: „עס גייט דער טאָג, ער קומט, ער קומט...״ רופט ביים לייענער אַרויס די אַסאָציאַציע פון ישעיה הנביאס נבואה וועגן דעם טאָג פון גאָט צבאות אין קאַפּיטל ב׳, פון פּסוק יב ביזן סוף. נאָך מעכטיקער און בולטער איז די אַסאָציאַציע פון ירמיה הנביאס נבואה וועגן דעם טעפּערקרוג אין קאַפּיטל יט.

אין זיין ליד „דאָס לעצטע וואָרט״ זעט דער לייענער בחוש די זעלבע אייגנשאַפט פון פּאָעטישער זעערישקייט ווי אין זיין העברעישער דיכטונג.

לייענען מיר די צוויי שורות אין זיין ליד: „כ׳בין״:

„איך האָב פּאַר אייך אַ טויב געוואָרמט,
און אויסגעפּירט האָט זיך — אַ שלאַנג״.

הערן מיר אויך ביאַליקס מעכטיקע נביאישע וואָרט, וואָס קריצט זיך איין אין דער טיף פון אונדזער נשמה.

אפילו אין זיין ליד „פריילעכס״, וואָס איז עכט פאָלקסטימלעך אין זיין פאָרעם, סטיל און שפּראַך, הערט זיך דאָס מעכטיקע נביאישע טרייסטוואָרט:

„ניט קיין ברויט און ניט קיין חלה,
ניט קיין פליישׂ און ניט קיין פיש —
וואָס זשע זיצט איר? — פריילעך, ברידער!
כאַפּט אַ טאַנץ אַרום דעם טיש״ — — —

ניט איין טראָפּן צו דערקוויקן,
אויסגעטריקנט ווי אַ קוואַל —
וואָס זשע שמאַכט איר ? — נעמט דעם בעכער,
גיסט אים אָן מיט גרינער גאַל.
אויסגעזופּט — און נישט פאַרקרימט זיך,
ניט קיין ציטער אין די הענט ! — — —
העכער, העכער הייבט דעם בעכער,
חי־געלעבט ! חי געקוועלט״ !

ווי שטאַרק איז דער סינטעז פון פאָלקסטימלעכקייט און נביאישקייט אין דעם גמר פון זיין ליד „פריילעכס״ :

„אַ כפרה הונדערט וועלטן
פאַר איין שעה פון דרייסט און מוט !״

אַזוי האָט ביאַליק אויף אַ פאָלקסטימלעכן אופן באַשאָנקען זיין מאַרטירער־פאָלק מיט צוויי גרויסע מתנות : דרייסט און מוט, ממש ווי ישעיה דער צווייטער אין זיינע נבואות פון טרייסט :

„און אַצינד האָט אַזוי געזאָגט דיין בורא, יעקב,
און דיין באַשעפער, ישראל ;
זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרעם איך לייז דיך אויס, — — —
אַז דו וועסט גיין דורך וואַסער, בין איך מיט דיר,
און אַז דורך טייכן, וועלן זיי דיך ניט פאַרפלייצן ;
אַז דו וועסט גיין דורך פייער, וועסטו ניט אָנגעברענט ווערן,
און קיין פלאַם וועט דיך ניט אָנצינדן״.

(ישעיה, קאַפּיטל מג — א, ב, יהואשס איבערדיכטונג).

זיינע פאָלקסטימלעכע שירים, ווי למשל : „אונטער די גרינינקעביימע־לעך״, וואָס דאָס פאָלק האָט געזונגען מיט אמתער התלהבות, אָדער „אין גאָרטן״, האָבן טויזנט חנדלעך. זייער פאָלקסטימלעכקייט איז עכט און נאַ־

טירלעך; זאַפטיק און באַטעמט ווי די פערשקעס אין גאָרטן, וואָס וועגן זיי האָט ביאַליק געזונגען:

„פוכלע, העריק, פריש און איידל,
פונקט ווי קיילעכיקע בעקלעך
פון אַ פופצן־יאָריק מיידל".

בקיצור: ביאַליקס יידישע לידער זענען קליין אין כמות, אָבער ניט אין זייער איכות; דער זעלבער געניאַלער, גאָט־געזאַלבטער דיכטער־חוזה האָט זיי אויסגעהאַמערט מיט זיין מעכטיק, זאַפטיק און באַטעמט יידיש לשון; זיי האָבן באַרייכערט די יידישע פּאָעזיע.

ביאַליק שבעל פּה

ביאַליקס רעפעראַטן, לעקציעס און רעדעס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון פאַרלאַג „דביר" אַ יאָר נאָך זיין טויט. דער דיכטער האָט געוואָלט אַליין זיי רעדאַקטירן, אָבער דער פּלוצעמדיקער טויט נאָך זיין אָפּעראַציע האָט צעשטערט און צוניט געמאַכט זיין פאַרלאַנג; זיינען טאַקע די צוויי בענדער „דברים שבעל פּה" ניט קיין פּערפעקטע אויסגאַבע, ווי ס'וואָלט זיך געפּאַסט פאַר אַ ווערק פון אַ תלמיד־חכם, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעהיט ניט נאָר די ריינקייט פון אינהאַלט פון די ספרים, וואָס ער האָט רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן, נאָר אויך זייער חיצוניות: די שיינקייט פון דרוק און פון פּאַפּיר.

די צוויי בענדער „דברים שבעל פּה" זיינען דער בעסטער פּירוש צו ח. נ. ביאַליקס דיכטונג, און קאָנען דינען ווי אַ שליסל צו דער דערקענטעניש פון זיין פאַרשיידנפאַרביקער פערזענלעכקייט; זיי זיינען בכוח צו עפענען אַ שפּאַרונקעלע אין זיין שעפערישן „איך", און זיינען מסוגל צו דערקלערן דאָס גרויסע רעטעניש פון זיין פּאָפּולאַריטעט ביי אַלע שיכטן פון פאָלק, וואָס קיין אַנדערער דיכטער פון זיין צייט האָט דערצו ניט זוכה געווען.

זיי זיינען כולל נאָר אַן אויסוואַל פון די בעסטע ביאַליקס רעפעראַטן, לעקציעס און רעדעס, וועלכע ער האָט געהאַלטן איבער פאַלגנדיקע ענינים: יידנטום, קולטור, ליטעראַטור, קונסט, שפּראַך, קריטיק, שרייבער, ארץ־ישראל, חלוצים, אַמעריקע און אַמעריקאַנער יידן, און איבער פיל אַנדערע פאַרשיידענע יידישע און אַלוועלטלעכע פּראָבלעמען.

די צוויי בענדער „דברים שבעל פּה" זיינען כולל אַן אוצר פון תורה און חכמה פון אונדזערע אַמאָליקע קולטורעלע קנינים, באַהויכט פון דעם דיכטערס געניוס.

מיר וועלן פּרובירן איבערגעבן אַ קלײנעם טייל פון זיינע געדאַנקען און

זיי אַ ביסעלע באַלויכטן. מיר ווילן, אַז דער לייענער זאָל קריגן אַ מינימאַלן באַגריף פון ביאַליקס געדאַנקען און אָנשויאונגען.

א. תורה. „דער באַגריף תורה האָט זיך דערהויבן אין די אויגן פון פאָלק צו אַן אומדערקלערבאַרער הויך. אין דער פאָלקס־פאַנטאַזיע איז די תורה געווען כמעט אַ צווייטע רעאַליטעט, אַן אַבסטראַקטע רעאַליטעט, וועלכע פאַרנעמט דעם אָרט פון דער ממשותדיקער רעאַליטעט, אָדער זי שטייט לעבן איר. די תורה איז איינגעפונדעוועט געוואָרן אין צענטער פון די אָפענע און באַהאַלטענע שטרעבונגען און פאַרלאַנגען פון דעם יידישן פאָלק אין זיין גלות".

„די מימרא (זאָג) „ישראל ואוריתא חד" (דער ייד און די תורה זיינען איינס) איז ניט געווען סתם אַ פראַזע".

„אַ פרעמדער וועט דאָס ניט פאַרשטיין און ניט באַגרייפן, ווייל דער באַגריף תורה, אין זיין פולן אינהאַלט און אין זיין נאַציאָנאַלער אינטערפּרעטאַציע, לאָזט זיך ניט איבערזעצן אין זיין פולן מהות. תורה אין דער אינטערפּרעטאַציע איז ניט נאָר גלויבן און רעליגיע, ניט נאָר מאָראַל, מצוות און חכמה, און אַפילו ניט דער סינטעז פון זיי אַלע צוזאַמען, נאָר אַ דערהויבענער, אומבאַגרענעצטער באַגריף, וואָס שטייגט זיי אַלע איבער; אַ מיסטישע השגה, וואָס שעפּט איר יניקה כמעט פון דער הויך און פון תהום פון אַ קאָסמישער קאָנצעפּציע".

נאָר אין ליכט פון דער מיסטישער השגה וועגן תורה קאָנען מיר באַגרייפן זיינע לויב־געזאַנגען צום בית המדרש אין זיינע שירים: „אם יש את נפשך לדעת", „על סף בית־המדרש" און אין זיין פּאָעמע „המתמיד", ווו ער באַזינגט דעם אַלטן תורה־אַנשטאַלט, און רופט אים די שטאַרקע פעסטונג פון יידישן גייסט. ס'איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך זיין פּאָזיטיווע און יראת־הכבודיקע שטעלונג צו דער יידישער טראַדיציע.

אין זיין רעדע אויפן צוועלפטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט ביאַליק אויסגעמוסרט די רעכטע, וועלכע רעספּעקטירן ניט די חלוצישע לינקע יוגנט, וואָס איז זיך מוסר־נפש פאַר דעם ציוניסטישן אידעאַל און בויט דאָס יידישע לאַנד מיט שוויס, בלוט און גרויסע קרבנות. אָבער גלייכצייטיק וואָרנט ער די פריידענקערישע חלוצים, אַז זיי זאָלן ניט גרינגשעצן די יידישע תורה, ווייל זי איז דער איינציקער היסטאָרישער רעכטס־דאָקומענט, וואָס מיר האָבן אויף אונדזער לאַנד.

ב. קולטור. אַזוי איז אויך זיין באַציונג צו אונדזער קולטור־פּראָבלעם: די גאַנצקייט און די איינהייטלעכקייט פון אונדזער אַל־דורותדיקער קולטור, וועלכע איז די אויסשטראַלונג און דער לבוש פון יידישן געניוס, איז זיין גרעסטער אידעאַל, וועלכן ער האָט געווידמעט זיין שעפעריש לעבן ביז צו זיין לעצטן אָטעם־צוג.

ער האָט מוטיק געקעמפט קעגן דער עקסטרעמער יידישיסטישער אידעאָלאָגיע, צוליב איר ביטול־באַציונג צו אונדזערע אַלטע קולטור־אוצרות, צו תורה און טראַדיציע, טראָץ זיין וואַרעמער און פּאָזיטיווער באַציונג צו דער יידישער שפּראַך און איר ליטעראַטור; ער אָנערקענט אַפילו די גרויסע השפעה, וואָס יידיש האָט געהאַט אויף העברעיש: „מן הלשון האידית קבלה הלשון העברית את האינטימיות ואת החיוניות" (פון יידישן לשון האָט דאָס העברעישע לשון באַקומען זיין אינטימקייט און לעבעדיקייט).

ביאַליקן זיינען ליב און טייער די אַלטע קולטור־אוצרות, וואָס מיר האָבן געשאַפן אין אַלע דורות, אָבער ער שטרעבט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל זיך ניט גרויסהאַלטן מיט די לאַרבער־קרענץ פון דעם עבר, נאָר ער זאָל צוריק ווערן קולטור־שעפעריש און זאָל באַנייען און אויפהייבן זיין קולטורעלן ניוואָ אויך אין די תפוצות דורך דעם באַנייטן קולטור־צענטער, וואָס שאַפט זיך אין ארץ־ישראל און נעמט אַרום אַלע פאַזן פון לעבן, שטראָמט פון אים און איז משפיע אויף אים. ביאַליק שטרעבט, אַז דאָס יידישע פאָלק זאָל אויפהערן צו זיין אַ קולטור־פּאַראַזיט, — וואָס געניסט פון פרעמדע שאַפונגען און טראָגט ניט צו זיין חלק צו דער מענטשלעכער קולטור. דעריבער רעדט ער כמעט מיט נביאישן פּאַטאָס און וויזיע וועגן די גרויסע אויפגאַבן פון אונדזער אוניווערסיטעט אין ירושלים, וועלכער דאַרף ווערן דער קולטורעלער לייכטטורעם ניט נאָר פאַר די יידן אין ארץ־ישראל, נאָר אויך פאַר די יידן אין דער גאַנצער וועלט, אין אַלע זיינע תפוצות.

ער גלייבט און האָפט, אַז די באַנייטע יידישע קולטור וועט ברענגען אַ בשורה פון דערלייזונג (בשורת הגאולה) פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; ער ענדיקט זיין אָריגינעלע וויזיאָנערישע רעדע ביי דער יום־טובדיקער דערעפענונג פון ירושלימער אוניווערסיטעט, אין חודש ניסן, תרפ"ה, מיט די דאָזיקע ווערטער:

„דער ספר „דברי הימים", דער לעצטער פון כתבי הקודש (הייליקע

שריפטן), איז ניט דאָס לעצטע בוך פון דער יידישער היסטאָריע. ס׳וועט אין דער צוקונפט זיך אין אים אָנשליסן אַ דריטער טייל, מעגלעך אַ גרע־סערער און אַ ווערטפולערער פון די ערשטע צוויי קליינע טיילן״.

„און אויב די התחלה פון ספר „דברי הימים״ איז די געשיכטע פון „אדם, שת, נח״, און זיין סוף איז די כורש־דעקלאַראַציע, וועלכע האָט גורם געווען צו ברענגען, נאָך דריי הונדערט יאָר, די בשורה פון דערלייזונג צו די געצנדינער פון אַלטערטום, וועט אָן ספק זיין די התחלה פון דריטן ספר — די באַלפור־דעקלאַראַציע, און זיין סוף — אַ נייע בשורה, אַ בשורה פון גאולה פאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין, ד.ה. פאַר דער גאַנצער מענטשהייט״.

ג. ליטעראַטור. זיינע קריטישע געדאַנקען און פעדער־שפּריצן איבער ליטעראַטור און אירע שעפער זיינען קורץ, טיף און טרעפלעך. אַז ער וויל אָפּשאַצן זלמן שניאורס אָריגינעלקייט, דריקט ער דאָס אויס בזה הלשון: „ער איז דער ערשטער העברעישער דיכטער מיט אַלע חושים״. פּירושים זיינען איבעריק! ס׳מוז אָבער צוגעגעבן ווערן, אַז אין מאָמענטן פון פייער־לעכקייט, ווי למשל, אַ קבלת פּנים פאַר אַ דיכטער, אָדער אַ שרייבער, אַ יום־טוב לכבוד אַ חשובן יובילאַר האָט ער איבערגעכאַפּט דאָס מעסטעלע פון שבחים און ניט אומזיסט האָבן אים לצים און קיבעצער גערופן „שר המסכים״...

כ׳גלויב, אַז ס׳וועט זיין אינטערעסאַנט איבערצוגעבן בקיצור זיינע זעקס לאָוו׳ן צו שרייבער: א. זייט ניט מגזם! ב. זייט ניט באַנאַל! ג. רעדט ניט איבער קונסטווערק, נאָר שאַפט קונסט! ד. אייער קריטיק זאָל זיין קאָנ־סטרוקטיוו! ה. זייט ניט שרייענדיק! ו. האַלט ריין אייער פּען!... דאַכט זיך, גאַנץ עלעמענטאַרע שרייבערישע לאָוו׳ן, אָבער וויפל שרייבער ווערן גע־שטרויכלט פאַר ניט אָפּהיטן זיי.

ד. שפּראַך. זיין ליבע און געטריישאַפט צו דער העברעישער שפּראַך איז געווען טיף פאַראַנקערט אין זיין האַרץ: „די שפּראַך איז דער לעבעדיקער גייסט פון פאָלק, דער שומר־חנם פון די פאָלקס־אוצרות, דער לבוש פון נאַציאָנאַלן געניוס; דער ערשטער טראָט צו נאַציאָנאַלן שמד איז שמד פון דער שפּראַך״.

„די שפּראַך אונטערשיידט איין פאָלק פון צווייטן; ס׳איז דער פאָדעם, וואָס אויף אים פאַרשנירעווען זיך די נאַציאָנאַל־פּסיכישע ענדערונגען, און

דער קאַלעקטיווער „איך" פון דער נאַציע וועבט זיך איבער אים, אַלץ שטראָמט און בייט זיך, אַלץ קאָן ווערן צוגענומען און באַגזלט פון פאָלק, אַפילו לאַנד, אַחוץ שפּראַך; רעליגיע, מצוות, מעשים, מחשבותן, דעות, אמו־נות און מנהגים בייטן זיך און פאַרשווינדן, און זייער צורה (די שפּראַך) באַשטייט, זי איז אייביק". זי איז דעריבער דער שליסל צו דער נשמה פון פאָלק.

„ווער ס׳באַנוצט זיך מיט אַ פרעמדער שפּראַך, ווער ס׳קען דאָס יידנטום (יהדות) דורך אַן איבערזעצונג (תרגום), איז געגליכן צו איינעם, וואָס קושט זיין מאַמע דורך אַ טאַשנטיכל".

ה. חלוציות. ביאַליקס באַציונג צו די חלוצים איז אַ מין חסידישער „התבטלות היש" (זעלבסט־נעגאַציע). ער איז געווען פול מיט התפּעלות, זעענדיק ווי קינדער און אייניקלעך פון קרעמער, סוחרים, מלמדים, שדכנים און סתם בטלנים וואַלגערן זיך אויף די וויסטע וועגן הונגעריקע, אָפּגעריי־סענע און באָרוועסע, האַקן שטיינער, בויען וועגן און טוען כלערליי שווערע אַרבעטן, טאָג־איין, טאָג־אויס, בכדי צו בויען דאָס לאַנד פאַר די קינדער פון זייער געפּייניקט פאָלק. ער פילט מיט אַלע זיינע חושים, און איז טיף באַ־וווסטזיניק, אַז „די יונגע לייט האָבן געוווסט צו דערהויבן פּראָסטע, גראָבע פיזישע אַרבעט צו אַ מדרגה פון קדושה, צו אַ רעליגיעזער מדרגה".

ביאַליקס התפּעלות פאַר אַרבעט בכלל און פאַר חלוצישער אַרבעט בפרט, וועלכע דערנענטערט דעם מענטש צו דער נאַטור, און באַשענקט אים מיט גליקזעליקייט און מיט דער ברכה פון דער מאַמע ערד, איז דער בעסטער פּירוש צו זיינע נאַטור־לידער, און צו זיינע ציוניסטישע שירים.

ביאַליק שבעל פּה איז איינגעטונקען אין זיין פּאַטאָס און וויזיע. דער לייענער פילט ממש בחוש דאָס פייער פון דיכטערס נשמה. ער ווערט דער־הויבן פון זיין שוואונג און באַשטראַלט פון זיין ליכטיקער פּערזענלעכקייט. אַ גרויסער שאָד, וואָס זיין תורה שבעל פּה איז ניט איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש.

שאול טשערניכאָווסקי

שאול טשערניכאָווסקי איז געווען דער אָנזאָגער פון אַ נייער עפּאָכע אין דער העברעישער פּאָעזיע, און דערפאַר האָבן סיי די לייענער און סיי אַ טייל קריטיקער אין זיין יוגנט־פּעריאָד אים באַטראַכט ווי אַ נטע זר (פרעמדע פלאַנצונג), טראָץ דעם, וואָס אין זיין מהות איז ער געווען די פאַרקערפּערונג פון דעם אוראַלטן העברעישן גייסט, וועלכער איז געקומען צום אויסדרוק אין תנ״ך. זיין ליבע צום אַלטן גריכנטום, זיין קאָקעטירן מיט די העלעניסטישע געטשקעס איז מער געווען אַ פּועל יוצא פון יוגנט־רעוואָלט ווי אַ פילאָזאָפישע אָנשויונג, מער פּאָזע ווי אינערלעכע איבערצייגונג...

דער כאַראַקטער־שטריך פון זיין פּאָעזיע איז זיין קאָסמישער פאַרנעם, וועלכער איז דורכגעפלאָכטן אין אַלע זיינע שאַפונגען. שאול טשערניכאָווסקי איז געקומען צו דער העברעישער פּאָעזיע, ניט ווי דער גרעסטער טייל פון די העברעישע פּאָעטן אין זיין צייט, — אָנגעלאָדן מיט אַ רייכן באַגאַזש פון אונדזערע קולטור־אוצרות, פון וואַנען זיי האָבן געשעפּט זייער אינספּי־ראַציע און יניקה. ער איז געקומען פון דער רייכער פאַרשיידנפאַרביקער נאַטור אין קרים, רוסלאַנד. אין אַלע זיינע גלגולים און וואַנדערונגען האָט די קרימער נאַטור געלעבט אין אים און אַרויסגעזונגען פון אים. זיינע יוגנט־וויזיעס האָבן געשפּרודלט אין אים, און באַפרוכפּערט זיין קרעאַטיוון געניוס אין אַלע זיינע שאַפונגען, אַפילו אין די סאַמע לעצטע, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אין ארץ ישראל...

טשערניכאָווסקי איז געווען כל ימיו אַן אמתער נאַטור־דיכטער. ער זעט אין דער נאַטור דעם אייביקן געראַנגל פון גיגאַנטישע עלעמענטן, און דער געראַנגל דערוועקט אין אים פאַרשיידענע געפילן: ער ווערט פאַרגאַפט פון דער מיסטעריע פון דער נאַטור, פון איר גיגאַנטישקייט און סודותדיקייט, און ער פילט די שטימע פון אַ מעכטיקן און געהיימנישפולן „יש״, וועלכער

שוועבט איבער דער וועלט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, און קוקט מיט זיינע צענדליקער טויזנטער אויגן אויף זיין באַשאַף. דער דיכטער ווערט פאַרציטערט פון דער מיסטעריע; ער הערט דעם ביטערן זיפץ פון דעם קאָסמישן גערעַנגל... ער אידענטיפיצירט זיך מיט דעם קאָסמאָס, מיט דער נאַטור און באַטראַכט זיך אַלס אַן אָרגאַנישער טייל פון זיי: „אני אח לסערה, לסלעים וליערים אח גדול, אך נאדר, שכן ענני־תהו, הגר עם הרעם ונערץ כמהו". (איך בין אַ ברודער צום שטורעם, צו די פעלדזן, צו די וועלדער, אַ גרויסער ברודער, אַ מעכטיקער ברודער, וועלכער וווינט אין די תהו־וואָלקנס מיט דעם דונער, און איז מעכטיק, ווי ער).

גערעַנגל ברענגט פיל מאָל צו גסיסה און כוחות־דערשעפּונג. דער דיכ־טער הערט די גסיסה־קרעכצן פון קאָסמאָס אין יעדן זון־אונטערגאַנג, בלו־טיקט און ווייטיקט מיט זיי, און אין זיי הערט ער די גסיסה־זיפצן פון דער מענטשהייט און בלוטיקט און ווייטיקט מיט זיי. אין זיין שיר „הרהורי ערב" (אָוונט־געדאַנקען) שילדערט אונדז דער דיכטער די וווּנדערבאַרע גסיסה פון קאָסמאָס און איר ווערט פאַרכאַפּט פון דער פּאָעטישער וויזיע, וועלכע דער דיכטער מאָלט פאַר אייך און טאָקט אויס אין זיינע צויבער־פּערזן: „והשמש שלח קו ויגע באבנים ובגעת בם האור ויהי לדם האדם... אז נדמה לי הכף והנה נוטף דמים והדמים ימוגגו צור ורועפים בחגויו..." (און די זון האָט געשיקט אַ שטראַל און באַרירט די שטיינער פון באַרג און זיי פאַרוואַנדלט אין רויט בלוט... און ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז דער פעלדז טריפט בלוט און זיי צעשמעלצן אים און פליסן אין זיינע שפּאַלטעלעך...)

גסיסה איז נאָר אַ צופעליקע דערשיינונג אין דער נאַטור, אָבער איר אייביקער יסוד איז גבורה און קאַמף; דער דיכטער הערט אין זיין בלוט דעם קאַמף פון קאָסמאָס און פילט אין אַלע זיינע רמ"ח אברים די סימפאָניע פון איר גבורה... ער ווערט אינספּירירט און אָנגערעגט פון דער קאָסמישער גבורה און שטרעבט זי איבערצופלאַנצן אין די הערצער פון זיינע ברידער, וועלכע זיינען צוליב היסטאָרישע סבות, דערוויַיטערט געוואָרן פון דעם אור־קוואַל פון קאָסמישער גבורה און ציטערן פאַר דעם שאָרך פון אַ בלאַט. דער מאָטיוו פון קאָסמישער גבורה איז געקומען צום אויסדרוק אין פיל פון זיינע שירים, אָבער אַמבולטסטן אין זיין באַוווּסטן שיר „לא רגעי שנת טבע וחלומות ימתקו, רק רגש בך אראה וסערות הקרב", ניט קיין שלאָף

און זיסע חלומות, נאָר געפיל און שטורעמדיקע קאַמפן זעט ער אין דער נאַטור, און ווען דער דונער זינגט זיין מעכטיק געזאַנג, ווערט ער איבער פולט פון גבורה און רופט צום קאַמף יעדן איינעם, וועלכער איז גרייט צו קעמפן מיט אים, מעג ער זיין אַ פשוטער בשר ודם, אָדער מלאך...

גערשגל, גסיסה, קאַמף און גבורה זיינען קאָסמישע דערשיינונגען, וועלכע אינספּירירן דעם דיכטערס מוזע, אָבער די שיינקייט פון דער נאַטור איז דער לייטמאָטיוו פון זיין דיכטונג. ביאַליק האָט זיך ניט געקאָנט באַ־פרייען פון דער יידישער טראַגעדיע, אַפילו אין זיינע נאַטור־שירים. אין זיין שיר „בשדה", למשל, רייסט ער איבער די שילדערונג פון דער נאַטור און גיסט אויס זיין האַרץ אויף דער שטיף־מוטערישער באַציונג פון דער נאַטור צו אונדז. טשערניכאָווסקי קאָן אין זיינע עפּישע אידיליעס פון דעם יידישן לעבן אין קרים זיך ניט באַפרייען פון דעם צויבער פון דער נאַטור און פיל מאָל פאַרגעסט ער זיינע העלדן, צוליב די נאַטור־שילדערונגען, וועלכע זיינען קאָסמיש אין זייער פאַרנעם, ווו יעדער פרט איז פון גרויס וויכטיקייט, ווייל יעדער פון זיי דערפילט זיין שליחות און אַלע צוזאַמען שאַפן זיי די האַרמאָנישע סימפאָניע פון דעם אַלוועלט... זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך דער מענטש איז אַן אָרגאַנישער טייל פון קאָסמאָס און אין אים און דורך אים קומט ער צום אויסדרוק.

דאָס קאָסמישע אין מענטש זינגט אַרויס פון טשערניכאָווסקיס ליבע־לידער, וועלכע זיינען דער „תפארת שבתפארת" אין זיין שאַפונג, ווייל ליבע איז פאַר טשערניכאָווסקין די סאַמע שענסטע נאַטור־אייגנשאַפט, דער קווינט־עסענץ פון מענטשלעכן זיין און דער „תפארת שבתפארת" פון זיין אינערלעכן נשמהדיקן מהות... טשערניכאָווסקיס ליבע־לידער זיינען ניט ווולגאַר־עראָטיש, אויך הערט איר ניט אין זיי דעם אַנגסט פון יצר־הרע, ווי, למשל, אין ביאַליקס ליבע־ליד „עיניה", ווו דער דיכטער שרייט אויס פון שרעק: „שדי, קרע שטן לילית צוד צדתני" (אַלמעכטיקער, צערייס דעם שאָטן, לילית האָט מיך געפאַנגען); טשערניכאָווסקיס ליבע־לידער זענען עראָטיש־צאַרט, ווי אַן עקזאָטישע פלאַנץ, אַנגעהויכט מיט דער שיינקייט פון דער נאַטור און מיט די אורעלעמענטן פון קאָסמאָס, ווייל ווו נאָך האָט זיך פאַרקערפּערט די תפארת פון דער נאַטור, אויב ניט אין דער אידעאַלער געשטאַלט פון דער פרוי?

אין איינעם פון זיינע יוגנט־לידער „אידיאל" באַזינגט דער דיכטער זיין געליבטע און רעכנט אויס די קאָסמישע עלעמענטן פון וועלכע ס'האָט זיך אויסגעפורעמט די אידעאַלע באַליבטע פרוי, צו וועלכע דער דיכטער קניט אין ערפורכט, און באַהאַלט זיין פנים, ווייל ער ווערט פאַרכאַפּט פון דער געטלעכער געשטאַלט, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אים אין דער שיינקייט פון אַ פרוי. דאָס ליד איז אַן איידעלער פּאָעטישער געוועב, און כ'האָב ממש מורא צורירן זיך צו איר מיט מיין פּראָזאַישער פען...

און פון קאָסמאָס צום באַשאַפער פון קאָסמאָס:

מיר האָבן שוין אָנגעמערקט אויף דער מיסטישער נייגונג פון דיכטער צום באַשאַפער פון דער וועלט, וואָס קומט צום אויסדרוק אין זיין יוגנט־ליד „פנטסיה", ווו זיין גלויבן האָט זיך נאָך ניט אויסקריסטאַליזירט, דער דיכטער הערט נאָך די שטימע פון אַ „יש אדיר ונעלם"; אין זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען איז זיך דער מיסטעריעזער „יש" מתלבש אין אַ פּאַנטעיִסטיש לבוש, וועלכער איז אַזוי צו זאָגן אַ סינטעז פון שפּינאָזאַ און חסידות — אין יעדן ביימעלע, אין יעדן פאַראַקערטן פעלד, אין יעדן באַרג און טאָל, אין יעדער באַשעפעניש, פון דעם קלענסטן ביז דעם גרעסטן, אין אַלע נאַטור־דערשיינונגען, אין אַלע עלעמענטן פון קאָסמאָס האָט זיך די גאָטהייט פאַר־קערפּערט און דאָ, ווו עס שפּרודלט און פולסירט דאָס לעבן, און בעיקר אין מענטשלעכן האַרץ, דאָרט איז זיין משכן, ווייל דער „פועל", ד.ה. דער באַשאַ־פער, און דער „נפעל", ד.ה. דער באַשאַף, זיינען פולקאָמע אחדות... (זע זיין שיר „מחזיונות נביאי השקר").

טשערניכאָווסקי זעט די ימים בלוט און טרערן אין וועלכע די מענטש־הייט טרינקט זיך און גאַרט נאָך אַ דערלייזער, אָבער די דערלייזונג איז פאַרנעפּלט אין אַ ווייטער צוקונפט, און דערוויל שמידט דער שמיד זיינע אייגענע קייטן און פאַרשקלאַפט זיך און זיינע מיטברידער מיט די ווערק פון זיינע אייגענע הענט.

די סאָציאַלע מאָטיוון פאַרנעמען אַ וויכטיקן פּלאַץ אין טשערניכאָווסקיס דיכטונג — נאָך אין זיין יוגנט־שיר „אני מאמין" טרוימט דער דיכטער וועגן דער באַפרייונג פון דער מענטשהייט, און די וויזיע פון אונדזערע אַלטע נביאים איז זיין אידעאַל און שטרעבן; אין זיין באַוווסטן ליד: „שיר מזמור לבני תובל קין" זעט דער דיכטער ניט נאָר די פאַרשקלאַפונג פון דער

מענטשהייט בכלל און פון האַרעפּאַשנע מאַסן בפרט, נאָר ער ווערט מיטגע־ריסן פון די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט דעמאָלט רוסלאַנד, ער זינגט וועגן אַ נייער „תורה", וואָס ווערט אויסגעשמידט פון דעם יונגן אַרבעטער, וועלכע וועט אים באַפרייען פון זיינע קייטן: „קול מבית חרשת עולה — אלפי אופן שורקים... פועל צעיר, מה זה תפעל בין אופנים חורקים? — תורה! אמת לי חדשה!" (אַ שטימע הערט זיך פון דער פאַבריק, טויזנטער רעדער פייפן... — יונגער אַרבעטער, וואָס טוסטו דאָ צווישן די גרילצנדע רעדער? — אַ תורה! אַ נייעם אמת פאַר זיך...) אין וואָס באַשטייט דער נייער אמת? דער דיכטער ענטפערט אונדז קורץ און שאַרף אין זיין „אני מאמין": „דרור — לנפש, פת לדל!" (פרייהייט פאַר דער נשמה, ברויט פאַר דעם אָרעמאַן.)

אָבער אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג עקבערן ספקות דעם דיכטערס געדאַנקען — צי וועט זיך דער מענטש באַפרייען אַ מאָל פון זיינע קייטן, צי איז ער מסוגל זיך צו באַפרייען? די פּעסימיסטישע שטימונגען זיינען געקומען צו אַ מעכטיקן אויסדרוק אין זיין טיפזיניקער, אָריגינעל־פילאָזאָ־פישער אידיליע „הכף השבורה" (דער צעבראָכענער לעפל), וועלכע איז איבערגעדיכטעט געוואָרן פון דעם באַוווסטן דיכטער י. י. שוואַרץ, און פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין „אידישן קעמפער".

אַ גרופּע אַרעסטאַנטן, זיצנדיק אין תפיסה, אין דער בין השמשות־דעמערונג, פרעגן אַ האַרבע קשיא: ווער האָט זיך דערטראַכט די ערשטע תפיסה צו מאַכן? איין אַרעסטאַנט גיט אונדז אַ פּאָעטישע תשובה וועגן אַ ייִנגל און פלאַטערל און אַ צווייטער אַרעסטירטער ענטפערט:

„דער וועלטס ערשטע תפיסה איז קיין מאָל געבויט ניט געוואָרן,
נייערט געוואָרן באַשאַפן דורך וואָרט, ווען גאָט האָט באַשאַפן
די הימלען און ערד, איז געוואָרן די תפיסה די גרויסע.
די וועלט אין איר פולקייט — אוניווערז — איז דער נאָמען פון תפיסה.
אַ הויז אַ גרויס — און איז ענג, אַ רחבות — דערוואָרגן צו ווערן.
און אַלע געבוירענע זיינען אין קייטן פון בליי און פון קופּער:
אין יאָך פון טראַדיציעס, אין שטריק פון פאַרגעסענע דורות,
אין שטרענגע געזעצן פון ווערן און שאַפן פון גאָרניט,

פון נעפּלען פון „בראשית״ ביים שוועל פון פאַרעלנדונג אין לעבן,
היטן די גזרה פון מאָגן, וואָס מאָנט, און פון פּריה ורביה״.

אָבער טראָץ דער פאַטאַלער תּפיסה, אין וועלכער די מענטשהייט איז געפּענטעט, גלייבט דער דיכטער אין דער מעגלעכקייט פון מענטשלעכער באַגרייפונג און ער ענדיקט די אידיליע מיט אַ רוף:

„קומה נבדל מתוך העולם הישן ועפרו ננער מעל כף רגלנו!״

(שטייט אויף, לאָמיר אָפּזאָגן זיך פון דער וועלט דער אַלטער און איר שטויב פון אונדזערע פיס אָפּטרייסלען!)

און אויב איר וועט פרעגן די האַרבע קשיא: ווער איז בכח און מסוגל צו באַפרייען די מענטשהייט פון דער תפיסה, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן דורך וואָרט? איז דעם דיכטערס ענטפער: די פּאָעזיע, פּאָעטן און קינסטלער וועלן די מענטשהייט באַפרייען!

דער איבערגעטריבענער נאַיווער גלויבן אין דער קראַפט פון דער פּאָ־עזיע צו באַפרייען די מענטשהייט איז גאַנץ נאַטירלעך פאַר טשערני־כאָווסקין דעם נאַטור־קינד, אין וועמענס נשמה עס האָט געפלאַקערט אַן אומענדלעכער דורשט נאָך שיינקייט; און דערפאַר איז אויך אַזוי באַגרייפלעך זיין באַגייסטערונג פאַר דער גרויסקייט פון דער פּאָעזיע: „נאוו יצרי מחש־בות אנוש, עולים עליהם חקקי לבו, אך קדשי קדשים הם שירי האדם״ (פּראַכטפול זיינען די מענטשלעכע געדאַנקען, עס שטייגן זיי איבער די מענטשלעכע געפילן, אָבער דאָס הייליקטום פון אַלע הייליקטימער זיינען די מענטשלעכע שירים) ווייל זיי זיינען „מנגינת הדרור״ — דאָס פרייהייט־געזאַנג — פאַר דער מענטשהייט...

די אויסערגעוויינלעכע ליבע צו פּאָעזיע און דער אומענדלעכער דורשט צו שיינקייט זיינען דער שליסל צום דיכטערס אמתע ליבע צום גריכנטום, ווייל אין דער גריכישער פּאָעזיע און קונסט האָט ער געפונען דעם קוואַל צו שטילן זיין דורשט נאָך שיינקייט. און דערפאַר ווידמעט ער זיין לעבן דער איבערדיכטונג פון די גריכישע קלאַסיקער אין העברעיש, ווייל עס האָט אין דיכטערס האַרץ געפלאַקערט אַ מעכטיקער פאַרלאַנג צו באַפרייען זיינע

ברידער פון דער גלות־פּסיכיק, פון זיין שוואַכקייט און גלייכגילטיקייט צום לעבן צו דער נאַטור, וועלכע איז די תפארת פון לעבן... טשערניכאָווסקי האָט געגלייבט און טאַקע געשטרעבט דורך דער פּאָעזיע אויפצולעבן די אַמאָליקע יידישע גבורה, דעם דראַנג נאָך נקמה, וואָס זאָלן ברענגען דאָס יידישע פאָלק צו זעלבסט־באַפרייונג און צו נאַציאָנאַלער און מענטשלעכער דער־הייבונג.

ווי אַזוי קאָן מען דאָס פאָלק באַפרייען פון זיין גלות־אימפּאָטענץ?

טשערניכאָווסקי באַנוצט זיך מיט צוויי מיטלען — שילדערן די יידישע טראַגעדיע און מאָלן דעם אויפקום און אויפשטייג פון אַ נייעם טיפּ ייד. אין זיין פּאָעמע „בין המצרים" שילדערט ער די יידישע גלות־טראַגעדיע פון צוויי ברידער, וועלכע קעמפן אויף פרעמדע שלאַכט־פעלדער איינער קעגן צווייטן; אין „ברוך ממגנצה" מאָלט ער אונדז אַ טראַגיש בילד פון אַ פאָטער, וועמעס פרוי איז געהרגעט געוואָרן פון פאַגראָמשטשיקעס און די טעכטער האָט ער געשאָכטן — מיט זיינע אייגענע הענט, כדי זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די מענטשן־חיות... ברוך אַליין האָט אין אַ מאָמענט פון נשמה־פאַרווירונג אַנגענומען דעם קריסטלעכן גלויבן, אָבער אין מאָנאַסטיר קערט זיך אום צו אים צוריק זיין באַוווסטזיין און זיין יידיש־מענטשלעכער שטאָלץ; ער ווערט איבערגעוועלטיקט פון אַ מעכטיקן נקמה־דראַנג, ער צינדט אָן דעם מאָנאַסטיר און אַנטלויפט צום פרישן קבר פון זיין פרוי, אויסצוגיסן דאָרטן דאָס ביטערניש פון זיין האַרץ... ברוך איז דער נייער טיפּ פון יידישן מאַרטירער, אין אים ברענט אַ פייער פון נקמה און שנאה צו זיינע פייניקער, ער איז שוין מער ניט קיין לעמעלע, וואָס ווערט געפירט צו דער שחיטה און איז מקבל באהבה דעם גזר־דין, ברוך, דער צאַרטער פאַמיליע־פאָטער, ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שמשון־טיפּ, וועל־כער האָט נאָר איין־איינציקן פאַרלאַנג — נקמה!

אין זיינע אידיליעס פון דעם לעבן פון יידן אין קרים שילדערט אונדז טשערניכאָווסקי דעם אויפקום פון אַ נייעם טיפּ ייד — וועלוועלע דער שוטה, כביכול, און זיין אידיליע „כחם היום" אין דער אָנזאָג פון אַ נייעם ייד — אַ ייד, וואָס זיין תכלית אין לעבן איז ניט די הייליקע מטבע און פרנסה, אַ ייד, וועלכער האָט אָן אויג פאַר דער שיינקייט פון דער נאַטור, אַ ייד, פאַר וועמען ארץ־ישראל איז ניט קיין פוסטער נאָמען אָן אינהאַלט, נאָר דער תמצית פון

זיין „איך״. אין זיין אידיליע „ברית מילה״ שילדערט אונדז טשערניכאָווסקי אַ יינגעלע, דאָס זונעלע פון שוחט, וועלכער ציטערט ניט פאַר דער בייטש פון גוי. די נייע טיפן זיינען די מבשרים פון די שפּעטערדיקע חלוצים און פרייהייט־קעמפער.

טשערניכאָווסקי דער נאַטור־דיכטער האָט כל ימיו געשטרעבט צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, בכדי צו נעמען אַן אַקטיוון אַנטייל אין דער ווידערגעבורט און אויפלעבונג פון אונדזער פאָלק אין זיין לאַנד. לײדער האָט זיך דאָס אים איינגעגעבן נאָר אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון זיין לעבן, אָבער די ווירקונג וואָס ארץ־ישראל האָט געהאַט אויף דעם דיכטער איז געווען קאָלאָסאַל — זיין אידיליע „עמא דדהבא״ און זיין בוך שירים „ראי אדמה״ זיינען די סאַמע שענסטע דימענטן אין זיין דיכטערישער קרוין. דעם דיכטערס באַרירונג מיט דעם היים־באָדן און מיט די חלוצים האָבן באַפרוכפּערט זיין געניוס; ער האָט דערגרייכט אין זיינע לעצטע שאַפונגען דעם העכסטן פונקט פון זיין דיכטערישע שאַפונג. אָבער פלוצעם האָט געפּלאַצט דאָס צאַרטע פילנדיקע האַרץ פון דיכטער און זיין נשמה איז אויסגעהויכט געוואָרן אין לאַנד פון זיינע שענסטע חלומות.

דער אײביקער קאַמף

(װעגן מתתיהו שהמס װערק „אלהי ברזל לא תעשה לך")

מתתיהו שהם, דער יונג־פאַרשטאָרבענער דיכטער און דראַמאַטורג, האָט אָנגעהויבן צו שאַפן נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה אין דער דעמאָלט אויסגעמאַטערטער און פאַרפּייניקטער יידישער װאַרשע, װעלכע האָט נאָך געבלוטיקט פון אירע מלחמה־װוּנדן.

די נייע פּוילישע מלוכה, װעלכע איז געבוירן געװאָרן אויף די חורבות פון אַן אָפּשטאַרבנדיקער װעלט, — אין רעזולטאַט פון דער װעלט־מלחמה, נאָכן אונטערגאַנג פון די דריי אימפּעריעס — רוסלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן און דייטשלאַנד, האָט נאָך ניט געהאַט אַ באַשטימטן פּרצוף; עס האָבן זיך אין איר שויס געראַנגלט די כוחות הקדושה פון אַ באַפרייט פאָלק מיט די כוחות הטומאה פון טיף איינגעװאָרצלטע שקלאַפערישע אינסטינקטן; עס האָבן זיך געראַנגלט דער פּויער מיט דעם שליאַכטיץ, דער אַרבעטער מיט דעם מיטל־קלאַס איבער אַ שאָטן פון מאַכט און הערשאַפט. אָבער גלייכצייטיק זיינען זיי כמעט געװוען פאַראייניקט אין זייער אינסטינקטיװן האַס צום ייד.

איז דעריבער טאַקע דער פּוילישער ייד געשטאַנען אַ צעטומלטער אויף די חורבות פון נעכטן און געקוקט מיט פרייד און מיט שרעק אויף דעם װידערגעבורט פון דער פּוילישער מלוכה, און אַ גורלדיקע פראַגע האָט געעגבערט זיין מוח: װאָס דערװאַרט אים אין דער ניי אויפגעלעבטער מדינה? צי װעט ער ניט צעטראָטן װערן אונטער די פיס פון די ראַנגלענדיקע כוחות? צי װעט ער קענען פאַרזעצן זיין איינגעסדרטן שטייגער פון עקאָנאָמישער און נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אונטער די נייע באַדינגונגען? צי װעט ניט אויסגיין דאָס צאַנקענדיקע ליכטעלע פון יידישן גייסט אין דער אַטמאָספער פון שנאה, האַס און שװערד־קולט, װעלכע האָט אַרומגעכאַפּט כמעט אַלע שיכטן און קלאַסן פון פּוילישן פאָלק?

יאָרן שפּעטער האָט זיך דער פּוילישער ייד באַפרייט פון דעם יאושדיקן

קאַשמאַר און האָט עקשנותדיק ממשיך געווען צו שפּינען זיינע קולטור־אוצרות, טראָץ דער ברוטאַלער פאַראַכטונג פון דער אַנטיסעמיטישער ענדע־קישער סביבה; און צו להכעיס זיינע פייניקער און אונטערדריקער, האָט זיין קרעאַטיווער גייסט געשטיגן און זיך אַנטפּלעקט אין נייע קולטור־שאַפונגען, וועלכע זיינען געווען דער המשך פון די אַלטע קולטור־אוצרות.

און פּלוצעם האָט זיך אויפן פּאָליטישן האָריזאָנט באַוויזן אַ נייע צע־שטערנדיקע מאַכט, וואָס האָט פאַרטונקלט מיט איר ברוטאַלקייט אַלע כוחות הטומאה פון דער וועלט. היטלער, די חיה בצורת מענטש, האָט פאַרעפנט־לעכט זיין גיפטיק־שמוציק ווערק „מיין קאַמף", וואָס האָט אויפגעברויזט די בעסטיאַלע אינסטינקטן פון דעם דייטשן פאָלק. דער גיפטיקער היטלער־האַס צום ייד האָט אַריינגעדרונגען אין די ברייטע שיכטן פון פּוילישן פאָלק, וואָס איז שוין געווען פאַרסמט פונעם אַנטיסעמיטיזם־קלעריקאַליזם פון פריער, און די שנאה צום ייד האָט געבושעוועט פראַנק און פריי אין אַלע פּוילישע שטעט און שטעטלעך; גזירות, עקסצעסן, פּאָגראָמען זיינען געוואָרן טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען. די רדיפות האָבן אונטערגעגראָבן דעם קוראַזש, דעם מוט און דער פאַרצווייפלונג־קאָשמאַר האָט ווידער פאַרכאַפּט די ברייטע יידישע מאַסן אין פּוילן.

אין יענעם פּעריאָד, אין די יאָרן תרצ"ג־ד, האָט דער דיכטער מתתיהו שהם פאַרפאַסט זיין וויזיאָנעריש ווערק „אלהי ברזל לא תעשה לך", וואָס איז דערשינען ערשט אין יאָר תרצ"ז, אין וועלכן ער שטעלט אַוועק דעם יידישן פּראָבלעם אין די ראַמען פון אייביקייט, ווו רוים און צייט האָבן ניט קיין שליטה, און פון דער אוניווערסאַלער הייך ברענגט ער אונדז זיין נביאיש טרייסט־וואָרט, וואָס איז אויסגעשליפן און אויסגעטאָקט מיט קינסטלערישער טיפקייט.

די דראַמאַטישע וויזיע פון מתתיהו שהם (אויף העברעיש: חזיון קדומים) סימבאָליזירט דעם אייביקן קאַמף צווישן יידנטום, וואָס איז די פאַרקער־פּערונג פון גייסט, און היידנטום — די פאַרקערפּערונג פון שווערד.

די גרויסקייט פון מתתיהו שהמס וויזיע באַשטייט, לויט אונדזער מיינונג, אין דעם, וואָס דעם דיכטער האָט זיך אויף אַ זייער געלונגענעם אופן איינגע־געבן צו פאַרוואַנדלען ווירקלעכקייט אין וויזיע און זי דערהייבן צו אַזאַ קינ־סטלערישער הייך, אַז די שפּורן פון ווירקלעכקייט, וואָס זיינען אַזוי בולט

צווישן די שורות פון דער דראַמע, ווערן מטושטש אין דער וויזיאָנערישער פאַבולע, און דער לייענער ווערט פאַרכאַפּט פון די גיגאַנטישע פיגורן, וואָס דער דראַמאַטורג האָט אויסגעטאָקט פאַר אים ווי פון מאַרמאָר, און פאַרגעסט אין דיווירקלעכע טיפן און געשטאַלטן, וועלכע האָבן אָנגערעגט און אינספּי־רירט דעם דיכטער אין זיין שאַפונגס־פּראָצעס.

די וויזיע איז דורכגעדרונגען מיט אמתן אָריענטאַלישן קאָלאָריט, און איז אָנגעהויכט מיט דעם גייסט פון דער ביבלישער עפּאָכע אין דער צייט פון אברהמען. זי איז אַ הערלעכע פּאַנאָראַמע פון אַלטערטימלעכן מזרח מיט זיינע געראַנגלענישן און קאַמפן, און דאָך פילט איר אויף טריט און שריט דעם דופק פון דער איצטיקער צייט מיט זיינע בלוטיקע, קאָנוווּלסיווע גע־ראַנגלענישן. די פאַרגאַנגענהייט און די קעגנוואַרט גיסן זיך האַרמאָניש צו־זאַמען און איר ווערט באַאיינפלוסט פון דעם אַלטן געדאַנק פון קהלת: „מה שהיה הוא שיהיה, ומה שנעשה הוא שיעשה, ואין כל חדש תחת השמש".

איר ווערט אָבער אויך פאַרכאַפּט פון אַ צווייטן האָפענונגספולן געדאַנק, אַז די אַלע ברוטאַליטעטן און באַרבאַרישקייטן, וואָס מיר זעען אין דער איצטיקער געזעלשאַפט און מיר שרעקן זיך, אַז זיי וועלן אונטערגראָבן די יסודות פון דער ציוויליזאַציע און קולטור, זיינען ניט קיין פּראָדוקט פון אונדזער עפּאָכע, נאָר דאָס איז אַן אייביקער קאַמף צווישן בעסטיאַלישקייט און מענטשלעכקייט, צווישן שווערד און גייסט: אַ מאָל זיגט איין צד און אַ מאָל דער צווייטער.

די הויפּטפיגורן פון מתתיהו שהמס „אלהי ברזל לא תעשה לך" זיינען ביבלישע פערזענלעכקייטן: אברהם, שרה, זיין ווייב, הגר, זיין קעבס־ווייב; מלכי צדק, דער קעניג פון שלם (ירושלים); לוט, דער שופט פון סדום, און די לעגענדאַרישע פיגור גוג.

די קאָנווע פון דער דראַמאַטישער אַקציע איז די באַוווסטע תנ"כישע דערציילונג וועגן דעם קאַמף, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די פינף פאַר־שקלאַפטע מלכים מיט זייער פאַרשקלאַפער כדרלעמר, דער באַפרייונגס־קאַמף, וואָס אברהם האָט אָנגעפירט קעגן די פאַרשקלאַפער און די רויבער פון סדום און עמורה, און זיין הומאַניטאַרע באַציונג צו די באַפרייטע פון דער טיראַניי פון כדרלעמר.

אין צענטער — דער געראַנגל צווישן אברהמען און גוגן, וואָס דאַרף

סימבאָליזירן דעם אייביקן קאַמף צווישן יושר און וואַנדאַליזם אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. אברהם איז דאָ דער אויסדריקער פון געטלעכן גייסט אין מענטש, דער טרעגער פון הומאַניטאַרן יסוד, גוג — דער בלוט־דורשטיקער וואַנדאַל, דער „היטלער פון דער דעמאָלטיקער עפּאָכע". גוג, וועלכער איז אין דער דראַמע אַ קרוב פון אברהמען, איז שטאַרק אויפגעבראַכט קעגן אים צוליב אַ פּערזענלעכער סיבה — ער איז פאַרליבט אין שרהן, און זי שטויסט אים אָפּ מיט פאַראַכטונג; און, דער עיקר: ער האָסט מיט דער ברוטאַלקייט פון זיין ווילדער נאָרדישער נשמה די הומאַניטאַרע אידעאַלן פון אברהמען...

אַברהם האָט זיך אַנטזאָגט פון דעם „כשר" פאַרדינטן חלק רויב, וואָס ער האָט צוגענומען פון כדורלעמרן, און גיט דאָס צוריק די באַפרייטע פון געפאַנגענשאַפט, צעקאָכט זיך אין גוגן זיין „סופער" נאָרדיש בלוט און פון זיין טיטאַנישער ברוסט רייסט זיך אַרויס אַ מעכטיקער פּראָטעסט קעגן דעם אויך־מיר העלד, אברהמען, וואָס פאַרשוועכט דעם „הייליקן" געזעץ פון די זיגער... זיין מויל שפּריצט מיט גאַל און פאַראַכטונג קעגן די „לעמעשקעוואַטע" מעשים פון אברהמען, וואָס דעגראַדירן די העלדן־טאַטן פון זיין אַרמיי.

גוג, דער בלוטיקער שונא פון אברהמס „לעמעשקעס", פילט אין די טיפענישן פון זיין ברוטאַלער נשמה, אַז כל זמן ער וועט ניט באַזיגן דעם מזרח, דעם מקור פון אַלמענטשלעכע אידעאַלן, און כל זמן ירושלים וועט ניט זיין אין זיינע שמוציקע לאַפּעס, איז זיין נצחון ניט קיין אַבסאָלוטער, ווייל ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז סוף־כל־סוף וועלן זיך אברהמס אידעאַלן איינוואָרצלען אין דעם באָדן פון מזרח און וועלן טריט ביי טריט באַזיגן די בעסטיאַלישקייט פון צפון.

ער פאַראייניקט זיך, בכן, מיט דער מיסטישער פיגור (פלאי ג), „דעם ווייסנשאַפטלער פון אַלטערטום", און געמיינזאַם ווערט אויסגעאַרבעט אַ טייוולאָנישער פאַרניכטונגס־פּראָגראַם קעגן סדום — „דאָס פּאַריז" פון אַלטערטימלעכן מזרח; ער שליסט אויך אַ פּאָליטישן שידוך מיט דעם קעניג פון סדום.

און אין דעם טאָג פון גוגס חתונה מיט קטורה, די טאָכטער פון קעניג פון סדום, ווערט דורכגעפירט דער פאַררעטערישער פאַרניכטונגס־פּלאַן קעגן

סדום. די שטאָט ווערט אָפּגעווישט פון דער ערד, אָבער גלייכצייטיק ווערן אויך פאַרניכטעט די גרעסטע טיילן פון גוגס אַרמיי.

אויך זיין צווייטער טייוולאַנישער פּלאַן: צו פאַרניכטן פּלוצעם אברהמס קליינע העלדישע אַרמיי און צו פאַנגען שרהן, גיט זיך אים ניט איין: אברהמס העכסטער אידעאַל איז שלום, אָבער ווען דער קאַמף ווערט אַ נייטיקייט, קעמפט ער ווי אַ לייב; ער באַזיגט ניט גוגן, ווייל ער האָסט ברוטאַלע מאַכט, אָבער גוגס מחנות קענען אים ניט באַזיגן. אַלע גוגס טייוולאַנישע און פאַר־רעטערישע פּלענער ענדיקן זיך מיט אַ פיאַסקאָ.

און ווען גוגס מחנות זינגען דאָס „האָרסט־וועסל לידל" פון דער דע־מאָלטיקער בלוטיקער עפּאָכע: „כי יתלע דם עבר חרבכם" — זמרו כבוד גוג בארץ..." (ווען עס רויטלט זיך אייער שווערד מיט דעם בלוט פון עבר—ייד, זינגט דעם כבוד פון גוג און דער וועלט), און גוג, ברענענדיק פון נקמה־דורשט, ווענדט זיך צו אברהמען מיט דעם רוף: „אברהם, עוד נפגש על ראש כל דרך למועד ולמועדים!" (אברהם, מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען אויפן שפּיץ פון יעדן וועג און באַשטימטע צייטן!") ענטפערט אים אברהם מיט אַ קלאָרער מעכטיקער שטימע: „לא אט שם מפניך, גוג, במלוא זמנים!" (איך וועל ניט אַנטלויפן פון דיר אין לויף פון דער צייט).

און ווי אַ נביאישער אויסרוף קלינגען דעם דיכטערס ווערטער:

„לא אט שם מפניך גוג, במלוא זמנים!" אין פאַרלויף פון אונדזער געשיכטע האָבן מיר זיך ניט איין מאָל באַגעגנט אין קאַמף מיט גוגן, מיר האָבן דעם קאַמף מוטיק אויפגענומען, מיר זיינען ניט באַזיגט געוואָרן, און לאָמיר האָפן, אַז אין אַלע קאַמפן מיט די ברוטאַלסטע גוגס פון דער מענטש־הייט, וועלן מיר ניט באַזיגט ווערן.

אויך די צווייטראַנגיקע פּערסאָנאַזשן זענען געצייכנט אין דער דראַמע, ווי אוניווערסאַלע געשטאַלטן פון אַלע צייטן: מלכי צדק איז אַ כאַראַקטע־ריסטישער פאָרשטייער פון די געשוווירענע אייביקע צווייפלער, וועלכע בוקן זיך צו אַלע געטשקעס, ווייל זיי זענען נישט בכוח צו אונטערשיידן צווישן גאָט און, להבדיל, אַ געטשקע: — ער איז באַגייסטערט סיי פון אברהמס הו־מאַניטאַרע אידעאַלן און סיי פון גוגס בלוטדורשט, און ווייסט ניט וועמען צו באַשטימען פאַר דעם יורש פון זיין טראָן...

לוט איז דער רעפּרעזענטאַנט פון מיטלמעסיקייט, פון מיטל־קלאַס, און

ער ווערט נאָך דעם חורבן פון סדום אַ גרויסער אָנהענגער פון אברהמס אידעאַלן...

די פרויען־געשטאַלטן זיינען באַשאַנקען מיט אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפטן, וואָס דערהייבן זיי איבערן אָרט און צייט: שרה איז דער סימבאָל פון אַ געטרייער לעבנס־באַגלייטערין, זי איז אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אברהמען, און איר ליבע צו אים איז גרענעצלאָז. זי בעט אים, אַז ער זאָל זיך מזדווג זיין מיט הגרן, איר דינסט, מחמת זי האָפט, אַז אויב ער וועט האָבן פון איר אַ קינד, וועט דאָס אים דערמוטיקן אין זיין לעבנס־קאַמף; און אַז הגר, נאָך דעם ווי זי איז שוואַנגער געוואָרן פון אברהמען, באַציט זיך צו איר מאַדאַם טראַציק, חוצפהדיק און רייצט זיך מיט איר,ליידט שרה שרעק־לעך, אָבער שטיל, אין זיך.

הגר איז דער קעגנזאַץ פון שרהן. זי פאַרגעטערט אויך אברהמען. אָבער דער מקור פון איר פאַרגעטערונג איז מער אַ פיזיש־הערלישער ווי אַ גייס־טיקער, און דעריבער איז איר אומענדלעכע ליבע ניט קיין קוואַל פון אינ־ספּיראַציע פאַר אברהמען.

טיפיש פאַר אַלע צייטן זיינען אויך די צוויי קעגנזעצלעכע פרויען־כאַראַק־טערן — קטורה, די טאָכטער פון קעניג פון סדום, און דקלה, די שוועסטער פון גוגן.

קטורה איז אַ פאַרחלומטע אָריענטאַלישע פרינצעסין, וואָס איז פאַרליבט אין דער שיינקייט פון איר קערפּער, גאַרט נאָך צאַרטער, אידעאַלער ליבע, און דער פאָליטישער שידוך, וואָס איר פאָטער האָט געשלאָסן מיט דעם ברוטאַל גוג, איז איר ניט צום האַרצן. זי איז פאַרליבט אין דער נאַטור פון מזרח, אין זיינע מנהגים און צערעמאָניאַלן, און זי פילט אַ נאַטירלעכן ווי־דערווילן צו דעם נאָרדישן הענקער...

דקלה איז די טיפּישע שוועסטער פון גוגן, וועלכע גלייבט, אַז דער פּרויס פונקציע אין דער וועלט איז צו קינדלען, בכדי צוצושטעלן קאַנאָנען־פלייש פאַר די הענקערס. זי לאַכט גאַליק פון קטורהס חלומות וועגן ליבע און פאַר־געטערונג. די פרוי דאַרף, לויט איר מיינונג, זיך פילן גליקלעך, ווען זי ווערט באַצוווּנגען און באַהערשט פון מאַן...

יטה און דנה, די לייכטזיניקע און זינדיקע טעכטערלעך פון לוט, זיינען דער שפּיגל פון סדומס אויסגעלאַסנקייט און דערגענצן די אָריענטאַלישע פאַ־

נאַראַמע, וואָס דער טאַלאַנטפולער דיכטער און דראַמאַטורג מאָלט פאַר אונדז.

די אַרטיסטישע אייגנשאַפטן פון דעם ווערק „אלהי ברזל לא תעשה לך" זיינען פאָלגנדיקע: די דראַמאַטישע אַקציע איז אַ ברויזנדיקע און איז אָנגעפּיקעוועט מיט שטורמישע קאָנפליקטן; די הויפּט־העלדן און די צווייט־ראַנגיקע פיגורן זיינען, טראָץ זייער סימבאָלישקייט, לעבעדיקע, אימפּול־סיווע כאַראַקטערן און בעטן זיך ממש, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבראַכט ווערן אויף דער סצענע. די מאַסנסצענעס פאַרכאַפּן דעם אָטעם מיט זייער דינאַמישער אָנגעלאָדנקייט. די שפּראַך איז ביבליש, פון מיט נביאישן פּאַטאָס, צאַרט און ליריש.

„אלהי ברזל לא תעשה לך" איז, ווי געזאָגט, אַ דראַמאַטיש ווערק, אין וועלכן ס׳גיסן זיך צוזאַמען האַרמאָניש: וויזיע און פילאָזאָפיע, סימבאָליזם און רעאַליזם, און ווערט, לויט מיין מיינונג, פאַרנעמען אַ באַדייטנדיקן אָרט צווישן די ווערטפולע שאַפונגען פון אונדזער ליטעראַטור.

„אהבת הושע"

(אַ ביבלישע פּאָעמע פון ש. גינצבורג)

די העברעישע פּאָעזיע איז, קודם כל, דער אויסגוס פון דער נשמה, דער עכאָ פון מענטשלעכע ליידן און גרעאַנגלען, הן פון יחיד און הן פון כלל. איר הויפּט־שטריך איז „ממעמקים קראתיך". ממילא איז זי רייך אין לירישע שאַפונגען און אָרעם — אין עפּישע ווערק. אַ טייל פון אונדזערע דיכטער האָבן פּרובירט אַריינצוברענגען דעם עפּישן עלעמענט אין אונדזער פּאָעזיע, אָבער פאָרלויפיק איז די ליריק דאָמינירנדיק אין אונדזער העברעישער פּאָעזיע.

עס איז פאַר מיר געווען אַ דערפרישונג צו לייענען ד"ר שמעון גינצ־בורגס ביבלישע דראַמאַטישע פּאָעמע „די ליבע פון הושע". דעם דיכטער האָט זיך איינגעגעבן צו שאַפן אַ פּאָעטיש ווערק, אין וועלכן דער אויפשטייג און דער אומקום פון אַ רייכער עפּאָכע ווערט געשילדערט מייסטערהאַפט. איר זעט בחוש די אויפבליונג פון אַ קעניגרייך און איר גייסטיקע רעגענע־ראַציע.

אין דער פּאָעמע „אהבת הושע", מאָלט אונדז דער דיכטער דעם אויפ־שטייג פון דעם קעניגרייך אפרים אין דער צייט פון ירבעם דער צווייטער. איר האָט פאַר זיך אַ בילד וועגן ירבעמס נצחונות, די פאַרשיכורונג פון די מאַסן. ער מאָלט אונדז די אויפשטאַנדן און די רעוואָלוציעס אין אפרים, די מלחמה פון אפרים אין ארם קעגן יהודה אין די צייטן פון אחז און דעם אונטערגאַנג פון אפרים.

אָבער די הויפּטהעלדן פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע זיינען ניט די מלכים און זייערע שׂרים, די פּריסטער פון בעל און פון די גאָלדענע קעלבער, נאָר די נביאים, וועלכע האָבן געלעבט און געווירקט אין יענער רייכער עפּאָכע: עמוס, הושע, ישעיהו, און הויפּטזעכלעך הושע, די צענטראַלע פיגור פון דער דראַמע און זיין טראַגישע ליבע צו זיין פרוי גמר, וועלכע ליבט

אים מיט איר נשמה און געפינט סעקסועלע באַפרידיקונג אין שויס פון דעם לומפּ און גייסטיקן דעגענעראַט חדלי.

די פּערזענלעכקייט פון הושען איז מייסטערהאַפט געשילדערט: דער דיכטער מאַלט אונדז הושעס יוגנט, די סביבה, אין וועלכער ער איז געבוירן, און קודם כל — זיין פאָטער בארי, אַ קריגסהעלד, וואָס האָט זיין נשמה צום טייוול ניט פאַרקויפט, און ער האָט דעם מוט צו רעוואָלטירן קעגן יהודה, זיין בלוט און פלייש. ווען מען גיט אים די ברירה זיך צוריקצוקערן אין זיין היים אין זכות פון זיין זון דעם נביא, באַשליסט ער צו פאַרבלייבן אין געפאַנגנשאַפט מיט זיינע זעלנער, טראָץ זיין בענקשאַפט צו דער פאַמיליע, בכדי זיי צו באַשיצן, העלפן און טרייסטן אין די שרעקלעכע טעג פון זייער געפאַנגנשאַפט. דער דיכטער מאַלט אונדז הושעס יוגנט־יאָרן אין בית־אל אין דעם הויז פון אמציה, דער הויפּט־פּריסטער פון קעניגלעכן הויף און פון דעם טעמפּל אין בית־אל. ער שילדערט אויך הושעס ליבע צו דער אידעאַלער פרויען־געשטאַלט תרצה, די טאָכטער פון אמציה. אָבער אַ נשמה־קול זאָגט אים: „לא היעודה זה” — ניט זי איז דיין באַשערטע!

און אין אָט דעם ווירוואַר פון זיין נשמה־צושטאַנד, באַגעגנט ער זיך מיט דעם נביא עמוס, וואָס איז געקומען פון תקוע, אין יהודה, קיין בית־אל און שטורעמט אויף די שטאָט מיט זיינע דונערנדיקע נביאות קעגן די סאָציאַלע עוולות אין לאַנד, קעגן די „פּרות הבשן” — די פרויען פון האַרן — וואָס צאַפּן דאָס בלוט פון די אָרעמע, קעגן די האַרן, וואָס פאַרקויפן פאַר אַ פּאָר שיך אַ קינד פאַר אַ שקלאַף און טרעטן חוצפּהדיק אויף די קעפּ פון די אָרעמע.

ער איז געווען אַן עדות פון דער דראַמאַטישער סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין טעמפּל צווישן דעם כהן אמציה און דעם נביא עמוס: אמציה, הערנדיק עמוסעס נבואה וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער דינאַסטיע ירבעם און פון דער מלוכה, פּראָטעסטירט און ליאַרעמט: „חוזה, לך ברח!” — זעער, גיי אַנטלויף! און דער נביא ענטפערט אים מיט זיין לייבן־שטימע: „אשתך בעיר תזנה” — דיין פרוי וועט דיך פאַרראַטן אין שטאָט!

דער יונגער הושע ווערט פאַרכאַפּט פון דער אויפּברויזנדיקער קראַפט פון נביא. ער גייט אים נאָך און קושט דעם זוים פון זיין מאַנטל. אויך עמוס ווערט פאַרכאַפּט פון הושען, און ער זאָגט אים: „גאָט האָט דיך

געזאַלבט פאַר אַ נביא; ווי גליקלעך און אומגליקלעך ביסטו, מיין קינד!״

דאָס איז געווען אַ דעצידירנדיקער מאָמענט אין לעבן פון נביא — ער האָט שוין לאַנג געהערט די געטלעכע שטימע אין זיך, ער האָט זי געפילט אין זיינע רמ״ח אברים. אָבער ער האָט זי ביז איצט פאַרטויבט. איצט איז אים קלאָר געוואָרן זיין מיסיע און זיין לעבנס־באַרוף — ער איז אַ גאָט־געזאַלבטער, אַ נביא!

און אַזוי ווי ער האָט אויפגעציטערט בעת דער באַגעגעניש מיטן נביא, אַזוי האָט ער אויך אויפגעברויזט פון דער באַגעגעניש מיט זיין באַשערטע גמר: ער דערפילט גייסטיקע דערהויבונג, אַ באַגער צו לייטערן די נשמה פון זיין פאָלק, וואָס איז פאַרזונקען אין מ״ט שערי טומאה פון געצנדינעריי און קדשות־קולט, פון זנות און הפקרות. ער חלומט, אַז די ליכטיקע געשטאַלט פון זיין געליבטע גמר וועט זיין אַ קוואַל פון גייסטיקער אינספּיראַציע, ניט נאָר פאַר אים, נאָר אויך פאַר דעם גאַנצן פאָלק. הושע איז איבערגליקלעך. זיין נביאישער עקסטאַז שטייגט און רעגט אים אָן צו געטלעכע מעשים, צום קאַמף פאַר פאָלקס־לייטערונג דורך גאָט־דערקענטעניש און מאָראַל. אָבער, גמר, דעם נביאס אידעאַל, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַרן גאַנצן פאָלק, איז אַ פּראַכטפולער עפּל וואָס ווערים האָבן אויפגעפרעסן זיין אינגעווייד: גמר איז אַ זונה!

דער דיכטער מאָלט אונדז אין זיין פּאָעמע די נשמה־איבערלעבענישן פון נביא, ווען ער דערוויסט זיך, אַז זיין אידעאַל איז אַן „אשת זנונים״ און זיינע קינדער זיינען „ילדי זנונים״.* די גאַנצע וועלט שאָקלט זיך אונטער זיינע פיס, זיין פאַרצווייפלונג איז טיף ווי דער תהום.

נאָר פּלוצעם דערהערט ער אין זיך די געטלעכע שטימע: „מיט וואָס ביסטו בעסער פון מיר? מיין פאָלק האָט מיך פאַרראַטן, מיין געצנדינעריש פאָלק איז אַ גייסטיקע זונה, און דו שווייגסט?!״

און דער נביא, וועמענס הויפּטכאַראַקטער־שטריך איז זעלבסט־נעגאַציע, צוימט איין זיין צאָרן און באַשליסט צו פאַרגעבן גמרן איר פאַרברעכן, לייטערן זי און דערהויבן זי פון איר שמוץ, בכדי זי זאָל דינען ווי אַ סימבאָל פון פאָלקס־ריייניקונג און פאַרגעבונג.

---

* „קינדער פון זנות״.

און פונקט ווי די פערזענלעכקייט פון הושען איז אויך זיין לעבנסבאַ־גלייטערין מייסטערהאַפט געשילדערט.

איר זעט פאַר זיך אַ טראַגיש דואַליסטישע געשטאַלט: אין איר נשמה ראַנגלען זיך די שכינה און לילית,ביידע קעמפן פאַר אויבערהערשאַפט — אַ מאָל איז די שכינה מנצח ליליתן, אָבער על פי רוב איז לילית די זיגערין.

דער דיכטער מאָלט די נשמה־איבערלעבענישן פון גמר מיט אַ פסיכאָ־לאָגישער טיפקייט. דער לייענער ווערט מיטגעריסן מיט אירעליידן און ער קאָן זי ניט שעלטן און ניט בענטשן.

הושע און גמר זיינען די צענטראַלע פיגורן פון דער דראַמאַטישע פּאָעמע „אהבת הושע". אַרום זיי אַנטוויקלט זיך די דראַמאַטישע האַנדלונג, איר זעט זייער וואַקסן און שטייגן, זייערע יסורים און נשמה־געראַנגלען. דער דיכטער מאָלט אויך דעם אויסערלעכן גלאַנץ אין אפרים און איר אינערלעכע דעגענע־ראַציע און צעפוילטקייט. איר זעט, ווי דער קדשות־קולט פון זנות און הפקרות האָט זיך איינגעפרעסן אין פאָלק, פאַרסמט דאָס פאַמיליע־לעבן און גראָבט אונטער די מאָראַל. איר זעט ווי דאָס פאָלק גליטשט זיך אין תהום פון אונטערגאַנג צוליב דער שולד פון זיינע פאַרפירער. איר זעט די אינערלעכע סאָציאַלע קאַמפן; איר הערט דעם מעכטיקן פּראָטעסט פון די נביאים קעגן דער פאַרשקלאַפונג פון די פאָלקסמאַסן און איר זעט דערשטוינט צו זען ווי טויב עס זענען די אויערן פון די מאַסן צו דער סאָציאַלער לערע פון די נביאים; איר זעט ווי שאַרלאַטאַנעס און גייסטיקע דעגענעראַטן באַהערשן די פאָלקסמאַסן, און דאָס וואָרט פון די נביאים איז צו שאַנד און שפּאָט. איר זעט די אָפּפערווויליקייט פון הושען צו זיין פאָלק; זיין מסירת נפש צום פאָלק איז אומענדלעך, ער נעגירט זיין „איך", ער איז מוחל זיין פרוי אַלע אירע חטאים, בכדי צו דינען דאָס פאָלק, ווי אַ סימבאָל פון געטלעכער פאַר־געבונג און ווי אַ וועגווייזער פון מאָראַלישער דערהויבונג.

די פּאָעמע „אהבת הושע" איז רייך אין דראַמאַטישע מאָמענטן, און מיר דוכט זיך, אַז ווען דער דיכטער וואָלט זי סצענירט, וואָלט זי אויף דער בינע געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. עס ווילט זיך דאָ דערמאָנען דאָס בילד, ווי דער נביא באַשליסט, נאָך אַ שטאַרקער איבערלעבעניש, זעענדיק ווי ביי די דעמאָראַליזירטע בירגער פון אפרים דערוועקט זיך אַ פונק פון מענטשלעכ־קייט — צו גיין אין דער נעסט פון טומאה, אין דער וווינונג פון זיין דם־שונא,

דעם שאַרלאַטאַן חדלי, וואָס האָט פון אים צוגעגזלט זיין פרוי און פאַריתומט זיינע קינדער. אפשר וועט זיך אים איינגעבן צו דערוועקן ביי זיין פרוי, די זונה, דעם פונק פון אָרנטלעכקייט. אָבער דער נביא דערזעט פאַר זיך אַ שרעקלעך בילד: אַ וואַקכאַנאַליע פון זנות, אויסגעלאַסנקייט, און דעגענע־ראַציע. ער זעט ווי חדלי איזדיעקעוועט זיך איבער זיין פרוי די זונה, ווי ער טרעט זי מיט זיינע ברוטאַלע פיס און דערנידעריקט איר ווערדע. ער קריצט מיט די ציין און שווייגט.

נאָך אַ שווערן אינערלעכן קאַמף באַזיגט ער זיין צאַרן, זיינע נשמה־געפילן און ער ווערט באַהערשט פון אַנסופיקן רחמנות־געפיל, פון אַ געפיל פון פאַרגעבונג. ער באַצאָלט דעם לומפּ, וועלכער האָט געגזלט דורך זיינע שמד־שטיק זיין פרוי, אַ נישטיקע סומע אויסלייז־געלט, און ברענגט צוריק זיין געפאַלענע, קראַנקע פרוי צו זיין נעסט מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט, טראָץ איר געפאַלנקייט, זי דערהויבן און לייטערן.

אָט דאָס בילד פאַרמאָגט אמתע דראַמאַטישקייט און סצעניש̈ע פּלאַס־טישקייט און קען דינען ווי אַ באַוויז פון דיכטערס גרויסן טאַלאַנט. און דאָס בילד איז ניט דאָס איינציקע פון דעם מין.

„אהבת הושע" איז אַ קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג פון אַ גרויסער עפּאָכע: איר הערט די וויי־געשרייען פון איר געבורט, איר זעט איר אויפשטייג, איר אינערלעכע דעגענעראַציע, אירע געראַנגלען, איר גסיסה און איר אומקום.

אינעם אָפּגרונט פון פינצטערניש שיינען די ליכטיקע געטלעכע גע־שטאַלטן פון די נביאים עמוס, הושע און ישעיהו — די באַשפּיגענע, אויס־געלאַכטע און פאַרפאָלגטע, וואָס קעמפן פאַר אַ ליכטיקער צוקונפט פאַר זייער פאָלק און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט; איר הערט דאָס פלאַטערן פון דער אַלמעכטיקער „שירת אהבה" ביים בעט פון דער גוססדיקער גמר.

„אהבת הושע" איז אַ נאַציאָנאַלע דראַמאַטיש־עפּישע פּאָעמע אָנגעהויכט מיט שטאַרקע הומאַניטאַרע אידעאַלן, מיט אַלמענטשלעכע וויזיעס, און דאָס בת קול פון די נביאים הערט זיך אין איר, הן אין אינהאַלט, און הן אין סטיל, וואָס איז אַ ביבלישער: לייכט, צאַרט, פליסיק און מעכטיק.

שמעון גינצבורג — הומאַניטאַרער און סאָציאַלער דיכטער

(צו זיינע שלושים)

דאָס האַרץ וויטיקט אויפן פריצייטיקן און פּלוצעמדיקן טויט פון באַ־ליבטן דיכטער, געלערנטן און האַרציקן מענטש. ס'איז נאָך צו פרי צו שרייבן אַן אָביעקטיווע און אַלזייטיקע אָפּשאַצונג פון זיין שאַפן. מיר וועלן דאָ פּרו־בירן אַרויסברענגען נאָר איין שטריך פון זיין פאַרבנרייכער פערזענלעכקייט.

שמעון גינצבורג איז אין זיין עצם מהות געווען אַ הומאַניטאַרער און סאָציאַלער דיכטער. אין זיין פּאָעזיע פילט זיך דאָס צאַפּלדיקע און מיטפילנ־דיקע האַרץ פון דיכטער, וואָס וויטיקט צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענ־טשהייט.

זיינע סאַמע ערשטע שאַפונגען זיינען איינגעהילט אין אַ שלייער פון טרויער און פעסימיזם; זיין יוגנט־מוזע איז „נינפה חורת רכובה על גל אט בלויתם לקול שירה חרישית עגומה" (אַ בלאַס ים־מיידל רייטנדיק אויף אַ כוואַליע איינזאַם און פאַמעלעך ביי דער באַגלייטונג פון אַ שטיל־טרויעריק געזאַנג). אין דיכטערס האַרץ האָט געיאָמערט אַ געוויין, וואָס האָט זיך נאָך ניט מתלבש געווען אין ווערטער און זיך געראַנגלט צו געפינען אַן אויסדריק פאַרן צער: „חרישי בוכה דבר מה בי, דבר מה לא מצא בטוי" (שטיל וויינט אין מיר עפּעס, וואָס האָט נאָך ניט געפונען קיין אויסדרוק), דער גאַנצער „זיין" איז פאַרן דיכטער טונקעל־אָרעם, און זיין נשמה איז אַ קוואַל פון טרויער, זיין סביבה איז פול מיט שבתדיקייט, אָבער דעם דיכטערס געמיט־צושטאַנד איז אַ וואָכעדיקער „היתה נפשי מקור היגון; סביב שבת נפשי חל".

וואָס איז דער מקור פון שמעון גינצבורגס יוגנט־פעסימיזם און עצבות? איז דאָס אפשר נאָר אַ דיכטערישע פּאָזע אָדער אַ פאַרבייגייענדיקע שטי־מונג? מיין ענטפער איז אַן אַבסאָלוט נעגאַטיווער.

דער דיכטער האָט זיך קיין מאָל ניט באַפרייט פון זיין יוגנט־פעסימיזם.

ער איז אַדורכגעוועבט אין אַלע זיינע שפּעטערדיקע שאַפונגען און דינט ווי אַ טרייבקראַפט אין זיין קורצן, אָבער רייכשעפערישן לעבן.

דער צער פון יחיד, פון דעם איינזאַמען מענטש, וואָס בלוטיקט אין זיין בוידעם־שטיבל, און דער צער פון דער מענטשהייט, וואָס גייט אָפּ אין ימען בלוט, האָבן פאַרטונקלט די שיינקייט פון דער וועלט, פאַראומערט זיין געמיט און פאַרוווּנדעט זיין טיף־פילנדיק האַרץ.

ווי אַזוי קאָן מען לעבן אויף דער וועלט און געניסן פון אירע ביליקע תענוגימלעך, בעת אַ פאַריתומטע, איינזאַמע נשמה קלאָגט און יאָמערט פון פאַרצווייפלונג: „נפש אדם ביתמותה זבת דם״. על אחת כמה וכמה, אַז דאָס מענטשלעכע לעבן האָט קיין זין ניט פאַר דעם דיכטער, וואָס זעט דעם תהום פון מענטשלעכעליידן און אידענטיפיצירט זיך מיט זיי: „תהום מלמטה לי נפתחת, לועה פעור — שחור עמוק״ (דער תהום פון אונטן האָט זיך פאַר מיר געעפנט, איר קראַטער איז אָפן — שוואַרץ־טיף...).

זיין פאַמיליאַרישקייט, וואָס איז געקומען צו אַזאַ מעכטיקן אויסדרוק אין זיין פּאָעזיע, איז ניט געווען אַ פּועל־יוצא פון באַגרענעצטקייט און ענג־האַרציקייט, נאָר פאַרקערט — אַ רעזולטאַט פון זיינע טיפע הומאַניטאַרע גע־פילן, אים האָט זיך איינגעגעבן צו סובלימירן זיינע אינטימע געפילן און איבערלעבענישן צו דער הויך פון אַלמענטשלעכע מאָטיוון.

אין שמעון גינצבורגס פּאָעזיע איז ניטאָ די דיסטאַנץ צווישן „איך״ און „זיי״, אין זיין באַוווסטזיין איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר קיין עגאָאיסטישער מחיצה. אין זיין שאַפן וויברירט דער פּולס פון דער צייט.

פיל מאָל האָבן די הומאַניטאַרע מאָטיוון אים איבערגעוועלטיקט און אַזוי באַהערשט, אַז זיי האָבן געשטערט אין דער קינסטלערישער אויספאָר־מירונג פון זיינע שאַפונגען. דאָס האָט פּאַסירט אין „יהושפט״, וואָס איז גרויס אין איר פאַרנעם, אין דער תהומדיקייט פון מענטשלעכע ליידן, אָבער ניט אין קינסטלערישער פּערפעקציע. עס האָט אים אויסגעפּעלט די קינסט־לערישע אָביעקטיוויטעט, ווען זיין פּען האָט געצויגן איר יניקה פון תהום פון מענטשלעכע ליידן. דאָס איז די סיבה פון די קינסטלערישע „שטרויכ־לונגען״ אין אַ טייל פון זיינע שאַפונגען, הויפּטזעכלעך אין „בעמק יהושפט״.

שמעון גינצבורגס פּעסימיזם איז געווען אַזוי טיף און קערנדיק, אַז אַפילו אין דער סאַמע זוניקסטער און פּערפעקטסטער פּאָעמע זיינע „ידויגה״, וואָס

איז אַ צוזאַמענגוס פון לירישע און עפּישע עלעמענטן און אַ הימען צו דער נאַטור און ליבע — אויך דאָרט מערקט זיך דער פּעסימיזם, וואָס האָט באַהערשט דעם דיכטער זיין גאַנץ לעבן.

אין די סאַמע דערהויבנסטע שעהען פון זיין לעבן, בעת די ליבע האָט אים באַהערשט און די שיינקייט פון דער נאַטור האָט זיך צו אים אַנטפּלעקט, אויך דעמאָלט זעט ער ניט נאָר דאָס ליכט, אין וועלכער דער פּאַלאַץ און דער גאָרטן פון זיין געליבטע טובלען זיך, נאָר אויך די טרערן פון די משרתים, וואָס ווערן באַליידיקט פון די פּוילישע פּאַנעס טאָג־איין, טאָג־אויס.

דער סאָציאַלער מאָטיוו איז אויך פאַראַן אין זיין „ניו־יאָרק”, אַ פּאָעמע מיט פּאַרנעם, שווונג און טיפקייט, אָבער אָן קינסטלערישער האַרמאָניע. דער דיכטער באַזינגט די גיגאַנטישקייט פון דער וועלטשטאָט ניו־יאָרק, איר פאַרשיידנפאַרביקייט, און פאַרגלייכט זי צו אַ געטלעכע־טייוולאַנישע פּאָעמע, געשריבן אין ווייסע פערזן. ער איז פאַרגאַפט פון איר פּראַכט און צויבער. זי איז פאַר אים די גרעסטע געטלעכע סימפּאָניע, אָבער גלייכצייטיק פּלאָנטערט זיין האַרץ פאַר שרעק פאַר דעם אַלמעכטיקן קאַפּיטאַליסטישן מולך, וואָס די מענטשהייט האָט אויפגעבויט אויף צו באַהערשן און פאַרשקלאַפן די מאַסן.

דער סאָציאַלער און הומאַניטאַרער מאָטיוו איז אויך בולט אין זיין לירישן געדיכט „ישו”, ווו ער באַזינגט דעם טרויעריקן גורל פון אַ פאַרבענקטן און פאַרחלומטן נעגער וואָס איז פאַרשטויסן פון אַלעמען. דער דיכטער אידענטיפיצירט זיך, און זיין פאָלק, מיט דעם גורל און די ליידן פון דעם נעגער.

„אחים אנחנו, בחוט נעלם קשורים, אב אחד לנו, ואותם היסורים”

(ברידער זענען מיר, מיט אַ ווונדערבאַרן פאָדעם פאַרבונדן, קינדער פון איין פאָטער און פון די זעלבע ליידן).

שמעון גינצבורגס לירישע לידער, בעיקר די, וועלכע זיינען געווידמעט צו זיין ערשטע לעבנס־באַגלייטערין, זענען צאַרט, חנעוודיק און ערנסט, און נאָר זיי זענען פריי פון דעם סאָציאַלן מאָטיוו. די אינטענסיווקייט פון דיכטערס איבערלעבענישן האָבן זיי באַפרייט פון דער ענגער ראַם פון פאַמיליערדיקייט און זיי פאַרוואַנדלט אין אַלמענטשלעכע מאָטיוון.

שמעון גינצבורגס פּאָעזיע איז רייך אויך אין אַנדערע מאָטיוון. זיין נאַטור־

פּאָעזיע איז חנעוודיק, דאָ און דאָרט אַדורכגעפלאָכטן מיט ראַפינירטע אי־מאַזשן. אָבער די העכסטע שטופע פון פּערפעקציע דערגרייכט ער אין זיין פּאָעמע „אהבת הושע", ווו ער שילדערט די טראַגישע ליבע פון דעם נביא הושע צו זיין פרוי די זונה.

שמעון גינצבורג איז געווען אויך אַ באַדייטנדיקער געלערנטער און פאָרשער, אַ גלענצענדער עסייִסט און קריטיקער, אַ באַגאַבטער דערציער און קולטור־טוער. זיין פּלוצעמדיקער און פריצייטיקער טויט איז אַ גרויסער פאַרלוסט פאַר אונדזער קולטור.

אברהם סולודאַרס שירים

אברהם סולודאַר האָט געלעבט און געשאַפן עטלעכע יאָר אין שיקאַגאָ און ער האָט געווירקט אין די דאָרטיקע העברעישע קרייזן. ער האָט אָפּגעשפּאָרט דעם לעצטן ביסן פון זיין מויל און געשאַפן אין גייסטיקן מדבר פון מיטלוועסט אַ שיינעם אילוסטרירטן העברעישן מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דורנו״. ער איז עלנט, טראַגיש און איינזאַם געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט אויף הפקר זיין גייסטיקע ירושה, צעשפּרייט אין פאַרשידענע פאַריאָדישע אויסגאַבן.

די הסתדרות העברית אין שיקאַגאָ, אויף דער איניציאַטיוו פון סולודאָרס איבערגעגעבענע פריינד, האָט באַשלאָסן אויפצוזאַמלען זיינע בעסטע שירים און זיי אַרויסגעבן אויף איר רעכענונג.

מיט שווערע מי און מאַטערניש, און מיט דער מיטווירקונג און הילף פון דעם דיכטערס אלמנה ד״ר שרה בן־עמי סולודאָר און זיין זון דוד סולודאָר, וועלכער איז אגב אַליין אַ דיכטער, האָט זיך דעם ספּעציעלן קאָמיטעט, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר דעם צוועק, איינגעגעבן אַרויסצוגעבן, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם באַוווּסטן שרייבער און ליטעראַטור־קריטיקער מנחם ריבולוב, אַ פּראַכטפולע אויסגאַבע פון סולודאָרס בעסטע שירים, מיט אַ קורצע ביאָגראַפיע, געשריבן פון דעם דיכטערס זון דוד סולודאָר, מיט זייער אַ וואַרעמע און אינהאַלטסרייכע אָפּשאַצונג פון פאַרשטאָרבענעם אַלס מענטש און שרייבער, געשריבן פון דעם באַוווּסטן געלערנטן און שריפטשטעלער ד״ר שמואל פייגין.

דער געלערנטער און ליטעראַטור־היסטאָריקער ד״ר מאיר וואַקסמאַן האָט אָנגעשריבן אַ שיינע קריטישע אָפּשאַצונג איבער סולודאָרן דעם דיכטער און רבי שמואל מ. בלומענפעלד, דער דעמאָלטיקער דיען פון קאָלעדזש פאַר יידישע וויסנשאַפט האָט איבערגעדרוקט זיין קורצע און האַרציקע עלעגיע אויפן טויט פון זיין פריינד א. סולודאָר.

דער סקולפּטאָר און מאָלער חנוך אבן־זהר (אנריקו גליצנשטיין) האָט באַצירט דאָס ביכל שירים מיט אַ בילד פון פאַרשטאָרבענעם דיכטער און ס'איז צו האָפן, אַז דעם דיכטערס פריינד און פאַרערער וועלן באַשיינען זייער ביכער־שראַנק מיטן דיכטערס גייסטיקער ירושה, און טאָקע אים לייענען און זיך אָנגעמען מיט זיין ליבע צו ארץ־ישראל און צו אירע בויער. זיי וועלן, אַגב, איינזאַפּן אין זיך די נאַטור־שיינקייט פון ארץ־ישראל, וועלכע דער פאַרשטאָרבענער דיכטער האָט אַזוי קינסטלעריש געמאָלן כמעט אין אַלע זיינע שירים.

✶

אברהם סולודאָר איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין אַ קליין שטעטל אין פּאָדאָליער גובערניע. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך די נאַטור־בילדער פון זיין סביבה, די נאַטור־שילדערונגען פון תנ"ך האָבן אין אים דערוועקט אַ בענקעניש נאָך ארץ־ישראל, און טראָץ די בקשות פון זיין מוטער, וועלכע האָט אים ניט געוואָלט אָוועקלאָזן פון זיך, האָט ער אויסגעוואַנדערט און זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל.

ער האָט געלערנט אַ קורצע צייט אין ארץ־ישראלדיקן לערער־סעמינאַר און איידער ער האָט אים געענדיקט, איז ער באַשטימט געוואָרן פון „ועד החנוך" אַלס לערער אין דער קאָלאָניע „יסוד המעלה" אין גליל, וועלכע געפינט זיך ביים ברעג פון מי־מרום.

לייענענדיק זיינע שירים, אין וועלכע ער באַזינגט די מאַיעסטעטישקייט פון לבנון און חרמון, האָט איר דעם איינדרוק אַז סולודאָר באַזינגט ניט די בערג, נאָר די בערג זינגען אַרויס פון די טיפענישן פון זיין נשמה. די בערג פון גליל זיינען געווען זיין אינספּיראַציע און זייער אָפּקלאַנג הערט זיך כמעט אין אַלע זיינע שירים, אַ מאָל שטאַרקער און אַ מאָל שוואַכער.

דאָרט, אויף די בערג פון גליל, האָט ער געזונגען זיינע „שירי יחוד" צו דער נאַטור און איר באַשאַפער.

„חגי נפשי, חג חייך:
ההויה!
לבי רבץ ואלם —
עם הסער קם וחיה".

(פייער, מיין זעל, דעם יום־טוב פון דיין לעבן, ווען עס שטורעמט דער זיין! מיין האַרץ איז געלעגן טויט און שטום — מיט דעם אָנקום פון שטורעם האָט ער דערוואַכט און אויפגעלעבט).

זיין נשמה האָט זיך געריסן צום אין־סוף, צו די געטלעכע ספערן. אַ געטלעכער פייער האָט געפלאַקערט אין אים זיך צו פאַראייניקן און פאַר־אייביקן מיט דער נאַטור. אין דער נאַטור האָט ער דערהערט די טענער פון דער אייביקייט:

„כתרך, אין הסוף, הציף עלי נצחך
ויצת תפארת מלכותי
עורג אעלה עננים וכוכבים,
בספירות אנשאה,
סוערות בנתיבי נשמות חוזים
חולמי קדומים, צמאי מעינות ההויה.

(דיין קרוין, אומענדלעכקייט, האָט מיך פאַרפלייצט מיט זיין אייביקייט און האָט אָנגעצונדן דעם פראַכט פון מיין קעניגקייט. אַ פאַרבענקטער שטייג איך איבער וואָלקנס און שטערן, און אין די ספערן ווער איך אַוועקגעטראָגן. עס שטורעמען אויף מיין שטעג נשמות פון זעערס, טרוימערס פון אַלטערטום, דורשטיקע נאָך די קוואַלן פון זיין).

אין זיין פּאָעטישן עקסטאַז דערוועקט זיך אין אים אַ פונק פון דעם אַמאָ־ליקן ישראל—סבא, וואָס האָט פאַראַכט קערפּערלעכע שיינקייט און פויסטן־גבורה. ער שפּאַצירט אויף די בערג פון גליל און זוכט גאָט:

„בהרים תלולים התהלכי, עיני
תועות על חדיהם.
ולבי מבקש אלהים — — —
צמאתי לתפלה ולאלהים
עליכם רובץ סוד — הערוהו עלי.
כי לבי כלה לו".

(אויפן אַראָפּהאַנג פון בערג האָב איך שפּאַצירט, מיינע אויגן בלאָנדזשען

אויף זייערע שפּיצן און מיין האַרץ זוכט גאָט — — איך דורשט נאָך געבעט און גאָט. אויף אייך (אויף די בערג) שוועבט אַ סוד — גיסט אים אויס אויף מיר, ווייל מיין האַרץ גאַרט נאָך אים).

סולודאַרס מוזע האָט געזוכט גאָט און געטלעכקייט און זיי האָט ער געפונען אויף די בערג פון גליל, ווו דער אר״י הקדוש און זיין פמליה האָבן אַ מאָל שפּאַצירט. און ניט נאָר האָט זיך גאָט צו אים דאָרט אַנטפּלעקט, נאָר אויך זיין פאָלק, פאַר וועלכן ער האָט געבלוטיקט. ער האָט אַריינגעקוקט אין די טיפענישן פון זיין גייסטיקן מהות:

„נשמת עמי! אורך מכאובי זלף...
עמי, גא עני נד,
לזהר נצח לבו ואדרת אד עליו״.

(נשמה פון מיין פאָלק! דיין ליכט באַשפּרינקלט מיין פּיין... מיין פאָלק, אָרעמער שטאָלצער וואַנדערער! צו אייביקייטס ליכט גאַרט זיין האַרץ און אַ נעפּל־מאַנטל איבער אים...).

אויף די בערג פון גליל האָבן נאַטור און געטלעכקייט האַרמאָניש זיך צונויפגעגאָסן אין זיינע פּראַכטפולע שירים: „החרמון״, „אגדת החרמון״, „בין החרמון והלבנון״, „בהרים תלולים התהלכתי״, „תעיתי עם אר״י״ און נאָך אַזעלכע שירים. אָבער געלעבט און געאַרבעט האָט ער אין „יסוד המעלה״, צווישן די בויער פון אונדזער לאַנד און די איבערבויער פון אונדזער פאָלק, די חלוצים. זייערע ליידן, פריידן און בויטן זיינען געווען אויך זיינע; ער האָט זיך אויסגעלעבט מיט זיי און צווישן זיי און אויך זיי באַזונגען.

סולודאַר, דער נאַטור־מאָלער און פּייזאַזשיסט האָט אויך אַן אויג פאַר לעבעדיקע בילדער: אין זיין פּאָרטרעט פון רבי מאירן, וואָס וויל דוחק זיין דעם קץ, ווייל ער קאָן ניט איבערטראָגן די יידישע צרות און ווערט אַ מטורף פון צרות האומה; און אין זיין סילועט פון רבי אייזיקן, וואָס וויינט אויפן קבר פון זיינע קינדער און אייניקלעך, קרבנות פון מאַלאַריע און וואָס קאָן זיך ניט טרייסטן נאָך רבקהלען, זיין באַליבט און צאַרט אייניקל.

און אַז עס פּאַסירט אַן אומגליק אין דער קאָלאָניע אָדער ערגעץ אַנ־דערשוו, און איינער פון די בויער פאַלט פון אַ קויל פון דעם שונא —

קאַרטשעט זיך דעם דיכטערס האַרץ פון ווייטיק. זיינע שירים אויף די געפאַלענע חלוצים זיינען אַן אויסגוס פון פאַרגעטערונג און ליבע פאַר אונדזערע געפאַלענע העלדן:

„הוי, קברים חביבים, קברים יקרים!
לא יאבד, לא ימח מקרבנו זכרונכם
אהבתכם הרבה ואונכם".

(באַליבטע קברים, טייערע קברים! ס׳וועט ניט פאַרשווינדן, ס׳וועט ניט אָפּגעמעקט ווערן אייער אָנדענק פון אונדז אייער גרויסע ליבע און קראַפט).

אברהם סולודאַר האָט זיך ניט באַפרידיקט מיט זיין גייסטיקער און פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט אַלס דיכטער, לערער, רעדאַקטאָר פון קינדער־זשורנאַלן און פאַרפאַסער פון טעקסט־ביכער פאַר קינדער. ער האָט געוואָלט זיך בפועל באַהעפטן מיט דער מאַמע־ערד און מיט דער נאַטור. זיין אידעאַל אין לעבן איז געווען א.ד. גאָרדאָן, וועלכן ער באַזינגט אין זיין שיר „הלוחם". אין זיין פרייער צייט האָט ער באַאַרבעט זיין גאָרטן מיט ליבע, איבערגעבנקייט און מיט חסידישער התלהבות. זיין שיר „גן ירקות לי" איז אָנגעהויכט און אַדורכגעדרונגען מיט אמתער מוטערלעכער ליבע צו יעדן געוויקסל און צו יעדן בלימעלע.

„אהבתיך: גני!
יפעתך החיה, הזורחת
בטהרה, בשורת
שלותך השאננה, מלאתי הוד בטחון
כארי, כשכינה — —
אהבתיך, גני"!

(כ׳האָב דיך ליב: מיין גאָרטן! דיין לעבעדיקער פּראַכט, וואָס שיינט אין ריינקייט, די בשורה פון דיין רו׳יקער פריד איז פול מיט מאַיעסטעטישן בטחון אַזוי ווי אַ לייב, ווי די שכינה).

ניט נאָר זיין אייגן ווינקעלע, זיין גערטנדל איז אים אַזוי טייער און ליב,

נאָר יעדעס ווינקעלע און יעדעס שטויבעלע אין ארץ־ישראל רעגט אָן זיין מוזע, אַפילו דער דעמאָלטדיקער וויסטער נגב רופט ביי אים אַרויס אמתן פּאָעטישן עקסטאַז. זיין ליד „בנגב" וועט לעבן, ווי לאַנג דער נגב וועט ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יידישן בליענדיקן ישוב:

„כבת קדר עוטיה המחללת
בצליל נזמים
עצומת עין כמפללת — כן אראך
ארץ לוטת רז...
במרי שממונך תרטטי כפליאה,
באלם ובנשיה".

(ווי אַ פלאַטער־טאַנצנדיקע טאָכטער פון קדר, מיט אַ שטאַרקן אויף־רינגל־קלאַנג, מיט פאַרמאַכטע אויגן ווי אין אַ תפילה — אַזוי זע איך דיך, מיין לאַנד, איינגעהילט אין אַ מיסטעריע. אין דער ביטערקייט פון דיין וויסטעניש צאַפּלסט דו ווי אַ געהיימניש, אין דער שטום און פאַרגעסנקייט).

דער דיכטער, וואָס האָט געאָטעמט מיט דער ארץ־ישראלדיקער לופט און איז אינספּירירט געוואָרן פון איר שיינקייט, האָט ליידער, צוליב אַ קראַנקייט, געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, זיין פאַמיליע, נאָך וועלכער זיין האַרץ איז אויסגעגאַנגען, און אונטער פרעמדע הימלען, אין אַ פרעמדער סביבה, וווּ גאָטס וואָרט איז צו שאַנד און שפּאָט, האָט ער געמוזט לעבן! ווי גרויס איז געווען זיין טראַגעדיע און ווי טיף — זיין ווונד!

אָבער אויך אין דער פרעמד האָט ער פּרובירט שאַפן. זיין ווייטיק און בענקעניש האָט ער סובלימירט אין זיינע שירים:

„צורבת יפעת ארצי הבודדה
למה עזבתיך?
אזמרה לך ארצי, בשירים,
אזמרה לך בדמעות
כשועל מילל בלילות אנודה,
אנכי הפליט ממערכות יהודה".

(עס גליט און ברענט די שיינקייט פון מיין איינזאַם לאַנד, פאַר וואָס האָב איך דיך פאַרלאָזט? איך וועל דיר זינגען שירים, מיין לאַנד, כ׳וועל דיר זינגען מיט טרערן. איך וועל וואַנדערן ווי אַ פוקס, וואָס וואָיעט ביי נאַכט, דער פליט פון די שלאַכט־פעלדער פון יהודה).

ער האָט געגלויבט אַז היינט־מאָרגן וועט ער זיך צוריקקערן צו זיין היימלאנד, צו זיין פרוי, צו זיינע קינדער און צו זיינע בערג פון גליל, אָבער פלוצעם האָט אים דער טויט געפונען אין דער פרעמד.

ווילט זיך מיט טיפן ווייטיק אין האַרץ ענדיקן דאָס אַרטיקל מיט זיינע ווערטער:

„כה אזכר זכרך, אשר אהבתי מאד!״

(אַזוי וועל איך געדענקען דעם, וועלכן כ׳האָב זייער געליבט).

זאָל זיין ביכעלע שירים זיין אַ קראַנץ אויף זיין קבר.

דאָפּלטער טרויער און דאָפּלטע ריינקייט

(„חלום וגורל" פון מ. פיינשטיין)

„חלום וגורל" פון דעם באַוווסטן העברעישן דיכטער מ. פיינשטיין, וועלכער לעבט און שאַפט אין אַמעריקע, איז אַ רעאַליסטישע פּאָעמע אין פיר גרויסע קאַפּיטלען מיט אַ סימבאָליש־פילאָזאָפישן אונטערשלאַק. דער דיכטער סובלימירט אַ פּערזענלעכע איבערלעבעניש צו אַן אַלמענטשלעכן סימבאָל און דעם פּערזענלעכן נשמה־ווייטיק פון צוויי עמפּינדלעכע מענטשן, וועלכע האָבן זיך צופעליק געטראָפן אויף אַ שיף און זיך פאַרליבט, דער־הייבט ער מיט זיין קינסטלערישע פען צו דער הויכקייט פון וועלט־שמערץ. זייער פּלאַטאָנישע האָפענונגסלאָזע ליבע, וואָס איז אייגנטלעך מער וויזיע, ווי רעאַליטעט, סימבאָליזירט דאָס אייביקע וואַנדערן פון דער מענטשלעכער נשמה אינעם לאַבירינט פון ווירקלעכקייט און וויזיע. זייער יאוש און פּע־סימיזם דערשיטערן. אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ דאָס גערעַנגל פון פאַרבענקטע, פאַרחלומטע נשמות, וואָס קאָנען ניט און ווילן ניט געפינען קיין דערלייזונג אין נידעריקע בהמהשע תאוות און הנאות. זיי זיינען אָבער שוואַך און אומ־באַהאָלפן, זיי זיינען ניט מסוגל צו קעמפן מיט די שטרויכלונגען, וואָס שטערן צו פאַרוואַנדלען זייער ליבע־וויזיע אין רעאַליטעט. פּונקט ווי די מעווע, וואָס באַגלייט זייער שיף מיט גראַציע און שווונג, און ווערט פּלוצעם פאַר־כאַפּט פון דעם ים־שטורעם און גרויזאַם געשליידערט פון די כוואַליעס צו טיפענישן פון תהום, אַזוי ווערן זיי, די פאַרליבטע, געשליידערט פון די לעבנס־כוואַליעס צום תהום פוןליידן. זיי ראַטעווען זיך פון פולשטענדיקן רויִן דורך פליען אין דעם „אין־סוף" פון וויזיע און חלום.

„חלום וגורל", שטרייך איך אונטער מיט אַ כיוון, איז אַ ליבע־פּאָעמע פון סתם אַן „ער" און אַ „זי", ווייל דער דיכטער מאָלט ניט אויף אַ פּלאַס־טישן אופן די העלדן פון דער פּאָעמע, טראָץ דעם, וואָס ער באַזיצט אַ שטאַרקן חוש פאַר אויסערלעכער קערפּערלעכער שיינקייט. זיינע שילדערונגען

פון די באַוווסטע קונסטווערק אַריענדאַ און בעאַטריצע באַצויבערן דעם לייענער מיט זייער חן און גראַציע. די שפּראַך פון דעם דיכטער, וועלכער איז, אין עטלעכע ערטער מליצהדיק, איז אין די דערמאָנטע שילדערונגען פּליסיק, נאַטירלעך, לעבעדיק און פּלאַסטיש. אַ שאָד, וואָס דער שרייבער פון די שורות פילט זיך ניט מסוגל איבערצודיכטן די שילדערונגען פון אַריענדאַ און בעאַטריצע. דאַקעגן זענען זיינע „לעבעדיקע העלדן" בלאָס און פאַר־נעפּלט. איר זעט זייער אינערלעכן גרעאַנגל, זייער פּיין און פּעסימיזם, אָבער ניט זייער קערפּער, זייער אויסערלעכקייט. אין די געציילטע שטעלן, ווו דער דיכטער פּרוווט פּלאַסטיש מאָלן זיינע העלדן, איז דאָס מער אַ בילד פון זייער נשמה־געראַנגל ווי פון זייער קערפּערלעכן „איך". סאַניאַס לײדן ווערן, בעת דעם לייענען, אַ טייל פון אונדזער איך און זיי דערשיטערן אונדז. איר טראַגעדיע ווערט אַ טייל פון אונדזער אייגענער טראַגעדיע. פּרובירט אָבער צו פאַרמאַכן די אויגן אויף אַ סעקונדע און איבערשאַפן אין אייער פאַנטאַזיע דאָס בילד פון סאַניאַן, וועט זיך דאָס אייך בשום אופן ניט איינ־געבן. זאָלן מיר אפשר קומען צו אַ באַשלוס, אַז אונדזער דיכטער באַזיצט דעם פּאַטאָס פון אַ זעער, אָבער באַזיצט ניט קיין דיכטערישע אויגן? טאָ ווי אַזוי האָט זיך אים איינגעגעבן צו מאָלן בילדעריש די געשטאַלטן פון אַריענדאַ און בעאַטריצע? אויך זיינע נאַטור־שילדערונגען פון ים, בעיקר דאָס פּראַכטפולע בילד, ווו ער שילדערט, ווי די מעווע ווערט פאַרכאַפּט פון די כוואַליעס פון ים און ווערט געשליידערט אין תהום, — זיינען די בעסטע באַווייזן, אַז ער האָט אויגן פון אַ קינסטלער און באַזיצט די פעיִקייטן צו מאָלן. איז טאַקע צו באַדויערן פאַר וואָס ס'האָט זיך אים ניט איינגעגעבן צו צוימען אַ קאַפּעטשקע זיין נייגונג צו פילאָזאָפירן און סימבאָליזירן אויפן חשבון פון בילדלעכקייט און פּלאַסטישקייט, און ס'איז אַ גרויסער שאָד, וואָס די פּאָעמע, וואָס איז אַזוי רייך אין פּאַטאָס און אין געדאַנק, ליידט פיל מאָל פון אַבסטראַקציעס, גענעראַליזאַציעס און אין פיל מקומות פעלט די קינסטלערישע האַרמאָניע פון ליריזם און פּלאַסטישקייט. אונדז דוכט זיך, אַז צו שטאַרק און צו פריש זענען געווען דעם דיכטערס איבערלעבענישן, און דאָס האָט אים געשטערט צו באַהערשן דעם אויסגוס פון זיין האַרץ און מוח, צו לייטערן זיינע יסורים און זיי דערהויבן צו דער שטופע פון קונסט. פיל שטאַרקער וואָלט געווען דעם לייענערס געניוס ווען דער דיכטער וואָלט

אים געגעבן די מעגלעכקייטן איבערצושאַפן אין זיין פאַנטאַזיע דאָס בילד פון סאָניאַן. מעכטיקער וואָלטן געווען זיינע איבערלעבענישן, ווען סאָניאַ וואָלט ניט געווען מער וויזיע ווי רעאַליטעט, און ווען איר ליבע וואָלט ניט געווען אַזוי הימליש־פּלאַטאָניש און וואָלט געווען אַ קאַפּעטשקע מענטשלעך־ערדיש.

נאָך בלאַסער און פאַרנעפּלטער איז די געשטאַלט פון געליבטן. ער פילאָזאָפירט, ער איז פול מיט וויזיעס און חלומות. זיין יאוש צעברויזט זיך, זיין ווייגעשריי וועגן דער נישטיקייט פון מענטש דרינגט אַריין אין אונדזער נשמה. ער איז אַ זעער פון גאָטס גענאָד, וואָס נעמט אַרום מיט זיין אויג די גאַנצע געפּלאָגטע בלאָנדזשענדיקע מענטשהייט און ער זוכט פאַר איר אַ היילונג, אָבער אים זען קאָנט איר ניט. ער איז בבחינת גייסט אָן קערפּער, אַ נאַקעטע נשמה, אַ סימבאָל, אַ וויזיע, אָבער ניט קיין רע־אַליטעט.

אין „חלום וגורל״, ווי געזאָגט, פילט איר די צאַפּלענישן פון דער פאַר־וווּנדעטער מענטשלעכער נשמה און איר הערט איר ווײ־געשריי: די וועלט איז אַ דאָפּלטע תפיסה און דער מענטש איז אין ביידע פאַרשלאָסן און געפאַנגען. זיין נשמה שרייט און גאַרט צו צוויי לעבנסברייטקייטן און ווייטקייטן — צו שעה־ברייטקייט און ווייטקייט און צו אייביק־ברייטקייט און ווייטקייט.

„שני בתי־כלא, בתי, ואני־בשניהם עצור משניהם תשוע נפשי
למרחבי חיים,
למרחבי שעה תכלה — ולמרחבי עולם ;
איך יכבש אסיר נבוך המרחבים״ ?

די מענטשהייט וויל זיך טובל זיין אין די ווייטקייטן פון דער ריינקייט און זיך דערווייטערן פון די ברעגעס פון טרויער און עצבות, פון די פאַר־שאָלטענע קוואַלן פון פעסימיזם, וואָס דריקט און פרעסט איר נשמה און געמיט. אָבער ליידער, אומזיסט איז איר טרחה : ניטאָ קיין אָרט ווו זיך צו באַהאַלטן פון וועלט־טרויער. זיינע וואָלקנס זיינען דורכגעוועבט אין דער בלויקייט פון הימל, אין דעם שלייער פון די שטערן און לבנה :

„האין מנוס מיגונות ארץ
בכל עבים ארוגים, בתכלת דק שמים״

און דער מענטש „אַ נישטיק מילבעלע אין אייביקן לאַבירינט פון וויזיע און ווירקלעכקייט״. פרעדיקט פרייהייט פון געדאַנק און שפּאַסט פון גורל, בעת ער איז ניט ביכולת זיך צו באַפרייען פון זיינע פּענטעס.

וואָס איז די ווירקלעכקייט, די רעאַליטעט, אָדער דער „יש״, אין וועלכן דער מענטש איז געפּענטעט צום בלינדן אַכזריותדיקן גורל און ראַנגלט זיך אומזיסט אין זיינע לאַפּעס און קאָן זיך ניט באַפרייען פון אים? צייטנווייז אַנטלויפט דער מענטש פון דער ווירקלעכקייט צו וויזיע, פון נגלה צו נסתר, און זיין נשמה צאַפּלט אין די פּענטעס פון ביידע, און פאַרוואַנדלט נגלה אין נסתר און נסתר אין נגלה, ניט וויסנדיק אַז ס׳איז ניטאָ קיין „יש״, נאָר איין „יש״ איז דער חילוף, די פאַרגאַנגלעכקייט, און נאָך אַ „יש״ איז דער ווייטיק:

„אין „יש״ רק אחת יש —
החלוף
ועוד „יש״ אחד יש — הכאב, כאב בינים,
בין רשות חלום ההוד לבין רשות השבר״.

און טראַץ דעם באַוווּסטזיין, אָדער אפשר אַ דאַנק דעם באַוווּסטזיין, אַז ס׳איז ניטאָ קיין „יש״ אויסער ווייטיק און פאַרגענגלעכקייט, דורשט די מענטשהייט צו ליבע און צו נאַטור־שיינקייט, כאָטש זי ווייס, אַז איר לעבנס־שיף האָט נאָר איין וועג — דער וועג צו מערב, צו בין השמשות, צו אָוונט און נאַכט. דאָס באַוווּסטזיין אַז אונדזער לעבנס־שיף מוז אַנקערן אין מערב און וועט זיך קיין מאָל ניט צוריקקערן צום מזרח, ווירקט אויף דער מענטש־הייט צו זוכן פאַרשידענע רפואות. זי זוכט זיי אין רעליגיע, אין מיסטיציזם, אין פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויונגען, אין סיסטעמען, און יעדער פון זיי האָט זיין ספּעציפישן אייגנאַרטיקן ענטפער. דעם איסלאַמס תרופה איז — דאָס ליכט פון אַללאַן אין גן־עדן; דאָס קריסטנטום ראָט די פאַרפייניקטע מענטש־הייט צו געפינען דערלייזונג אין אָנדענק פון געקרייצטן, און קאָמוניזם — די קעמפערישע גאָטלאָזע „רעליגיע״ פון אונדזער צייט — פּרעדיקט:

„שוא — שמים, רק אחת יש — אדמה.
בה הכל יש ותתן, אם תלמדו לקחת.
את בתי כלאיה נבנו בשם שמים כזובים
ערו עד היסוד בם ובא דרור־עד לאדם״.

(ניטאָ קיין הימל, נאָר ערד איז דאָ. זי באַזיצט אַלץ און וועט אייך אַלץ געבן, אויב איר וועט אויסלערנען זיך נעמען. אירע תפיסות, וואָס זיינען געבויט געוואָרן אין נאָמען פון ליגנערישע הימלען, צעשטערט זיי ביז צום יסוד, און ס׳וועט קומען אייביקע פרייהייט צו דער מענטשהייט).

אַ מאָל טרעפט, אַז די שיף פאַראַנקערט ביי אַן אַלטן, פאַרגעסענעם פאָרט, די מוטער פון אַלע פאָרטן, און פון דאָרטן הערט זיך אַ שטימע וועגן אַן אוניווערסאַלער היילונג —

„שמים, ארץ, אל ואדם — הכל אחת״.

(הימל, ערד, גאָט און מענטש זיינען אַלע איינס).

אָבער דער דיכטער, דער שליח צבור פון דער געפּייניקטער מענטשהייט, באַפרידיקן ניט די אַלע הבטחות און היילונגען, אין זיין מוח עקבערט דער באַוווסטזיין, אַז אונדזער לעבנס־שיף קאָן איר וועג ניט ענדערן, און צו די ליכטיקע ברעגן פון מזרח וועט זי זיך קיין מאָל ניט צוריקקערן.

„ולנמלי מזרח אורים לעולמי עד — ספינת
החיים — לא תשוב״.

וואָס ראָט דער דיכטער, דער שליח־ציבור פון דער געפּייניקטער מרה־שחורהדיקער מענטשהייט, איר צו טאָן? ווי אַזוי קאָן זי זיך באַפרייען פון די פּענטעס פון בלינדן גורל? ווי אַזוי זאָל זי פאַראַנקערן איר שיף אין די שטורמישע כוואַליעס פון לעבן?

אונדזער דיכטער־זעער האָט איין איינציקן ענטפער: דער וואַנדערער מיט דער אייביקער בענקעניש אין האַרץ מוז, קאָן און דאַרף זיך דערלייזן פון די פּענטעס פון בלינדן און גרויזאַמען גורל דורך דער הילף פון תהום,

ווייל בעסער איז אַ חלום, וואָס איז קיין מאָל ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן און וועט קיין מאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן פון אַן אַנפליגלדיקן חלום, וואָס קריכט אויף זיין בויך.

„כי טוב חלום לא בא ולא יכבה לעד
מחלום ללא כנפים אשר על גחונו ילך".

וואָס איז דער קערפּערלעכער לבוש פון דער געדאַנקענרייכער נשמה? וואָס זיינען די פּערזענלעכע איבעלעבענישן פון אונדזערע „העלדן", וואָס האָט זיי באַרויבט דעם יכולת צו געניסן פון לעבן, פון ליבע, ווי צוויי נאָרמאַלע יונגע מענטשן דאַרפן עס טאָן? ווו איז דער קוואַל פון זייער ווייטיק, וואָס איז אין דער פאַנטאַזיע פון אונדזער דיכטער דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון וועלט־שמערץ?

סאָניאַ, די העלדין פון אונדזער פּאָעמע, האָט איבערגעלעבט אַ שרעקלעכע טראַגעדיע, וועלכע האָט זי גייסטיק און קערפּערלעך צעבראָכן: איר געליבטער און פאַרגעטערטער מאַן איז געשטאָרבן אַ חודש נאָך זייער חתונה. איר איז פאַרבליבן אַ ליכטיקע געשטאַלט און אַ נאַקעטער נאָמען. פון דעמאָלט איז זי באַהערשט פון אַ מעלאַנכאָלישער שטימונג, וואָס ווירקט אויף איר צו פאַרלייקענען רעאַליטעט. דורכן שלייער פון יעדן „יש" זעט זי נאָר די פאַרגענגלעכקייט, איר יונגער קערפּער בענקט נאָך ליבע, נאָך אַ קינד, אָבער זי קאָן ניט געבן איר קערפּער אָן איר נשמה. און ווען דער נאַטירלעכער מוטערלעכער דראַנג נאָך אַ קינד פלאַקערט אויף אין איר, דערשטיקט זי אים אײדער ער באַהערשט זי, ווייל, „ווי אַזוי קאָן זי טראָגן און געבן געבורט צו אַ קינד, בעת אייביקער טרויער איבערפילט זיי?" און זי געפינט, כלומרשט, טרייסט אין דער סביבה פון לעבעדיקע צאַרטע בלומען. אירע עלטערן, די אויסגעריסענע פון דער אַלטער היים און די ניט איינגעוואָרצלטע אין נייעם פרעמדן באָדן, גאַרן נאָך אַ ברעקעלע נחת, פּרובירן זיי צו באַאיינפלוסן זייער טאָכטער זיך צו באַפרייען פון די פּענטעס פון איר אַליין־געשאַפענער וויזיע — דער פאַרשטאָרבענער מאַן.

זי אַנטלויפט מיט דער שיף נאָך רוסלאַנד, אַ טאָג פאַר דער באַשטימטער, זעלבסט־באַצוווּנגענער חתונה. זי האָפט געגעזן צו ווערן פון איר טרויער

דורך דער באַרירונג מיט דער לאַנדשאַפט פון איר קינדהייט. אויף דער שיף באַגעגנט זי דעם דיכטער, דעם טרוימער, און עס צעפלאַקערט זיך אין איר אַ פלאַטאַנישע ליבע. האָבן מיר אַ שטיקעלע באַגריף וועגן דער „זי" פון אונדזער ראָמאַן, וועגן איר טראַגעדיע און אירע איבערלעבענישן. אָבער די לעבנסגעשיכטע פון דעם „ער" איז כמעט אין גאַנצן פרעמד. ווי אַ שאָטן דרייט ער זיך אַרום אויף דער אויבערפלאַך פון דער שיף, איינגעהילט אין וויזיעס אין חלומות, און ער איז אַליין אַ שטיק פאַנטאַזיע און וויזיע — אַ נשמה אָן אַ גוף. איר קענט ניט דעם קוואַל פון זיין פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג.

אָבער טראָץ די אויבנדערמאָנטע חסרונות, טראָץ די לאַקריץ־זיסע שטעלן אין דער פאָעמע, דער פאַרנעפּלטקייט פון אונדזערע הויפּט־העלדן, און דער מליצהדיקער שפּראַך, ווי צום ביישפּיל: — „מפענחי־נפש" — נשמה־אַנטפּלעקער, און נאָך פיל אַנדערע מליצהדיקע אויסדרוקן, טראָץ אַזעלכע באַנאַלע געדאַנקען, ווי: „אַז דער געליבטער ליבט נאָר זיך און דער אָביעקט פון זיין ליבע איז נאָר מאַטעריאַל פאַר זיין עגאָיזם" (ז. 34) — מאַכט די פאָעמע אַ שטאַרקן איינדרוק. זי רעגט אָן דעם לייענערס געדאַנקען און געפילן און אויך זיין עסטעטישער גענוס איז באַפרידיקט. די פּעסימיסטישע געדאַנקען וועגן חלום און גורל, וואָס זיינען דער לייטמאָטיוו פון דער פּאָעמע, פאַרסמען אים ניט מיט עצבות, נאָר דערהויבן אים צו דער מדרגה פון „משנה יגון וטוהר משנה" — דאָפּלטער טרויער און דאָפּלטע ריינקייט, ווייל, ווי געזאָגט, האָט זיך דעם דיכטער איינגעגעבן צו סובלימירן זיינע פּער־זענלעכע יסורים צו דער מדרגה פון וועלט־וויטיק און זיינע פּערזענלעכע איבערלעבענישן — צו אַן אַלמענטשלעכן סימבאָל.

דיכטערינס

רחל — די דיכטערין פון גורל און ליידן

די אויפבליונג פון דער העברעישער שפּראַך אין ארץ־ישראל האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף דער יידישער פּרוי: ניט נאָר האָבן זיך פאַר איר אַנטפּלעקט אונדזערע אַלטע און נייע קולטור־אוצרות, וועלכע האָבן באַאיינפלוסט איר נשמה און באַרייכערט איר וויסן, נאָר זי האָט אויך אָנגעהויבן צו נעמען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער שאַפונג פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור; אונדזער פּאָעזיע איז באַרייכערט און דערהויבן געוואָרן דורך איר אָנטייל, און איר איינפלוס מערקט זיך אויך אין דער דערציילונג.

מיר פאַרמאָגן איצטער אין ארץ־ישראל אַ גאַנץ באַדייטנדיקע גרופּע העברעישע דיכטערינס און דערציילערינס, וועלכע פאַרנעמען אַ בכבודיקן פּלאַץ אין אונדזער מאָדערנער העברעישער קולטור, הן אין כמות, הן אין איכות, און זיי צייכענען זיך אויס מיט זייער אייגנאַרטיקן פרויען־טאָן וואָס זיי האָבן אַריינגעבראַכט אין דער העברעישער ליטעראַטור, וועלכע איז פריער געווען הויפּטזעכלעך אַ ליטעראַטור געשאַפן פון מענער און פאַר מענער, און די פרוי האָט דערין נישט געהאַט קיין חלק.

איינע פון די גאָר באַדייטנדיקסטע שעפערינס פון אונדזער מאָדערנער העברעישער פּאָעזיע איז, בלי שום ספק, געווען די דיכטערין רחל. זי האָט באַרייכערט אונדזער פּאָעזיע מיט איר אייגענער דיכטונג, און איז אויך געווען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אַנדערע פרויען־דיכטערינס. זי איז באַליבט געווען ביים לעבן, און שטאַרק געוואָרן פאַרערט נאָך איר טויט. איר באַשיידן און קורץ לעבן און איר טראַגישער טויט האָבן פיל מיטגעהאָלפן אין דער שאַפונג פון דעם אייגנאַרטיקן „רחל־קולט", וואָס הערשט אין געוויסע קרייזן פון ארץ־ישראל. אָבער די הויפּט־סיבה פון דעם „רחל־קולט" איז סוף כל סוף איר צאַרטע ליריק.

די פּאָעזיע פון רחל איז ווי דער ערשטער ליבע־אויסגוס פון אַ פאַרליבט

מיידל, וועלכע שטייט נאָך מיט איין פוס אויף דער שוועל פון די פאַרגאַנגענע קינדער־יאָרן און מיט דעם צווייטן — אויף דער שוועל פון מיידלשער רייפקייט; איר פשטות איז ניט אַ רעזולטאַט פון פלאַכקייט, אָדער, ווי אייניקע קריטיקער דענקען, פון אָרעמקייט פון שפּראַך, נאָר פון אַ טיפער, ערנסטער באַשיידנקייט, און פון אַ שטאַרקן פאַרלאַנג זיך צו באַפרייען פון פוסטע מליצות, פון אַן אינערלעכן נשמה־דראַנג צו רייניקן אירע איבערלעבונגען פון איבערפלאַכע סענטימענטן.

די צוויי הויפּט־מאָטיוון פון איר פּאָעזיע זיינען: גורל און ליידן. נאָך אין אירע קינדער־יאָרן האָט זי געפּייניקט דאָס באַוווסטזיין, אַז דאָס מענטש־לעכע לעבן איז אַ שטענדיקער געראַנגל מיטן אומזעבאַרן פאַטום, וועלכער שפּילט זיך מיט אונדז, און הינטער אונדזערע פּלייצעס וויזט ער אונדז שפּאָטיש זיין צונג. נאָך אין אירע קינדער־יאָרן האָט זיך איר נשמה געקור־טשעט פון יסורים, פילנדיק די מענטשלעכע ליידן.

אַדורכגעדרונגען מיט פּעסימיסטישע שטימונגען, האָט זי פּלוצעם דער־הערט די שטימע פון אירע געפּייניקטע ברידער און שוועסטער; זי האָט געזען דעם תהום פון זייערע אומענדלעכע ליידן און איר יידיש באַוווסטזיין האָט זיך צעפלאַקערט מיט אַ העליש פייער.

זי איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם שטראָם פון דער צווייטער עליה. זי פאַרלאָזט רוסלאַנד, אין וועמענס באָדן איר נשמה איז געווען טיף פאַר־אַנקערט, צו וועמענס קולטור איר גאַנץ וועזן איז געווען צוגעבונדן בלב ונפש, און אין וועמענס שפּראַך זי האָט געשריבן אירע ערשטע לידער.

דאָס פאַרלאָזן רוסלאַנד איז געווען פאַר רחלען אַ טיפע איבערלעבונג. דאָס איז געווען אַן אָפּשייד פון אַ פאַרליבטער טאָכטער פון איר געליבטער און פאַרגעטערטער מוטער. אָבער דער רוף פון פאָלק האָט, פאַר אַ ווילע, אַטראָפירט איר נשמה־בונד צו רוסלאַנד, צו אירע וועלדער, בערג און טייכן, צו איר נשמה־רחבותדיקייט, וואָס איז אויסגעגאָסן איבער אירע סטעפּעס; איר דיכטערישע פאַנטאַזיע האָט פאַר איר אויסגעמאָלן פּראַכטפולע בילדער פון איר פאָלקס אַלטער און באַנייטער היים.

רחלס נשמה־איבערברוך האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף איר, פון דער נאַטור, שוואַכן און צאַרטן קערפּער, די פיזישע שווערע אַרבעט פון אַ חלוצה האָט שטופּנווייז אונטערגעגראָבן איר געזונט, און די ערשטע סימפּ־

טאַמען פון שווינדזוכט האָבן איר פאַרטונקלט דעם פּראַכט פון די ארץ־ישראלדיקע הימלען, דעם רייצנדיקן צויבער פון ים כנרת און די מאַיעסטעטישקייט פון די בערג פון גליל. איר נשמה ווערט איינגעהילט אין טרויער און מעלאַנכאָליע און די נאַקעטקייט פון דער דעמאָלטיקער פּאַלעסטינער לאַנדשאַפט פילט אָן איר האַרץ מיט יסורים און צער. זי זינגט מיט ווייטיק:

„הוי ארצי הורתי, מדוע
כה שרוף נופך ועצוב״ ?

(אוי, מיין לאַנד, מיין מוטער, פאַר וואָס איז דיין לאַנדשאַפט אַזוי פאַרשרפהט און מעלאַנכאָליש ?)

נאָך שטאַרקער ווערט איר ווייטיק, ווען זי פאַרגלייכט די נאַקעטקייט פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדשאַפט מיט דער רחבותדיקייט פון דער רוסישער באַוואַלדיקטער לאַנדשאַפט. אַ פּראָטעסט־געשריי רייסט זיך אַרויס פון די טיפענישן פון איר נשמה:

„הוי, אמי ! הן נחלה עליך
הן נתבע עלבונך מאל״ —

(אוי, מאַמע מיינע ! מיר קרענקען און ווייטיקן צוליב דיר, מיר וועלן פאָדערן דיין באַליידיקונג פון גאָט).

ניט נאָר די נאַקעטקייט פון דער ארץ־ישראלדיקער לאַנדשאַפט האָט זי געפּייניקט און פאַרמרה־שחורהט איר גייסט, נאָר אויך די קאַלטע שפּאָט־באַציִונג פון די אַמאָליקע אידעאַליסטן פון דער ערשטער עליה און איצטיקע קאַריעריסטן, וועלכע האָבן גאַליק אָפּגעלאַכט פון די חלוצים פון דער צווייטער עליה, האָבן פאַרהאַקט די טיר פאַר זיי, און זיי געלאָזט שמאַכטן פון הונגער און נויט.

רחלסליידן זיינען פאַרדרייפאַכט געוואָרן, און האָבן זיך קאָנצענטרירט אַרום די פאָלגנדיקע דריי הויפּט־מאָטיוון: פּערזענלעכע, נאַציאָנאַלע און אַלמענטשלעכע.

פּערזענלעכע ליידן: זי האָט ליב געהאַט איר אַרבעט אויף די נאַקעטע

פעלדער פון ארץ־ישראל. די שטילע כוואַליעס פון כנרת האָבן זי פאַר־כישופט; די מאַיעסטעטישקייט פון די גליל־בערג האָט באַפליגלט איר נשמה מיט דיכטערישן שווונג, אָבער, לײדער, האָט זי געמוזט פאַרברענגען אירע טעג און נעכט אין שטאָטישן שפּיטאָל.

רחלס שײנער קערפּער האָט געגאַרט און געבענקט נאָך ליבע, אירע נאַטירלעכע מוטער־אינסטינקטן האָבן דערוועקט אין די טיפענישן פון איר נשמה אומבאַשרײבלעכע בענקענישן נאָך אַ קינד. זי פאַנטאַזירט וועגן איר צוקונפטיק קינד, איר פאַנטאַזיע מאָלט איר אויס דאָס געשטאַלט פון איר ײנגעלע: אַ שוואַרץ־לאָקנדיקער און אַ קלוגענקער וועט ער זײן; זי וועט מיט אים שפּאַצירן אויף די שמאָלע שטעגעלעך פון גאָרטן, און אַפילו אַ נאָמען האָט זי שוין פאַר איר צוקונפטיקן קינד: אורי וועט זי אים רופן. צאַרט און קלינגענדיק וועט דער קורצער נאָמען זײן. אָבער אונטער אירע פּלײצעס שטײט דער גורל מיט זײן פאַרקרימט פּנים און מאַכט חוזק פון אירע פאַנטאַזיעס.

אין די מאָמענטן פון געראַנגל צווישן פאַטום און פאַנטאַזיע שאַפט זי אירע צאַרטע לידער, וועלכע זײנען אַ דיכטערישער בת־קול פון אירע לײדן און האָפענונגען.

איר יאוש שטײגט מיט איר קראַנקײט. אין איר באַוווסטזײן ווערט רײף די איבערצײגונג, אַז „צעבראָכן איז געוואָרן די בריק, וועלכע פאַרקניפּט דעם נעכטן מיט דעם מאָרגן"; זי זעט דאָס געשטאַלט פון דעם „מבשר", זיצנדיק אויף איר בעט, און זי הערט זײן טײוולאָניש געלעכטער: „דער שיר וועט זײן דער לעצטער פון דײנע שירים". אַ פאַרלאַנג ווערט געבוירן אין איר צעווייטיקטער נשמה איבערצורײסן דעם פאָדעם פון לעבן און מאַכן אַ סוף צו אירע לײדן, אָבער אַ געהײמער לעבנס־ווילן שעפּטשעט אין אירע אויערן:

„אם הימים האלה אחרוני ימי הם —
אהי נא שקטה
לבל ידליח מריי את כחלו השקט
של השחק — רעי מאז".

(אויב די טעג זײנען מײנע לעצטע טעג, לאָז מיך זײן רויִק; זאָל ניט מײן

פאַרביטערטקייט פאַרטונקלען די רויִקע בלויקייט פון הימל — מיין פריינד פון אַמאָל).

רחל באַרויִקט זיך און געפינט דערלייזונג אין שויס פון דער נאַטור. זי פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל, טראָץ דעם פאַרבאָט פון די דאָקטוירים, און קערט זיך צוריק צו דער קאָלאָניע ביים ברעג פון כנרת. דעמאָלט שאַפט זי אירע נאַטור־לידער, וועלכע זיינען אַ סינטעז פון מאָלערישקייט, ליריזם און מוזיקאַלישקייט. איר הערט פון זיי דאָס שושקען פון די שטילע כוואַליעס פון כנרת, איר זעט די לויטערע בלויקייט פון ארץ־ישראלדיקן הימל און איר זאַפט אין זיך איין די טענער פון אירע שירים און אַ נשמה־וואַרעמקייט שטראַלט איבער אייך.

אָבער אויך אין שויס פון דער נאַטור קאָן זי ניט פאַרגעסן דיליידן פון אונדזער פאָלק. אונדזער גייסטיקע ירידה פאַרביטערט איר לעבן און פאַרטונקלט די בלויקייט פון הימל, פרעסט און דריקט איר געוויסן. זי באַקלאָגט אין אירע שירים די ליידן פון דער גאַנצער מענטשהייט, וועלכע איז אַזוי נידעריק געפאַלן, אַז אַפילו אַ געפייניקטער פילט ניט דעם ווייטיק פון אַ צווייטן געפייניקטן: „לא אח דוה לדוה!" און דער געפייניקטער זעט ניט די ליידן פון אַ צווייטן:

„אטומות הן מאז לקול הרעב
אזני נגיד ונדיב
אך למה אביון לא ראה ללב
של אביון אחיו" ?

(פון אייביק אָן זיינען די אויערן פון דעם נגיד און פילאַנטראָפּ פאַרשטאָפּט און הערן ניט דאָס קול פון דעם הונגעריקן, אָבער פאַר וואָס זאָל נישט דער אביון מיטפילן מיט די ליידן פון צווייטן אביון ?)

רחל באַטראַכט דאָס מענטשלעכע לעבן מיט די אויגן פון אַ נביא. זי זעט די הערשאַפט פון געוואַלדטאַט און רויב, זי זעט ווי מעכטיקע באַרבאַרן טרעטן אויף די קעפּ פון די שוואַכע און באַשיידענע, און פון איר ברוסט רייסט זיך אַרויס אַ ביטערער יאוש־רוף „איך יחיה אדם ?" „גורל הרש הוא דוי !" (ווי אַזוי קאָן דער מענטש לעבן ? דער גורל פון אָרעמאַן איז ליידן !)

זי זעט די גלייכגילטיקייט, וואָס הערשט אין דער וועלט צו די ליידן פון

די געפּייניקטע און אונטערדריקטע, און אַ ביטערע, גאַליקע פראַגע לעכערט איר מוח:

„למה קר המבט, למה הלב אדיש
למה בצער האח לא יחד צערך״?

(פאַר וואָס איז אַזוי קאַלט דער מענטשלעכער בליק, פאַר וואָס איז דאָס מענטשלעכע האַרץ אַזוי גלייכגילטיק, פאַר וואָס זאָל דער צער פון דיין ברודער ניט זיין דיין צער?)

און פון מענטשלעכעליידן ביז צום וועלט־שמערץ איז גאָר איין טראָט: רחל פאַרטיפט זיך אין דעם זין פון לעבן. זי באַמיט זיך צו צערייסן דעם שלייער, אין וועלכן דאָס מענטשלעכע לעבן איז פאַרוויקלט; זי דערזעט די מיסטעריע פון דער וועלט און פון לעבן. און ווידער באַווייזט זיך צו איר דער אומזעבאַרער פּאַטום; אַ דערשיטערטע פון דער מיסטעריעזער וויזיע, באַקלאָגט זי אונדזער לעבנס־וועג אין דער בייזער, ברוטאַלער וועלט:

מה עגום נתיב אדם בעולם הזועם!

(ווי טרויעריק באַטריבט איז דער מענטשלעכער וועג אין דער בייזער און ברוטאַלער וועלט!)

אין די שרעקלעכע מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג באַקלאָגט זי איר אייגענעם און דעם מענטשלעכן גורל מיט פּשוטע ווערטער. דער גאַנצער תהום פון מענטשלעכע ליידן אַנטפּלעקט זיך צו איך מיט זיין גרויזאַמקייט. דעמאָלט באַהערשט זי ווידער דער פאַרלאַנג איבערצורייסן דעם מיסטעריעזן פאָדעם פון לעבן און מיט איין מאָל מאַכן אַ סוף צו אירע ליידן.

רחל פאַרטיפט זיך אין תנ״ך, הויפּטזעכלעך אין דעם בוך איוב, און שעפּט פון אים קראַפט, דערמוטיקונג און פּאָעטישע אינספּיראַציע. דער תנ״ך פאַרטרייבט אויף אַ ווײַלע איר טרויער און גיט איר כוח איבערצוטראָגן אירע יסורים; רחל גיסט אויס איר נשמה פאַר דעם אומזעבאַרן „יש״ פון דער וועלט, וועמענס מציאות איז זיכער ווי די ליכט (היש הבלתי נראה ודאי כאור).

דער ספר הספרים האָט רחלען אינספּירירט און האָט באַפליגלט איר

מוזע צו שאַפן די תנ״כישע געשטאַלטן רחל, מיכל, יונתן און אליהו, וועלכע ציכענען זיך אויס מיט זייער קינסטלערישער געשטאַלטונג און רעליפקייט: איר געלינגט אַנצוצייכענען קורץ און טרעפלעך די אינדיווידועלע אייגנ־שאַפטן פון די אויבן־דערמאָנטע ביבלישע געשטאַלטן.

און פון תנ״ך איז נאָר אַ שפאַן צו אמתער, האַרציקער רעליגיעזער דביקות: רחלס פּאָעזיע ווערט אַדורכגעדרינגען מיט רעליגיעזיטעט און מיסטיק; איר נשמה גאַרט און לעכצט זיך צו באַהעפטן מיט דעם אין־סוף. אייניקע חדשים פאַר איר טויט, גיסט זי אויס איר האַרץ פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט אין אָט דער תפילה: „אויב איך האָב מיין לעבן ניט געגעבן צו מיין פאָלק, זאָלן כאָטש די יסורים פון מיין לאַנגזאַמען טויט איבערבעטן גאָט, ווי דער טויט פון יפתחס טאָכטער; און ווען עס וועט קומען דער שניטער אָפּצושניידן מיינע צווייגן, זאָל כאָטש דאָס קול פון זיין האַק זיך אויסמישן און צוזאַמענשמעלצן מיט די קולות פון געזאַנג פון מיינע מידע ברידער, וועלכע קערן זיך צוריק פון שלאַכטפעלד״. (פרייע איבערזעצונג).

רחל פילט, אַז דער שניטער, ד״ה דער מלאך המות, פאָכעט שוין מיט זיין שווערד איבער איר קאָפּ און זי פילט, אַז אירע טעג זיינען געציילטע, אָבער זי איז ניט פאַרצווייפלט; זי זינגט וועגן טויט מיט פילאָזאָפישער רו:קייט, אין איר האַרץ פלאַקערט אַ פאַרלאַנג זיך צו פאַרשמעלצן אין דעם מאָמענט פון יציאת נשמה, ווען עס וועט זיך אָפּשטעלן דער לעצטער אָטעם־צוג פון איר צאַרטן און קראַנקן קערפּער, מיט אירע ברידער, די געפּייניקטע און אונטערדריקטע.

רחל פילט דעם קאַלטן ווינט פון טויט, וועלכער בלאָזט אין איר פּנים, און זי הערט זיין שעפּטשען: „הכוני אחות!״ (גרייט זיך שוועסטער!); זי פילט ווי די אומענדלעכע נאַכט דערנענטערט זיך צו איר, און אַ מיס־טישער פאַרלאַנג פילט אָן איר נשמה זיך צו באַהעפטן און פאַרשמעלצן אין דעם באָדן פון ארץ־ישראל, וועלכן זי האָט געליבט. זי גאַרט פאַרוואַנדלט צו ווערן אין מיליאָנען קערנדלעך פון שטויב, וועלכע דורשטן און חלשן נאָך ערשטן רעגן.

זי האָט געשטרעבט זיך צו פאַראייביקן דורך דער פאַרשמעלצונג פון איר גייסט און קערפּער מיט דעם באָדן פון ארץ־ישראל און מיט די חלוצים, וואָס באַאַרבעטן אים, ווייל אומענדלעך איז געווען איר ליבע צו ביידן, און אַ

גלויבן באַהערשט איר באַוווסטזיין, אַז דורך דער פאַרשמעלצונג מיט דעם קאָסמאָס, דורך דעם באָדן פון ארץ־ישראל, וועט זי באַגלייטן מיט איר בליק אירע מידע, אַרבעטנדיקע ברידער.

רחל איז אַוועק פון דער וועלט אין אירע בעסטע יאָרן. איר ליטעראַרישע ירושה איז ניט רייך אין כמות, און דאָך האָט זי פאַראייביקט איר נאָמען: אירע לידער ווערן געזונגען און זיינען אַ קוואַל פון אינספּיראַציע פאַר אירע ליידנדיקע מידע ברידער, ניט נאָר אין ארץ־ישראל, נאָר אויך אין דער דיאַספּאָרע.

י. בת־מרים — די דיכטערין פון שטילן געבעט

בת־מרימס דיכטונג איז אין איר עצם מהות אַ צאַרטע, שטילע תפילה, אָנגעהויכט מיט אמתער רעליגיעזער דביקות.

בת־מרים האָט זיך דערצויגן אין אַן עכט יידיש הויז און אין איר יוגנט באַקומען אַן אמת־יידישע דערציונג. דער תנ״ך האָט זיך איינגעקריצט אין איר נשמה און געוועקט אין איר אַ בענקעניש צום לאַנד פון די אבות. דער זיסער ניגון פון דער גמרא האָט זי באַצויבערט, די מיסטישע שטימונגען פון טאַטן דעם מקובל האָבן פאַרכאַפּט איר פאַנטאַזיע, די חסידישע לעגענדעס וועגן בעל־שם און אַנדערע שעפער פון חסידות האָבן באַרייכערט איר שאַ־פונגסקראַפט און געהאַט אַ דויערנדיקן איינפלוס אויף איר געמיט.

גאָר אַ שטאַרקע השפעה אויף בת־מרים האָט אויסגעיבט איר מוטער, וועלכע האָט געשטראַלט מיט פרומקייט, גוטסקייט, צאַרטקייט און מיט טיפער מוטערלעכער ליבע. דער רוח־הקודש פון די יידישע שבתים און ימים־טובים האָט פאַרטיפט איר יידישן באַוווסטזיין און איר פּאָעזיע, וועלכע איז מאָדערן אין פאָרעם, אָבער טיף יידישלעך אין איר אינהאַלט.

בת־מרימס אייגנאַרטיקער לעבנסוועג איז אויסגעבעט מיט אלול־בלעטער: אַ שטילע זאַנפטע מעלאַנכאָלישקייט ווייעט פון איר פּאָעזיע, אַ געלייטערטע רעליגיעזיטעט שוועבט צווישן אירע שורות; זי איז באַזעלט מיט די אייגנשאַפטן צו צוימען אירע געפילן, צו באַהערשן איר ווייטיק, און איר פּיין איז דעריבער באַשיידן און שטיל:

„וארנן ענות שירך באפס קול״

(און איך זינג דעם פּיין פון דיין ליד אָן אַ שטימע).

בת־מרים ציט איר פּאָעטישע יניקה פון צוויי הויפּט־מקורות: פון איר

נאָענטער סביבה, פון דעם היימישן דאָרף אין רוסלאַנד, אין וועלכן זי האָט צום ערשטן מאָל דערזען דאָס ליכט פון דער וועלט און די שיין, וואָס האָט אויסגעשטראַלט פון אירע עלטערן, און ביזן היינטיקן טאָג איז עס ניט געוואָרן פאַרטונקלט. נאָך איצטער — דערציילט אונדז די דיכטערין — זוכט זי מיט גרויס בענקעניש דאָס ציגעלע פון דעם וויגליד, וואָס די מאַמע האָט איר געזונגען אין אירע קינדעריאָרן, אין איר געליבטן, וועמענס געשטאַלט פלאַקערט פאַר אירע אויגן ווי אַ לייכטטורעם, און צו וועמען זי גיסט אויס איר האַרץ, אין איר טעכטערל און זונעלע, אין וועמענס אויגן זי זעט די אָפּשפּיגלונג פון אירע עלטערן. דער צווייטער קוואַל פון איר פּאָעטישער יניקה איז די אַלוועלט, דער קאָסמאָס אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען. אָבער בעיקר ווירקן אויף איר געמיט די מוזיק פון דער וועלט און די צויבערשפּיל פון קאָלירן, אין וועלכע די וועלט איז איינגעהילט, וואָס גיסן זיך צוזאַמען אין איר נשמה און געפינען אַ תיקון אין אירע שירים.

אָט די צוויי לכאורהדיקע קעגנזעצלעכע אייגנשאַפטן זיינען די הויפּט באַווירקונגס־כוחות אין איר שאַפן און זיי זיינען דער שליסל צו איר פּאָעזיע. דורך זיי ווערן קלאָר אויך אַנדערע לכאורהדיקע קעגנזעצלעכע אייגנשאַפטן אין איר דיכטונג: צווישן אַלע אונדזערע דיכטער איז ניטאָ אַ דיכטערין, וועלכע איז אַזוי טיף פאַראַנקערט אין דער יידישער טראַדיציע ווי בת־מרים איז. די דיכטערין רחל איז געקומען צום יידנטום דורך אַ לאַנגען, שווערן, אינערלעכן קאַמף און דורך אַ לאַנגזאַמען אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, און כאָטש זי האָט טיף אַריינגעדרונגען אין דער יידישער פּסיכיק און איז פאַרכאַפּט געוואָרן בלב ונפש פון תנ״ך, האָט מען פונדעסטוועגן דאָס געפיל, אַז זי זעט די שכינה פון יידישן גייסט דורך אַ פאָרהאַנג; בת־מרים זעט די שכינה פון יידישן גייסט מיט אויגן, וואָס דרינגען אַריין טיף אין עצם מהות פון יידנטום און איר פילט, אַז צווישן איר און דער שכינה איז ניטאָ קיין פּרגוד. איר פּאָעזיע איז אָרגאַניש יידישלעך, אָבער גלייכצייטיק אוניווערסאַל און אַלמענטשלעך; זי סינטעזירט די נאַציאָנאַלע און אוניווערסאַלע עלעמענטן פון איר דיכטונג אויף אַ קינסטלערישן אופן.

דער אויבנדערמאָנטער סינטעז איז, וואַרשיינלעך, אויך אַ פּראָדוקט פון אַ דריטן קוואַל פון איר פּאָעטישער יניקה, דאָס איז דער ספר התנ״ך, וועלכן זי פאַרגעטערט און פאַרהערלעכט אין אייניקע פון אירע שירים, און וועמענס

גייסט שוועבט און פלאַטערט איבער איר פאָעזיע און איבער איר.

די פּרקים פון תנ"ך פלאַקערן אין די טיפענישן פון איר האַרץ (כפרקי הנביאים הם צורבים הלב), און דאָס אַלטע ים־ליד זינגט אין די טיפענישן פון איר נשמה און רעגט אָן צו שאַפן:

„תתעורר, תתלקח ותען לקראתי
שירת־ים קדומים שגנוז בגויל"...

(עס דערוועקט זיך, צעפלאַקערט זיך און זינגט פאַר מיר דאָס אַלטע ים־ליד, וואָס זיי האָבן באַהאַלטן אין פאַרמעט).

די פּסוקים פון תנ"ך רעגן אָן איר פאַנטאַזיע, פלאַנצן איין אין איר ווען דאָס היים־געפיל:

„ומשוכה מלכות של עני אלהים
על ארצי מסופה עד סופה! —
אל אשר זורח מעבר לגבולין
רוחשת היא, קורנה וצופה.

ועורגה בסלע, בגבעה, בהר
לזנק בנבואת אש סתומה,
לאור בשחרים ושקיעות להבות
בקנאת־קרומים עצומה".

(עס איז אויסגעשפּרייט דאָס קעניגרייך פון געטלעכן פּיין אויף מיין לאַנד פון איין עק צום צווייטן! — צו דעם וואָס שיינט פון דער צווייטער זייט פון די גרענעצן באַוועגט זי זיך, שטראַלט און בליקט. זי גאַרט אין פעלז, בערגל און באַרג אַרויסצושפּרינגען מיט אַ באַהאַלטענער פייערדיקער נבואה, צו לייכטן אין די פלאַמען פון מאָרגנשטערנס און זון־אונטערגאַנגען מיט אַ מעכטיקן אַלטן אייפער און קנאה).

מיסטיש־רעאַליסטיש איז איר יידישע היסטאָרישע ממשותדיקייט צו ארץ־ישראל, און איר דוכט זיך, אַז ערשט נעכטן האָבן מיר פאַרלאָזט אונדזער

היים, אַז ערשט נעכטן האָבן אונדזערע קעמפער אויסגעהויכט זייער נשמה מיט מסירת־נפש אויף דעם באָדן:

„אך אלף, כל אלף, יום הוא רק אחד.
אתמול עזבנו מולדת,
אתמול עליה חללים נפלנו
במסירות עז נפש אובדת״.

און אַזוי איז אויך איר באַציונג צום לעבן בכלל. בת־מרים איז איינגעוואָרצלט אין ממשותדיקן לעבן מיט אַלע אירע חושים. יעדער זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג באַווירקט זי, יעדער שאָרך פון אַ בוים איז פאַר איר אויער אַ בשורה־אָנזאָג. און דאָך איז זי באַהערשט פון אַ געפיל „פון זיין און ניט זיין״; עס ציט זי צו דער שוועל פון גרענעצלאָזיקייט און זי גאַרט צו אַ מיסטישער רעאַליטעט, וואָס קאָן קיין מאָל זיך ניט פאַרוואַנדלען אין ווירקלעכקייט, און אַ ווילן באַהערשט זי זיך אויפצולייזן אין דער מיסטעריע פון דער וועלט און אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט צו ווערן אין דער ממשות פון אייביקייט.

„עצב עצב מלא במרחק מותח,
כזכר למה שמעבר לגבול,
ככה לחדל, לא — להיות אשאלה
בהתחטאות דמומה על מפתן אין גבול — — —״

(טרויער, טרויער שפּרייט זיך אויס אין דער ווייטקייט, ווי אַ זכר צו דעם, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט גרענעץ. אַזוי וויל איך זיך אויפלייזן און ניט זיין. מיט שטילער פּיעשטשענדיקייט אויפן שוועל פון אומענדלעכקייט און גרענעצלאָזיקייט — — —).

און דעמאָלט באַהערשט זי אַ טיפע מעלאַנכאָלישקייט, זי פילט אַז זי ווערט אָן דעם באָדן אונטער אירע פיס, אָבער זי ווערט ניט פאַרצווייפלט, און אין אירע אויגן שיינט ניט נאָר אַ טרער, נאָר אויך אַ שמייכעלע:

„והומה מתטעף יגוני
של היות פה ופה כבר אינני.

ודמעה ובת־צחוק מתקשרות
לקרן יחידה בעיני״.

(און עס ברומט פאַרחלשט מיין טרויער (צוליב) מיין זיין דאָ און שוין לאַנג ניט זיין דאָ; און אַ טרער און אַ שמייכל פאַראייניקן זיך אין מיין אויג אין אַן איינציקן ליכטשטראַל).

אַ באַגער באַהערשט זי זיך צוזאַמענשמעלצן מיטן אין־סוף, ווייל אין די טיפענישן פון איר נשמה לעבט דאָס געפיל, אַז וואָס ס׳זאָל מיט איר ניט פאַסירן, גוטס צי שלעכטס, וועט זי געפינען איר דערלייזונג אין אין־סוף:

„אחת לי. אחת מה יהיה,
אחת הרע והטוב.
מעבר לשניהם זרוע
יחוד אור שמך אין סוף״.

בת־מרימס רעליגיעזע וועלט־אַנשויונג איז אַ סינטעז פון דער אַלטער תנ״כישער רעליגיעז־קאָסמישער קאָנצעפּציע: „השמים מספרים כבוד אל״, דער גאַנצער אַלוועלט זינגט אַ שטענדיקן הימען צום באַשעפער פון דער וועלט, מיט אַ קבליסטיש־מיסטישער צוגאָב פון „לית אתר פנוי מניה״ (ניטאָ קיין אָרט וואָס זאָל זיין ליידיק פון אים), און איבער זי שטראַלט דער חסידישער גלויבן, אַז דאָס מענטשלעכע האַרץ איז דער משכן פון געט־לעכקייט.

בת־מרימס רעליגיעזע פּאָעזיע איז לירש־זאַנפט, עכט און אויפריכטיק אָן אַ ברעקעלע פּאָזע און געקינצלטקייט. איר הערט אין אירע לידער דעם בת־קול פון מרים און דבורה, דאָס שטילע האַרציקע שעפּטשען פון חנהן און די תמימות פון אַ שרה בת־טובים. אירע תפילות און תחינות זיינען די אויסשטראַלונג פון יידיש־רעליגיעזן געניוס, און אויב מיר וועלן אַ מאָל דערלעבן צו אַן אמת־רעליגיעזן רענעסאַנס, וועלן זיי זיכער אָנצינדן מיט רעליגיעזן עקסטאַז די הערצער פון אונדזערע טעכטער און מאַמעס, און צוזאַמען מיט דער דיכטערין וועלן זייערע ליפּן שעפּטשען מיט דבקות:

„רק שמך הנדלק בנצחים
לי אחד בו אליט את פני
ואלחש ממלא הויתי:
ענני, ענני אדוני!"

(רק דיין נאָמען, וואָס פלאַקערט אין די אייביקייטן, ער איז פאַר מיר דער איינציקער, אין וועמען איך באַהאַלט מיין פּנים, און איך שעפּטשע פון דער פולקייט פון מיין זיין: ענטפער מיר, ענטפער מיר, מיין האַר!)

בת־מרימס ליבע־לידער זיינען אויך אייגנאַרטיק און אָריגינעל. זי סובלימירט אירע פייערדיקע ליבע־געפילן, וועלכע זיינען, אין זייער עצם מהות קערפּערלעך, ערדיש און עראָטיש, צו דער מדרגה פון „אהבה של מעלה" און „עבודה שבלב". אירע ליבע־לידער זיינען אָנגעהויכט מיט אַ הייליקער יראת הרוממות און מיט אמת־יידישער צניעותדיקייט, און פונקט אַזוי ווי דער אַלוועלט זינגט אַ הימען צום באַשעפער פון דער וועלט, אַזוי זינגט ער אויך שטילע, צאַרטע און גלייכצייטיק מעכטיקע לידער צו איר געליבטן, און כאָטש איר ליבע פלאַקערט מיט אַ העליש פייער און איר נשמה ווערט פאַרברענט און פאַרצערט פון איר און צעגיסט זיך ווי אַ טייך איבער זיינע ברעגעס:

„עלתה נפשי עלי
כנהר על גדותיו".

צוימט זי אירע געפילן; זי שעפּטשעט דעם נאָמען פון איר געליבטן אין די טיפענישן פון איר האַרץ, אָבער זי רעדט אים ניט אויס מיט אירע ליפּן:

„בגעגועים גדולים נמשך לבי אליך היום,
ושמך ביני לבין עצמי לחשתי
ובקול לא נשאתי".

זי רייניקט און לייטערט איר נשמה, לייגט זי אַוועק אויף אירע הענט און ברענגט אַ קרבן צו איר געליבטן:

„את נשמתי אנכי מוציאה
ועל כפי נושאה למרום".

בת־מרימס דיכטונג איז אַדורכגעדרינגען מיט ווייבלעכקייט און מוטער־לעכקייט. זי זינגט צו איר טעכטערל און זונעלע מיט אַ מין קדושה־געפיל און פיעטעט, וואָס נאָר אַ יידישע מאַמע איז מסוגל דאָס צו טאָן. איר גאַנצע וועלט קאָנצענטרירט זיך אַרום אירע קינדערלעך און אין איר ציטערדיקייט וועגן דעם גורל און ליידן פון אירע קינדערלעך רופט זי אויס מיט אַנגסט:

„בעד אחת צפרן הקטנה
אנכי, אנכי כפרה — — —"

(פאַר איין נעגעלע פון איר קליין פינגערל [פון איר טעכטערל] בין איך די כפרה).

און דאָס זעלבע קדושה־געפיל געפינט איר אויך אין אירע ארץ־ישראל־לידער: בת־מרימס ארץ־ישראל איז ניט דאָס ארץ־ישראל פון די חלוצים, וואָס קעמפן ווי לייבן און פאַרגיסן זייער בלוט פאַר באַפרייונג און דערלייזונג; עס איז דאָס ארץ־ישראל פון זוהר און מקובלים, עס איז מער אַן „ארץ ישראל של מעלה", ווי אַ ממשותדיק ארץ־ישראל: אין איר באַדן איז פאַרקערפּערט דער שאַפנדיקער געטלעכער געדאַנק:

„בך גלומה מחשבת אל היוצרת".

איבער אירע ווייטקייטן שיינט דאָס „אחרית־הימים"־ליכט, וואָס וועקט און רופט צו נאַציאָנאַלער און אַלמענטשלעכער באַפרייונג.

„אור אחרית ימים למרחקיך,
המתנבאים באות ויעוד".

בת־מרימס ארץ־ישראל איז אַדורכגעדרונגען מיט אמתער רעליגיעזער דביקות, אָבער זי איז אויך ערדיש־מענטשלעך און איר ליבע צו ארץ־ישראל

דערמאָנט אונדז די ליבע פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, וועלכער האָט געזאָגט, אַז זיין חיות און רוח הקודש האָט ער באַקומען פון דער קורצער צייט, וואָס ער האָט געלעבט אין ארץ־ישראל. מיט פּאַטאָס רופט זי אויס:

„תני נא, תני אתך לחיות ולמות" —

איר ביכעלע „ארץ־ישראל" וואָס איז דערשינען אין יאָר 1937, איז אַ ציקל לידער, ווו די דיכטערין פּרובירט זיך צו באַפרייען פון איר „ארץ־ישראל של מעלה"־קאָנצעפּציע, און זיך אויף אַ ממשותדיקן אופן באַהעפטן מיטן איצטיקן ארץ־ישראל, און דעריבער שטרענגט זי זיך אָן אַריינצוברענגען דעם סקולפּטאָריש־פּלאַסטישן עלעמענט אין איר דיכטונג. אָבער טראָגט איר אָנשטרענגונג גיט זיך איר דאָס ניט איין אין אַ פולער מאָס.

דער שענסטער שיר אין דעם אויבנדערמאָנטן ציקל איז פּאָרט דער לעצטער, ווו דער לירישער עלעמענט איז דער דאָמינירנדיקער טאָן — און ניט דער פּלאַסטישער.

בת־מרימס דיכטונג איז טיפּיש־יידישלעך, טראָגט דער דעקאַדענטישער פּאָרעם, אין וועלכער זי זיינען איינגעהילט: אין זיי הערט זיך דאָס געזאַנג פון די שבתדיקע מלאכים, „זמרת מלאכי השבת הומה בלבבי", דער בת־קול פון אונדזער אַמאָליקן ים־ליד, דער אָפּקלאַנג פון חנהס געבעט און די תמי־מותדיקייט פון שרה בת־טובים.

אַנדה פינקערפעלד־עמיר — די דיכטערין פון ווייבלעכקייט און מוטערלעכקייט

אַנדה פינקערפעלד איז, אַזוי צו זאָגן, די פאַרקערפּערונג פון נאַטיר־לעכקייט; איר צוגאַנג צום לעבן און צו די פּראָבלעמען פון לעבן איז איינפאַך, האַרציק, אָן אַ ברעקל פּאָזע. זי האָט פיינט יעדן אָנשטעל, יעדע צביעותדיקע שעמעוודיקייט. זי שעמט זיך ניט מיט אירע פלאַם־פייערדיקע, עראָטישע ליבע־געפילן און באַהאַלט זיי ניט אונטער אַ געקינצלטן צניעות־דיקן מאַנטל, זי פאַרשלייערט זיי ניט מיט אַ שלייער פון אַסקעטישער בושה. זי גיסט אויס אירע ליבע־געפילן אָפנהאַרציק און נאַטירלעך. „אני לדמך צמאתי״ (איך האָב געדורשט נאָך דיין בלוט) „כל נפשי לך אושיטה״ (מיין גאַנצע נשמה וועל איך דיר דערלאַנגען) און מיט קינדישער נאַיוויקייט רופט זי אויס פּאַטעטיש: „טובה אהבה בעולם״ (גוט איז די ליבע אין דער וועלט).

אַנדה פינקערפעלדס דיכטונג איז דעריבער אָנגעהויכט און אַדורכגע־דרונגען מיט געזונטן און נאַטירלעכן אָפּטימיזם. איר זיינען ניט פרעמד די ליידן פון דער מענטשהייט, און על אחת כמה וכמה, אַז זי פילט מיט די ליידן פון איר געפּייניקט פאָלק, אָבער דער דראַנג צום לעבן און צום גענוס פון לעבן •ולסירט אַזוי מעכטיק אין איר גאַנץ וועזן, אַז זיי פאַרטויבן אויף אַ ווילע דעם ווי־געשריי אין אירע אויערן. זי זינגט וועגן גליק מיט אַזוי פיל בטחון אַז איר ווערט מיטגעריסן פון איר גלויבן אין מענטשלעכן גליק: „היה אשר — ויהיה — יהיה!״ (עס איז געווען גליק און עס וועט זיין, עס וועט זיין) און הגם זי ווייסט, אַז אונדזער לעבן איז שרעקלעך אָרעם, און וואָס עס איז נאָך ערגער — אַז מיר אַליין פאַרנידעריקן, פאַראָרעמען און פאַרגרויען אונדזער לעבן („כה דלים היינו, עוד בעצם ידינו נשפילם נדלם נאפילם״) פון דעסטוועגן וויל זי אויף זיך ניט נעמען דעם יאָך פון ליידן; זי רעוואָלטירט קעגן זיי און זי דערקלערט פייערלעך, אַז זי איז ניט געבוירן

געוואָרן פאַר ליידן — זי איז אַ טאָכטער פון פרייד. און ווי אַ פאַרעקשנט קעמל, וואָס וואַרפט אַראָפּ פון זיין הויקער דעם לאַסט, אַזוי וועט זי אַראָפּ־וואַרפן פון זיך די פרעמדע זינד, דעם פרעמדן ווייטיק, וואָס מען האָט אָנגע־לאָדן אויף איר רוקן.

יאָ, אַנדה פינקערפעלד איז אַ טאָכטער פון פרייד. אַ פייערדיקער ים פון פרייד און גליקזעליקייט צעגיסט זיך אין איר גאַנצן וועזן און איבערפילט זי מיט ליבע צום קאָסמאָס, צו דער נאַטור, צו דער מענטשהייט, צו די הילפ־לאָזע קינדערלעך פון דער וועלט און צו אַלע באַשעפענישן. אַנדה איז פול מיט ליבע צו די דערוואַקסענע קינדערלעך פון דער וועלט, און זי איז באַ־הערשט פון באַגער צו ברענגען זיי צו גליקזעליקייט און פרייד:

„צר לי — צר על ילדי
מה אעשה לכם, כי תשמחו?
אלהים עות — ואני אישר
כי אהבתיכם״.

(ווי, ווי איז מיר פאַר מיינע קינדערלעך. וואָס זאָל איך טאָן פאַר אייך, אַז איר זאָלט פריילעך זיין? גאָט האָט פאַרקרימט און איך וועל אויסגלייכן, ווייל איך האָב אייך ליב).

דער מקור פון אַנדהס אומענדלעכע ליבע איז איר ווייבלעכקייט און מו־טערלעכקייט.

אַנדה אַנטפּלעקט אין איר דיכטונג די אינטימסטע פרויען־געפילן. זי שילדערט אונדז די פרויען, וועלכע זיינען „פאַקעלן פון ליבע״ און עראָטיש־קייט אין אירע ביבלישע פּאָעמען „אבישי״ און „יעל״ און אין איר קליינעם ציקל לידער „אנחנו הנשים״: דאָ זעט איר פאַר זיך פרויען וועמענס איינ־ציקער אינהאַלט אין לעבן איז ליבע און עראָטישקייט, וועמענס קערפּערס ווערן פאַרברענט פון ליבע־גלוט און ליידנשאַפט.

אַנדה מאָלט אונדז אָבער אויך אַנדערע געשטאַלטן פון פרויען, וועלכע זיינען אויך פאַקעלן פון ליבע, אָבער זיי באַזיצן די געטלעכע מתנה צו סוב־לימירן זייערע ליבע־געפילן.

איר ציקל לידער: „הגישה ליאָן־טאַנג שרה״ (די גיישה ליאָן־טאַנג

זינגט) איז אָנגעהויכט מיט דעם אַראָמאַט פון מאַיאָווע בלומען, וואָס טראָגן אונדז אַוועק ווייט, ווייט אין די העכערע ספערן פון ליבע, לייטערן אונדזער נשמה.

און אַזוי זינגט ליאָן־טאַנג:

„באַגילדעטע פעדעמלעך האָבן זיך פאַרפלאָנטערט אַרום מיר אין אַ דינינקער נעץ, מיין וועלט שיינט ווי גאָלד פאַר מיר. פרידלעך בענקעניש, זיס בענקעניש סודעט זיך אין מיין ברוסט. מיינע טעג זילבערן זיך, מיינע נעכט רויטלען זיך פאַר דיר, טזינג טו״...

אַנדהס מוטערלעכקייט איז אַ געזונטע, אַ נאַטירלעכע און זי שפּרודלט מיט לעבנספרייד: „האָסט מיר באַרויִקט, גאָט, ווען דו האָסט געשאָנקען מיר אַ קינד. אויף אַלע מיינע פאַרלאַנגען פון דיר, האָסטו אַן איין־איינציקע תשובה מיר געענטפערט: דו האָסט פאַרזייעט לעבעדיקע זוימען אין מיר, און אַ באַרויִקטע פאַרלאַנג איך מער גאָר ניט פון דיר...״

„אין מאָמענטן פון ליידן און ווידערשפּעניקייט, האָסטו באַפוילן מיין קינד צו באַוועגן זיינע פיצינקע הענטעלעך און פיסעלעך אין מיין אינגעווייד, און איך באַרויִק זיך און בייג מיין קאָפּ פאַר דיר, גאָטעניו...״ (פרייע איבערזעצונג).

אַנדהס ליד „בהרמון״ — אין האַרעם — איז אַ הימען פון מוטערלעכקייט און ליבע, אין אים אַנטפּלעקט אונדז אנדה פינקערפעלד די אינטימסטע געפילן פון דער פרוי: אירע איבערלעבענישן דורך דער צייט פון איר שוואַנגערשאַפט, אירע איבערלעבענישן אין די געפערלעכסטע מאָמענטן, און גלייכצייטיק אין די גליקלעכסטע מאָמענטן, ווען איר קינד, וועמענס געשטאַלט זי האָט געגאַרט און געלעכצט צו זען, רייסט זיך אַרויס פון איר אינגעווייד אויף דער ליכטיקער וועלט. און אַן אומבאַשרייבלעך גליק פילט זי אָן, זעענדיק די אויסשטראַלונג פון איר געליבטן אויף איר נייגעבוירן קינדס געזיכט...

די דיכטערין אַנטפּלעקט אונדז אין דעם אויבנדערמאָנטן ליד און אין אַ ריי אַנדערע לידער פון דער זעלבער טעמאַטיק, די חן און גראַציע פון דער פרויען־נשמה. עס שאָקירט אייך ניט איר נאַקעטקייט, ווייל איר פילט די נאַטירלעכקייט פון די געפילן.

אַנדהס ליבע צו קינדער איז אייגנאַרטיק. זי זעט אין דער ליכטיקער

געשטאַלט פון איר קינד די ווידערגעבורט פון איר געליבטן, און ווען זי צערטלט איר קינד, וואַנדערט איר מוטערלעכער בליק פון דעם קינד צום מאַן און זי ווייסט ניט ווער פון זיי איז דער זון: „מבטי אמהי אעביר על שניכם, ולא אדע מי משניכם לי הבן"...

און פונקט אַזוי נאַטירלעך איז איר היימלאַנד־געפיל: עס וועט ניט זיין קיין גוזמא, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז צווישן אַלע אונדזערע העברעיִשע דיכטער און דיכטערינס, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן אין דער דיאַספּאָרע און האָבן זיך אין די יונגע יאָרן באַזעצט אין ארץ־ישראל, איז אַנדה די איינציקע וועמענס ארץ־ישראלדיקע לידער זיינען אַ נאַטירלעכער נשמה־אויסדרוק פון אַן אמתן היימלאַנד־געפיל...

דוד שמעונוביץ, יעקב פיכמאַן און אַ סך אַנדערע העברעיִשע דיכטער האָבן זיך דערוואָרבן דעם חוש המולדת נאָך אַ שווערן, לאַנגן אינערלעכן קאַמף. אַנדהן איז דאָס אָנגעקומען זייער לייכט: איר אינסטינקטיוו און ראַפינירט מוטער־געפיל האָט איר פיל געהאָלפן זיך איינצוואָרצלען אין ארץ־ישראלדיקן באָדן. איר פּאָעמע „יובל" איז אַ הימען צו דער מאַמע־ערד:

„צו דיר באַלאַנג איך, באָדן, צו דיר — ערד, איך בין אַ ביימל צווישן דיינע ביימלעך, אַ בערגל צווישן דיינע בערגלעך, גראָז פון דיין גראָז — — דו רעדסט צו מיר מיט טויזנטער שפּראַכן, דו דערציילסט מיר דיין געשיכטע, די אינטימסטע סודות דיינע אַנטפּלעקן זיך צו מיר: דער שאָרך פון דיין שטויב, דער אָפּקלאַנג פון דיין שאָרך... דו שפּראָצסט און וואַקסט אין מיר און פאַרצווייגסט זיך, ווייל צו דיר באַלאַנג איך, באָדן, צו דיר — — ערד!" (פרייע איבערזעצונג).

אַנדה האָט פיינט באַנאַלע ווערטער, אויסגעדראָשענע פראַזן, און דעריבער באַנוצט זי זיך ניט מיט דער פראַזע: „מאַמע־ערד", אָבער פון יעדער שורה אין דעם ליד „יובל" פילט זיך די נאַטירלעכע צוגעבונדנקייט צו דער מאַמע־ערד: זי פילט איר ליידן און איר שמאַכט אין די הייסע ארץ־ישראלדיקע זומער־מאָנאַטן; זי ווערט אויפגעשטורעמט ווען די ערד טאַנצט איר ווילדן, שטורעמדיקן נאַקעטן טאַנץ; זי הערט מיט אַלע אירע חושים דאָס געזאַנג פון איר ווידערגעבורט אין פרילינג; זי ווערט געפּייניקט, ווען די מאַמע־ערד גייט אויס פון דורשט און זי פרייט זיך מיט איר ליבע און מיט איר שוואַנגערשאַפט.

און ווען די מאַמע־ערד קניט אין צייט פון זון־אונטערגאַנג און זי שעפּ־טשעט איר געבעט, וואָס צעטראָגט זיך איבער דער ברייטקייט פון אין־סוף, קאָן אונדזער דיכטערין ניט איינצוהמען מער אירע געפילן און זי גיסט אויס איר נשמה.

„איך וועל זיך באַהעפטן צו דיין טרוקענער שוואַרצער ברוסט און וועל זיין ווי דו, אינסופיקע ברייטקייט, איך וועל זינגען דיין געזאַנג, איך וויינען דיין תפילה־געוויין ווען די זון פאַרגייט".

אַנדה ענדיקט איר הימען צו דער ערד מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „יכרעו החרשים בפני האדמה ויאזינו" (קניט טויבע פאַר דער מאַמע־ערד און האָרכט!) דאָס איז אַ מעכטיקע רוף און אַ פילבאַדייטנדיקער רוף פון אַ דיכטערין, אין וועמענס האַרץ עס ברויזט און שאַלט דער חוש־המולדת. איר ווערט מיטגעריסן פון איר רוף און איר גלייבט איר מיטן גאַנצן האַרץ, ווען זי זאָגט איך, אַז דער פאַרטריקנטער באָדן אין ארץ־ישראל האָט זי צוגעבנדן מיט קייטן, און זי קאָן זיך פון אים ניט שיידן: „מה מאד אודך. צחיח שלי, אסרתני בעבותיך ולך אני" (ווי דאַנקבאַר בין איך דיר, טרוקענער באָדן מיינער, דו האָסט מיך צוגעבונדן מיט דיינע קייטן, און צו דיר באַלאַנג איך).

אַנדהס ציקל לידער „ארצנו" אָטעמען מיט אמתער ליבע צו ארץ־ישראל. בעיקר איז דאָס בולט אין איר גרויס געדיכט „ים כנרת", וואָס באַ־שטייט פון ניין טיילן.

אַנדה מאָלט אונדז אַ פּראַכטפול בילד פון ים כנרת אין פאַרשיידענע צייטן: דער פרימאָרגן אויפן כנרת, דער כנרת פאַר אַ שטורעם און נאָך אַ שטורעם, אַ טונקעלע נאַכט אויפן כנרת, טונקעלע אָוונטן און אַ זומערדיקע מיטאָגצייט. איר ווערט פאַרגאַפט פון דער רייכקייט פון די קאָלירן, פון דער סקולפּטאַרישקייט פון די שילדערונגען. דער פינאַל פון דער פּאָעמע וועקט אין אייך אַ טיפע בענקעניש צו זען כאָטש איין מאָל אין לעבן דעם כנרת: „בצחך נצחני שלותך הטביעתני ואחדל בך" (דיין אייביקייט האָט מיך באַזיגט, דיין רויִקייט האָט מיך פאַרשלונגען, און איך האָב אויפגעהערט צו עק־זיסטירן...).

אַנדהס צוגעבונדנקייט צום ארץ־ישראלדיקן באָדן האָט ניט פאַרטויבט אירע געפילן צו דיליידן פון פאָלק ישראל אין איצטיקן מאָמענט. אירע

אויערן זיינען אָפן צו דעם וויי־געשריי פון אונדזערע אומגליקלעכע ברידער, וועלכע וואַנדערן איבער אַלע ימען און קיין לאַנד האָט, נעבעך, ניט קיין שטיקל פּלאַץ פאַר די אומגליקלעכע מענטשן.

איר געדיכט „כשופי־הים" שניידט אייער נשמה ווי שאַרפע חלפים, און די פראַגן פון אונדזערע אומגליקלעכע ברידער עקבערן אייער מוח און פאַר־סמען אייער בלוט: „מה מתולע שנינו, מתפלש בעפר? כי קלע בקלענו מול עצמת הים ולא נוכל עוד שאת את אלם אלמותו". (מיט וואָס זיינען מיר אַנדערש פון דעם ווערעמל, וואָס וואַלגערט זיך אין שטויב? אַז מיר זיינען געשליידערט קעגן דער מאַכט פון ים און מיר קאָנען ניט איבערטראָגן זיין שטומקייט).

דער שיר „כשופי ים" אַנטפּלעקט אייך די יידישע טראַגעדיע אין איר גאַנצער גרויזאַמקייט. אין אַ צווייטן שיר „צהלי בת ערב" — לאַך, טאָכטער פון אַראַביע — ווייזט זי אונדז די יידישע ליידן אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון די אומרוען. אַנדהס מוטער־געפיל רעוואָלטירט קעגן די באַרבאַ־רישע אַקטן פון די אַראַבער, וועלכע האָבן געמאָרדעט קליינע אומשולדיקע קינדער, געשאָכטן מוטערס, אונטערגעצונדן ביימער, וועלכע זיינען פאַר־פלאַנצט געוואָרן מיט ליבע, אָבער זי ווערט ניט מיטגעריסן פון נקמה־געפילן, און מיט אמתן שטאָלץ רופט זי אויס: „מיר וועלן ניט נעמען קיין נקמה! מיר וועלן ניט מאָרדן אייערע קליינע קינדער"! און זי ווענדעט זיך צו דער טאָכטער פון אַראַביע: „ס'וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט וויינען, זעענדיק די ווילדקייט פון דיינע קינדער און דיין באַרבאַרישער געלעכטער וועט פאַרשטומט ווערן אויף אייביק".

אַנדה פינקערפעלד איז אין אירע בעסטע שאַפונגס־יאָרן, איר טאַלאַנט האָט זיך שטופנווייז אַנטוויקלט און געוואַקסן, און מיר דערוואַרטן פון איר זייער פיל.

אלישבע — די רות פון אונדזער צייט

די העברעישע דיכטערין און דערציילערין אלישבע איז ניט קיין ייִדישע טאָכטער, נאָר אַ גרטע, וועלכע האָט דורך אַ צופאַל זיך באַקענט מיט דעם ייִדישן לעבן און איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די שטילע, באַשיידענע שבת־ליכטלעך, פון דער קדושה, וואָס די מלכה שבת האָט אויסגעשטראַלט פון זיך, פון דער אַצילותדיקער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אינעם הויז פון איר ייִדישער חברטע פרייטיק צו נאַכטס ביי דער סעודה. און היות ווי זי איז פון דער נאַטור אַ ראָמאַנטיש־געשטימטע פרוי, איז זי מיטגעריסן געוואָרן פון דער ראָמאַנטישקייט פון דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און ס׳האָט זי געלאָקט אויך די ראָמאַנטיק פון דער ייִדישער צוקונפט. זי הייבט זיך אָן צו פאַראינטערעסירן מיט ציוניסטישע פּראָבלעמען בפרט און מיט ייִדישע פּראָבלעמען בכלל, און בכדי זיך צו באַקענען נענטער מיטן ייִדישן לעבן, דערלערנט זי גרינטלעך די ייִדישע שפּראַך, און פון ייִדיש איז זי געקומען צו העברעיש, ווייל אין איר האַרץ האָט געברענט אַ פאַרלאַנג זיך צו באַקענען מיט די אורקוואַלן פון אונדזער קולטור.

אלישבע, אָדער ווי מען האָט זי גערופן פריער: יעליזאַוועטאַ זשירקאָוואַ, איז געבוירן געוואָרן אין דער טיפּישער רוסישער שטאָט ריאַזאַן, אין יאָר 1889. איר פאָטער איז געווען אַן אינטעליגענטער רוס, איר מוטער — אַ געבילדעטע ענגלענדערין. די יונגע יעליזאַוועטאַ האָט באַקומען אַ פיינע דערציונג אין אַ רוסישער גימנאַזיע, און שפּעטער — אין אוניווערסיטעט. זי האָט אָנגעהויבן שרייבן פּאָעזיע נאָך זייענדיק אַ סטודענטקע אין גימנאַזיע. זי האָט אָפּגעדרוקט אירע לידער אין דער ריאַזאַנער פּרעסע, און די קריטיקער האָבן זיי וואַרעם אויפגענומען.

אין יאָר 1913 האָט זי איבערגעזעצט א. ד. גאָמבערגס און י. ז. אנכיס דערציילונגען אויף רוסיש; שפּעטער האָט זי איבערגעזעצט ר׳ יהודה הלוים

„ציון הלא תשאלי" ניט פון אָריגינאַל, נאָר פון ביאַליקס איבערדיכטונג. זי פאַרפולקאָמט זיך אין דער קענטעניש פון דער העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור און זי הייבט אָן איבערדיכטן די בעסטע שירים פון דער מאָדערנער העברעישער פּאָעזיע אויף רוסיש. גלייכצייטיק זעצט זי איבער ש. י. אימבערס יידישע שירים „אין ארץ־ישראל". אין יאָר 1919 ווערן אָפּגעדרוקט אירע צוויי ביכלעך אָריגינעלע שירים אין רוסיש, און די קריטיק האָט זיך גאַנץ פיין אָפּגערופן וועגן זיי. אין יאָר 1922 האָט זי אָפּגעדרוקט אירע ערשטע שירים אין דער העברעישער שפּראַך אין דער „התקופה", און פון דעמאָלט אָן איז איר פּען געווידמעט אויסשליסלעך דער העברעישער ליטעראַטור. אירע לידער, דערציילונגען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען האָבן זיך געדרוקט אין די בעסטע העברעישע אויסגאַבן, און כאָטש זי פאַרנעמט ניט קיין פּראָמינענטן פּלאַץ אין דער העברעישער ליטעראַטור, זיינען אָבער אירע שירים, דערציילונגען און קריטישע אַרטיקלען אַן אָריגינעלער ביי־טראָג צו דער העברעישער ליטעראַטור, ווייל זיי זיינען דער אויסגוס פון אַ טיפּישער רוסישער נשמה אין דער העברעישער שפּראַך.

די דיכטערין אלישבע האָט אין די כמעט צוואַנציק יאָר פון איר שאַפן קיין גרויסע און טיפע דיכטונגען ניט געשאַפן. איר טעמאַטיק איז טיפּיש רוסיש, טראָץ דעם, וואָס אירע לידער זיינען געשריבן אין דער העברעישער שפּראַך. זי זינגט אין אירע לידער וועגן איינזאַמקייט: זי פילט זיך שרעקלעך איינזאַם אין רוסלאַנד, איר געבוירן־לאַנד, און איר איינזאַמקייט פאַרשווינדט אַוודאי ניט נאָך דעם ווי זי האָט זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. מיט אַ גע־קינצלטן פּאַטאָס רופט זי אויס:

„לא יקללו אסון בדידותי
לא שמים ולא אדמה".

(זיי וועלן ניט פאַרלייכטערן דאָס אומגליק פון מיין איינזאַמקייט, ניט דער הימל און ניט די ערד).

איר איינזאַמקייט דערוועקט ביי איר מעלאַנכאָלישע געדאַנקען, וועלכע פאַרטונקלען די פרייד פון איר יוגנט, און אַפילו איר געליבטער איז ניט ביכולת צו פאַרטרייבן פון איר די געדריקטע שטימונג; זי געפינט איר

גליקזעליקייט נאָר אין האַרבסט מיט זיינע בלייענע הימלען, מיט דער קאַלט־מוטנקייט פון זיינע ווינטן. און ווען זי באַזינגט איר געליבטן, האָט זי ניט פאַר אים קיין אַנדערע שבחים, ווי נאָר, אַז זיינע אויגן זיינען בלייענע: „עיני עופרת היו לצעיר הערצתי״.

די מעלאַנכאָלישקייט איז דער לייטמאָטיוו פון איר שאַפן. זי קאָן זיך פון איר ניט באַפרייען, ניט ביי טאָג און ניט ביי נאַכט: אין דער פינצטערקייט פון דער ליידנשאַפטלעכער, משוגענער נאַכט, הערט זי דאָס יאָמערן פון אַ משוגענער פידל... און דעמאָלט חלשט יעדע רויז פון גערטענדל אונטער דעם יאָך פון איר חן און גראַציע.

די דיכטערין וואַנדערט אויף אירע וועגן מיט אַ פאַרדעקט פנים און מיט אַ פלאַמענדיק האַרץ און באַקלאָגט דעם, וואָס איז ניט געשטאָרבן, און איז אַן אייביקע כלה צו דעם, וואָס האָט קיין מאָל ניט געלעבט:

„מנודת עולם על מי שלא מת
ארוסת נצחים למי שלא חי״

אלישבע איז באַהערשט אויך פון אַ געפיל פון פרעמדקייט: זי געפינט פאַר זיך ניט קיין פּלאַץ אין רחבותדיקן רוסלאַנד, זי גאַרט און לעכצט נאָך דעם אַלטן מעלאַנכאָלישן ניגון פון דער גמרא, וואָס עפּעס אַ בחורל האָט אַזוי האַרציק אויסגעזונגען מיט זיין פאַרבענקטער נשמה; איר דוכט זיך, אַז ניט איר מאַמעס וויגליד האָט געפלאָטערט איבער איר וויגעלע, נאָר דער כישוף־ניגון פון פאַרבענקטן ייִנגעלע האָט באַצויבערט איר קינדערישע נשמה: „ישב לו נער על ספר ישן־נושן ולמד בנגון הקדם בבית מדרש ישן, — והגיע נגון העצב אל העיר הרחוקה והיה לשיר־הערש על שנתי המתוקה״.

אלישבעס געפיל פון פרעמדקייט איז אַזוי מעכטיק, אַז איר דוכט זיך, אַז אַפילו דער ציטער פון איר אייגן בלוט איז איר פרעמד:

„כי רטט דמי גם הוא לי כמו זר״...

אלישבע האָט ניט געהערט דעם ציטער פון איר אייגן בלוט, אפשר ווייל

איר מאַמע איז געווען אַן ענגלענדערין. די מיסטיק פון דער רוסישער נשמה איז איר געווען פרעמד.

אלישבע גייט איבער צום יידנטום, באַזעצט זיך אין ארץ־ישראל, באַ־העפט זיך און אידענטיפיצירט זיך מיטן יידישן פאָלק, אָבער זי ווערט ניט געגעזן פון דעם געפיל פון פרעמדקייט. ווען איר פאַרגלייכט איר פּאָעזיע מיט דער פּאָעזיע פון רחל אָדער בת־מרים, זעט איר בחוש, אַז שפּראַך אַליין איז ניט קיין גענוגנדיקער אינסטרומענט פאַר שאַפן: דער דיכטער ציט זיין יניקה פון אומזעבאַרע קוואַלן, וועלכע ער זאַפּט איין אין זיך צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך. רחל און בת־מרים זיינען געווען פאַראַנקערט אין דער יידישער טראַדיציע, און דעריבער פילט איר אין זייער שאַפן דאָס פלאַטערן פון דער יידישער נשמה, ווערט איר מיטגעריסן פון זייער דיכטונג; פון אלישבעס פּאָעזיע בלאָזט אַ קאַלטער צפון־ווינט. אירע לידער וועגן ארץ־ישראל זיינען בלאַס און מאַט, מער מלאכה ווי שאַפן. עס פעלט איר די איינגעוואָרצלטקייט פון דורות. אין איר שיר „על חוף ים כנרת" זעט איר באַשיימפערלעך. אַז כאָטש אלישבע גלייבט, אַז איר נשמה האָט געפונען אַ היים, „כי מצאה נפשי מולדתה", איז דאָס מער פאַנטאַזיע, ווי ווירקלעכקייט.

אין רחלס ליד „כנרת" פילט זיך אַ נשמה־וואַרעמקייט; אַגדה פינקער־פעלדס „כנרת" איז אַ סימפאָניע פון קלאַנגען און קאָלירן, אלישבעס „על חוף ים כנרת" איז אַ פיין ליד, אָבער איר קאָנט אויסמעקן דאָס וואָרט „כנרת" און אָנשרייבן אַן אַנדער נאָמען, און גאָרניט וועט פּאַסירן.

אלישבעס דערציילונגען זיינען, בדרך כלל, פיל בעסער און עכטער ווי איר פּאָעזיע. זיי זיינען רייך אין בילדלעכקייט און אין נאַטור־שילדערונגען, און איר זעט, אַז אלישבע באַזיצט אַ פיינע, ראַפינירטע אָבסערוויר־קראַפט. אירע העלדן זיינען ניט קיין געזונטע נאָרמאַלע, נאַטירלעכע מענטשן, נאָר פאַרבענקטע פיגורן. איר העלדין אין דער פּאָעטישער דערציילונג „מלכה לעברים" איז אַ סענטימענטאַל, ראָמאַנטיש־געשטימט מיידל, אַ גייסטיק־צעבראָכענע פון פּאָגראָם־איבערלעבענישן, וועלכע איז ניט איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן און קאָן זיך ניט באַפרייען פון די אונטערבאַוווסטזיניקע יידישע סענטימענטן. דאָס געפיל פון פרעמדקייט פייניקט זי: זי איז ניט קיין רוסישע טאָכטער, און איר יידישקייט איז אַ פּאָגראָם־יידישקייט, די פּאָגראָם־געשפּענסטער פאַרטונקלען איר באַוווסטזיין, זי לעבט אין אַ וועלט

פון קאַשמאַרן, קרענקלעכע וויזיעס און פאַנטאַזיעס; עפּעס ווילט זיך איר ווערן אַ יידישע קעניגין, זי זוכט דעם גייסטיקן שליסל צו איר פאָלק און קאָן אים ניט געפינען, ווייל זי איז ניט איינגעוואָרצלט אין יידישן לעבן און זי קאָן זיך אויך ניט אויסלעבן אין דער רוסישער סביבה.

אלישבעס דערציילונג „נרות של שבת" איז כמעט אַן אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג, און קאָן דינען אַלס שליסל צו דער זייער פּראָבלעמאַטישער פראַגע: וואָס האָט געווירקט אויף אלישבען, אַז זי זאָל איבערגיין צום יידנטום?

איר זעט דער דיכטערינס אַנטציקונג פאַרן יידישן שבת. דער שבת איז פאַר איר דער סימבאָל פון נשמה־הויך און ריינקייט.

אלישבע, די קריסטלעכע טאָכטער, שטייט פאַרגאַפט און פאַרכישופט פאַר דער גרויסקייט פון יידישן שבת. אלישבע איז אויך אַנטציקט פון דער אלול־שטימונג, וואָס הערשט אין יידישע הייזער. אַ באַגער פלאַקערט אין איר האַרץ, אַז איר ליבע צו דעם העברעישן לערער חיים לערנער (שמעון ביכאָווסקי) זאָל זיין אַזוי הויך און ריין ווי דער שבת.

אלישבעס דערציילונגען זענען אָנגעהויכט מיט פאַטעטישקייט און ראָמאַנטישקייט, זיי לײַדן אָבער פון איבערגעטריבענער אַבסטראַקציע — אירע העלדן זיינען ניט קיין רעאַלע פערזענלעכקייטן נאָר ראָמאַנטישע וויזיעס, ניט קיין אַרויסגעוואַקסענע פון אַ באַשטימטער סביבה און ממילא אויך ניט קיין נאַטירלעכע מענטשן.

אלישבע האָט אויך געשריבן קריטישע אָפּהאַנדלונגען, וועלכע אַנטפּלעקן אַ פיינעם, ראַפינירטן קריטישן געשמאַק און גרויס וויסן. איר אַרבעט וועגן אַלעקסאַנדער בלאָק קאָן דינען אַלס מוסטער פון אַ פּאָעטיש־וויסנשאַפטלעכער קריטישער אָפּהאַנדלונג. זי אַנאַליזירט אָביעקטיוו וויסנשאַפטלעך אַלעקסאַנדער בלאָקס שאַפן, זי ווייזט אָן זיין אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, און זיין בייטראָג צו דער רוסישער ליטעראַטור.

דער שרייבער פון די שורות איז אין דער מיינונג, אַז אלישבעס בייטראָג צו אונדזער ליטעראַטור, וואָלט געקאָנט זיין אַ מער ממשותדיקער, ווען זי וואָלט זיך אויסשליסלעך געווידמעט ליטעראַרישער קריטיק.

מלכה חפץ־טוזמאַנס דיכטונג

מלכה חפץ־טוזמאַנס דיכטונג איז איר עצם מהות האַרץ־רייד, וועלכע פאַרוואַנדלען זיך אין געדאַנקלעכקייט, ד.ה. לירישער אויסגוס, וואָס ווערט סובלימירט אין אינטויִטיוון אינטעלעקטואַליזם.

זי רעגט אָן ראשית כל דעם לייענערס עמאָציעס, אָבער בהדרגהדיק ווערן אויך באַווירקט זיינע געדאַנקען.

איר דיכטונג שוועבט ווי אַ „געשוועב פון טויבן" צווישן צוויי הויפּט־אידעען: גאָט־וואָרט און וועלט־באַנעם, וועלכע סימבאָליזירן די צוויי לייט־מאָטיוון פון איר פּאָעטישער יצירה, דער עכט יידישער מאָטיוו, און דער אַלמענטשלעכער, וועלכע סינטעזירן זיך און דערגאַנצן זיך אַזוי ווי אונדזער נבואה, און ס׳איז ניטאָ קיין סתירה צווישן זיי.

מלכה חפץ־טוזמאַן ציט איר הויפּט־יניקה און אינספּיראַציע פון איר נאָענטער פאַמיליע: די פאַרגעטערונג פון אירע עלטערן, בעיקר פון איר פאָטער, אַ פיזישער און גייסטיקער דעמב, ער איז פאַר איר דער סימבאָל פון די סאַמע העכסטע יידישע און אַלמענטשלעכע אידעאַלן.

אין מאָמענטן פון פאַרצווייפלונג און אומעט, וועלכע באַהערשן זי און פאַרטונקלען פאַר איר דאָס ליכט פון דער וועלט, ווען ס׳באַפאַלט זי אַ שרעק־לעכער אימה פאַר דעם מין מענטש, זעט זי אין איר וויזיע די ליכטיקע געשטאַלט פון איר אויסגעטרוימטן פאָטער־אידעאַל, און איר פלוך, וואָס רייסט זיך אַרויס פון איר ברוסט, ווערט פאַרשטומט אויף אירע ליפּן. איר זיפץ אויף דער גייסטיקער ירידה פון מענטש ווערט פאַרוואַנדלט אין „ניט געצוימטער פייער" פון קדושה און אהבת הבריות.

זי זינגט צו איר אויסגעטרוימטן פאָטער־אידעאַל:

דאָרט ווו ס׳איז דיין הויז געווען
וועט מיין היים שוין אייביק בלייבן.

קיין זאַך
וועט דער שימער פון דיין זילבער ניט פאַרמעקן.

דעם פּאָטערס אידעאַלע געשטאַלט ווערט דער לייכטורעם אין איר לעבנסוועג און לאָזט זי ניט זינקען אין אָפּגרונט פון עצבות און פאַרצווייפ־לונג. זי געדענקט זיין שטרענגען געבאָט:

דעם קאָפּ לאָז ניט פאַלן.
אויגן, זאָגסטו,
האָבן אין דער נידער גאָר נישט וואָס צו זוכן.

ממילא, הייבט זי איר בליק צום הימל און זי ווערט צעשטראַלט פון גאָט־וואָרט און וועלט־באַנעם, צוויי געטרייע מלאכים, וואָס באַגלייטן זי אויף איר דערנער־וועג...

אויך איר מאַמע איז, כאָטש אין אַ קלענערער מדרגה, אַן אייביקער קוואַל פון איר אינספּיראַציע: „די ווייכקייט פון איר שמייכל", די מאַמישע גוטס־קייט, און איר געדולד צו דער יינגסטער טאָכטער, די דיכטעריך, די ווילדע יונגע ציג פון דער פאַמיליע, האָבן באַרייכערט און פאַרטיפט דער דיכטערינס מאַמישקייט. וועלכע פאַרוואַנדלט זיך אין אַ סימבאָל פון אייביקער מאַמיש־קייט, וואָס באַזעלט די מענטשהייט, און לאָזט זי ניט זינקען אין איר חיהשער ברוטאַלקייט; זינגט זי טאַקע מיט התלהבות און באַגייסטערונג:

שמייכל, מאַמע, אויס אַ זילב פון אירעטוועגן
שליס אויף די גאַמע
פון דיין געדולדיק וואָרט,
וועט אַ טרייסט איר אויפגיין, מאַמע.

די ווערטער קלינגען כמעט ווי אַ תפילה צום אָנדענק פון דער מאַמע, וואָס שמייכלט נאָך אַלץ צו איר פון דעם גיפסענעם קאָפּ אויפן קאַרניז; אַגב, איז כדאי אָנצודייטן אויף דעם פיינעם וואָרטשפּיל פון דעם פערז: מאַמע, גאַמע, אַ מוזיקאַלישער טערמין. ער דערוועקט אין דעם לייענער

אַן אַסאָציאַציע — דער אָנדענק פון דער מאַמע איז, צום עמפּינדלעכן אויער פון דער דיכטערין, ווי אַ בת־קול פון געטלעכער מוזיק, וואָס צעזינגט זיך אין איר נשמה.

די פאַרגעטערונג אין אידעאַליזאַציע פון אירע עלטערן איז דער שליסל צו מלכה טוזמאַנס פּאָעזיע, דער פאַמיליע־מאָטיוו פאַרצווייגט זיך און איז כולל ניט נאָר אירע עלטערן, נאָך אויך די גאַנצע פאַמיליע און איז אויך דאָס שפּרינגברעט צו איר נאַציאָנאַלער דיכטונג און צו איר אַלמענטשלעכער פּאָעזיע. זי שליסט איין פאָלק און מענטשהייט אין איר פאַמיליע־קרייז; זיי ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון איר „איך״.

זינגט זי אין אַכטן סאָנעט פון איר סאָנעטן־רינג וואָס איז אָנגעהויכט מיט אַ תּפילה צום „באַשאַפער, האַר פון אַלץ וואָס לעבט, וואָקסט און שטייגט״, אַז ער זאָל ניט לאָזן איר „האַרץ צו גרינעם שימער ציען״, און זאָל זי אָפּראַטעווען פון דעם „נעץ וואָס ט׳אָרום מיר אַ שטריק פאַרצויגן״; זי זינגט אין אויסגעטאָקטע גילדענע פערזן, אַ ליבע־געזאַנג צו איר פאַמיליע:

כ׳בין געבאָרן פון אַ דור וואָס האָט געבענקט
פון דור־דורות פריער נאָך צו שכינה־ליכט. — — —
פאַראַן ביי אונדז אַזאַ צעפלאָמטער גלויבן:
איינער אַ געבענטשטער פון מיין גזעס טראַכט
וועט ראוי זיין צו שכינה זיך דערהויבן
און ניט בלינד ווערן ביים אויפדעקן איר פּראַכט.

און אַזוי ווי אין די אַלטע יידישע לעגענדעס קלאָגט די שכינה אויף דעם ביטערן גורל פון יידישן פאָלק, וואָס איז פאַרטריבן געוואָרן פון „טאַטנס טיש״ און איז אַ נע־ונדניק צווישן פעלקער־וועלף, וועלכע ווילן אים פאַר־ציקן, אַזוי קלאָגט אונדזער דיכטערין אויף אונדזער טראַגישן אומקום אין די טרויעריקע היטלער־יאָרן:

מיט זיין רעכטער האַנט האָט גאָט דער האַר
פאַר אונדז געעפנט אומקום־תהומען.

אונדזערע הימלען זיינען פאַרוואָלקנט, און ס׳גיסט זיך אויף אונדזערע קעפּ גאָטס צאָרן, און ער, דער אַלמעכטיקער טאַטע, האָט פאַרהוילן זיינע אויגן פון אונדז, זיך איינגעהילט אין אַ שוואַרצן געדיכטן וואָלקן און ער וואַרפט אונדז ניט צו אַפילו איין ליכטיקן שטראַל פון האָפענונג:

און ניטאָ אין ערגעץ ניט קיין אָנדייט,
אין ערגעץ ניט קיין סימן אויף אַ גואל.

און כאָטש אין די טיפענישן פון איר פאַרוויקלטער נשמה „ברעכט זיך ווי אַ בליץ אַ שבח צו זיין ליבן נאָמען״, רעוואָלטירט זי קעגן אַלמעכטיקן טאַטן, און עס ברויזט אויף אין איר האַרץ הייליקע חוצפה, און זי רופט אויס צו מרים הנביאה:

פאַרגיב מיין מוט...
איך נעם גאָטס צייכן מער ניט אָן
פאַר ווייל און גוט.

און פונקט אַזוי ווי דער באַרדיטשעווער ז״ל האָט בשעתו אויפגעפאָדערט דעם רבונו של עולם צו אַ דין־תורה פאַר זיינע עוולות צום פאָלק ישראל, אַזוי קלאָגט אָן די דיכטערין דעם האַר פון דער וועלט צו זיינע עשרות הדברות:

איך טו אים נאָך פאַרקלאָגן.
איך שטעל זיך קעגן אים און קלאָג אים אָן
צו זיינע צען געבאָט.

ווי עכט יידישלעך און געטריי צו דעם יידישן וועלט־באַנעם און זיין פּאָסטולאַט פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט זיינען די דאָזיקע שורות. אברהם אבינו, ירמיהו, חבקוק און איוב האָבן געהאַט די הייליקע חוצפה צו פאָדערן משפט פון האַר פון דער וועלט, ווען ס׳האָט זיך זיי אויסגעדאַכט, אַז זיין משפט איז ניט קיין גערעכטער.

אין אונדזער פאָלקסטימלעכער לעגענדע קלאָגט זיך משה רבינו פאַר

גאָט אויף זיין ניט־געטרייקייט צו זיין אייגענער תורה. (אתה עושה תורתך פלסתר! דו פאַלסיפיצירסט דיין תורה).

דאָס מאַמישע האַרץ פון דער דיכטערין טריפט מיט בלוט זעענדיק ווי גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין מאַרטירער־פאָלק, און זי פילט, אַז דער מענטש, וואָס איז נאָר געמינערט אַ ביסעלע פון גאָט (ותחסרהו מעט מאלהים), דאַרף האָבן דעם מוט און די הייליקע חוצפה צו רופן דעם בורא עולם צו אַ דין־תורה:

מיין יחוס איז אַ פאָלק מאַרטירער און
איך האָב מיין צלם אלקים.

און פונקט אַזוי טיף און ערנסט, ווי ס׳איז איר ליבע צו אונדזער מאַר־טירער־פאָלק, אַזוי איז אויך טיף איינגעוואָרצלט אין איר באַוווסטזיין איר ליבע צום מין מענטש, כאָטש אַ גרויסער טייל פון אים האָט אָפּגעמעקט אין די טראַגישע יאָרן זיין צלם אלקים, און האָט ניט אויפגעשטורעמט דעם גוססדיקן וועלט־געוויסן מיט דעם כסא הכבוד פאַר דער ברוטאַלער פאַר־ניכטונג פון אַ דריטל פון אונדזער מאַרטירער־פאָלק.

איר מענטשן־ליבע איז אויף אַ האָר ניט פאַרמינערט געוואָרן, און ניט נאָר איז איר פרעמד דער נקמה־געפיל, נאָר זי בלוטיקט פאַר אַלע ליידנדיקע פון אַלע פעלקער. דער צער פון דער וועלט, וואָס שטייט אויפן שוועל פון אונטערגאַנג, הערט זיך מעכטיק אין איר דיכטונג:

פויסט אַנטקעגן פויסט טוט אין אומגליק רויען,
ס׳איז עלנט קעגן עלנט אין בלינדן וואָיען.

דאָס מעכטיקע גאָט־וואָרט הערט זיך פון ציטער פונעם געהייליקטן יידישן אות, וואָס די דיכטערין האָט גערירשנט פון אירע עלטערן, און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין ווערטער־סימבאָלן, אַמאָל טראַגיש־גאַליקע, ווי למשל: בית איז בלוט, חית — חלף און טית — טויט. אָבער די הייליקע ירושה פון איר טאַטן, ווען דעמענס האַרץ איז געווען באַהויכט פון: גאָט, ייד, מענטש, ליכט און פרייהייט, פאַרטרייבט די טרויעריקע ווערטער־סימבאָלן, און אַנשטאָט זיי זעט זי וויזיעס פון באַפליגלטע פייערדיקע דעכער פון הייליקע וואַנדערנ־

דיקע געביידעס, וואָס האָבן אונדז באַגלייט אויף אונדזער מאַרטירער־וועג; פליענדיקע דעכער, וועלכע האָבן באַפליגלט יידישע נשמות אין אַלע דורות און זיי איינגעהילט אין קדושה־מאַנטלען און געשמידט זייער האַרץ און נשמה מיט גאולה־האָפענונגען, געטרייסט און געמוטיקט און טאַקע אויך אויסגעוואָרצלט פון זיי שנאת הבריות און ניט געלאָזט זיי דעגענערירן פון נקמה־דורשט.

דעם טאַטנס ירושה פון באַפליגלטע דעכער איז געווען גוט פאַר אַמאָליקע דורות, אָבער אין איצטיקן דור פון פאַרוויאַנעטע נשמות מיט אויסגעליידיקטע הערצער — ווער וועט באַפליגלען אונדזערע קינדער וואָס לויפן אַוועק פון אונדז און זיי ווערן ניט אינספּירירט פון זייער טאַטנס ירושה? אפשר וועלן פּלאַטאָ, שפּינאָזאַ, העגל און קאַנט אויסשמידן נייע פליגל פאַר די נשמות פון אונדזערע קינדער? ס׳גלייבט זיך קוים! זעענדיק ווי די גרעסטע קללה פון דער תוכחה איז אויסגעגאָסן געוואָרן אויף אונדזער דור: „דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן אַוועקגעגעבן ווערן צו אַן אַנדער פאָלק, און דיינע אויגן וועלן אויסגיין נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג, און דיין האַנט וועט זיין אָן מאַכט״ (דברים כח, 32, יהואשס איבערזעצונג) — זינגט טרויעריק די דיכטערין:

וי פלינק יונגע פיס קענען לויפן!
מיר פאַר דער מידקייט אין זיי.
מיין ברכה פלאָנטערט אין שטויב פון זייערע טריט.
באַשירעם זיי, גאָט, און באַהיט.
מיין ליבע ביי זייער צעפּאַכטן שפּאַן
יאָגט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער פון מיר,
ווײנט מיין אומעטיקע טיר.

און צוזאַמען מיט איר וויינען אַלע פילנדיקע נשמות און פאַרוויטיקטע הערצער, זעענדיק ווי אונדזער יוגנט, אונדזער בלוט און פלייש, לויפט אַוועק פון אונדז.

זוכט מלכה חפץ־טוזמאַן באַדן פאַר אונדזערע אַוועקלויפנדיקע קינדער, אָבער די וויזיע פון די באַפליגלטע דעכער, וואָס זי האָט געירשנט פון איר

טאַטן איז צו טיף פֿאַרוואָרצלט אין איר, און זי פֿילט, אַז באָדן אַליין אָן באַפֿליגלטע דעכער איז ניט קיין רפֿואה.

דער דיכטערינס פֿאַמיליע־קולט האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין אַלמאַמישקייט, וואָס האָט געפֿונען איר שענסטן אויסדרוק אין איר געדיכט: „מאַמעס ביי די באַנען", וואָס איז אָנגעהויכט מיט אַלמאַמישער צערטלעכקייט, צער, און בעיקר מיט ליבע, צו אַלע קינדער פֿון דער וועלט, וואָס די וועלט־קצבים האָבן זיי געשיקט צו דער מלחמה.

איר צער פֿאַר אונדזערע קינדער איז אַזוי טיף און שטאַרק, אַז זי קאָן זיך ניט פֿאַרגינען צו לאַכן. ווי קאָן מען לאַכן, ווען „אַזוי פֿיל צער איז פֿאַראַן אין אַ ברעקעלע זיין?"

ווײ צו מיר!
איך בין אַ דעזערטיר,
איך לאַך אַ מאָל,
איך זינג אַ מאָל.

און זינגען זינגט זי. אַפֿילו ווען זי וויקלט זיך איין אין איר אומעט און צער ווי אַ לעאָנע פֿלאַנץ, ווייל גאָט־וואָרט באַפֿליגלט זי, און כאָטש זי זינגט צו דער ערד:

אין הויך פֿון דיין אָטעם, רחבותדיק, ברוסטיק
גיי איך אויף און
ווער גלוסטיק.

איז איר אידעאַל — באַפֿליגלטע דעכער, וואָס פֿליען צום כּסא הכּבֿוד, העט הויך, הויך איבער די הימלען:

אין פֿליגל מיין דמיון ביז הימל אַריבער, אַריבער.
וועלט־עקן שאַלן,
רופֿן זיך איבער.

מלכּה חפֿץ־טוזמאַנס פּאָעזיע גיבן פֿליגל פֿאַר אונדזער נשמה. זי דער־הייבט אונדז ביז צום הימל, און אפֿשר נאָך העכער.

דערציילער

די אַנטוויקלונג פון דער העברעישער פּראָזע

אין דער ליטעראַרישער וועלט הערשן צוויי באַציונגען צו דער מאָדער־נער העברעישער פּראָזע: אַ נעגאַטיווע און ביטול־באַציונג, וועלכע האַלט, אַז די מאָדערנע העברעישע ליטעראַטור האָט זייער טאַלאַנטפולע און אפשר אויך, גיבן אַ טייל צו, געניאַלע דיכטער, אָבער זי האָט ניט קיין באַדייטנדיקע טאַלאַנטפולע דערציילער; דאַקעגן האַלטן אַנדערע, אַז די מאָדערנע העב־רעישע דערציילער האָבן לעצטנס באַרייכערט אונדזער ליטעראַטור מיט שאַ־פונגען פון זייער אַ גרויסן פאַרנעם, און די העברעישע דערציילונג איז לעצ־טנס געשטיגן צו אַזאַ הויך, אַז זי קאָן און דאַרף שוין פאַרנעמען אַ זייער חשובן און בכבודיקן פּלאַץ אין דער וועלט־ליטעראַטור...

צוויי עקסטרעמע, קעגנזעצלעכע מיינונגען. ווו איז דער אמת?

אונדז דאַכט זיך, אַז ביידע באַהויפּטונגען זיינען שטאַרק איבערגעטריבן און אַנטשפּרעכן ניט דערווירקלעכקייט — די העברעישע דערציילונג האָט אין די פינף און צוואַנציק יאָר, זינט אירע רעפּרעזענטיווע באַשעפער האָבן זיך קאָנצענטרירט אין ארץ־ישראל און זיך פאַראַנקערט אין באָדן, שטאַרק פּראָגרעסירט, זיך פאַרצווייגט און פאַרטיפט, און אַ טייל ווערק, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן אין אויבנדערמאָנטן פּעריאָד, ווען זיי וואָלטן איבערגעזעצט געוואָרן אויף אייראָפּעישע שפּראַכן, וואָלטן זיי פאַרשאַפט כבוד און אַ נאָמען דעם העברעישן דערציילער און דער העברעישער ליטעראַטור.

איידער מיר טרעטן צו אונטערצושטרייכן די אַנטוויקלונג פון דער העברעישער פּראָזע אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר, ווילן מיר געבן אַ קורצן און אַלגעמיינעם איבערבליק איבער די הויפּט־סיבות, וועלכע האָבן געשטערט דעם וווּקס און אויפשטייג פון דער מאָדערנער העברעישער דער־ציילונג פון איר סאַמע געבורט ביזן לעצטן פּעריאָד.

די מאָדערנע העברעישע דערציילונג, וועלכע איז געבוירן געוואָרן אין

גאַליציע און אין ליטע, האָט שטאַרק געליטן פון אַ צווייפאַכער קראַנקייט — אָפּגעריסנקייט פון ממשדיקן לעבן און אידעאַליזאַציע. די אידעאַליזירונג פון אַ ווייטער פאַרגאַנגענהייט, און די שילדערונג פון דער קעגנוואַרט דורך השכלה־שפּאַקולן. אַלס מוסטער קאָן אונדז דינען אברהם מאַפּו, וועלכער האָט אין „אהבת ציון" און אין „אַשמת שמרון" געמאָלן אַ פּראַכטפול אידעאַליזירט בילד פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט, און אין זיין ספר „עיט צבוע" מאָלט ער אונדז אַ שוואַרץ־טרויעריק בילד פון דער קעגנוואַרט. ער האָט געקוקט אויף דעם לעבן דורך די שפּאַקולן פון אַ השכלה־פּרעדיקער, זיינען זיינע העלדן אין „עיט צבוע" גייסטיקע קאַליקעס און פאַרזעעניש, אָבער ניט קיין לעבעדיקע געשטאַלטן.

אין גאַליציע האָט די קראַנקייט זיך פאַרקערפּערט אין אַן אָפּאָזיציע קאַמף קעגן חסידות, וועלכע האָט זיך געוואַלדיק פאַרשפּרייט צווישן די ברייטע פאָלקס־מאַסן, און אין אַ דעפּעסיווע פאַרטיידיקונג פון דער השכלה־אידעאָלאָגיע, אַלס מוסטער קאָנען אונדז דינען — יוסף פּרס, יצחק ארטר און בראַנדשטעטער, וועלכע האָבן אין זייערע ווערק אָפּגעשפּאָסט און אָפּגע־לאַכט פון די שעפער פון חסידיזם און זיי געשילדערט ניט ווי פאָלקס־לערער און פאָלקסווייזער, נאָר ווי אַ באַנדע דעגענערירטע פאַרברעכער און שווינדלער, דאַקעגן יעדער משכיל און נאָכפאָלגער פון דער השכלה־באַוועגונג איז גע־שילדערט געוואָרן ווי די פאַרקערפּערונג פון מענטשלעכער פולקומקייט.

אין אַ ביסל אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד האָט די קראַנקייט פון אָפּגעריסנ־קייט פון משותדיקן לעבן און אידעאַליזאַציע אָנגענומען אַן אַנדער פאָרעם, נעמלעך: דער אָפּאָזיציאָנער, וולגאַרער קאַמף קעגן „שולחן ערוך" און זיינע חומרות און די פאָדערונג פון רעליגיעזע רעפאָרמען (תקונים בדת). אַלס מוסטערן קאָנען אונדז דינען די ווערק פון ראובן אשר ברודס „הדת והחיים" (רעליגיע און לעבן) און „חטאות נעורים" פון מ. ל. לילענבלום, וועלכער האָט אין די שפּעטערדיקע עפּאָכע פון זיין לעבן אַליין ניט צו פיל געהאַלטן פון זיין ווערק.

ביים אָפּשלוס פון השכלה־פּעריאָד, ווען נייע שטורעם־ווינטן האָבן אויפ־געברויזט דאָס יידישע לעבן און אומרחמנותדיק צעשמעטערט די השכלה־געטשקעס, האָט די קראַנקייט זיך מתלבש געווען אין אַ נייעם אידעאָלאָגישן מאַנטעלע: אין פּרעדיקן נאַציאָנאַליזם, אָדער, ריכטיקער געזאָגט — אין וועקן

דאָס נאַציאָנאַלע באַוווסטזייןביים ייד. אַלס מוסטער קאָנען אונדז דינען די ווערק פון דעם סאַמען באַדייטנדיקסטן שריפטשטעלער און נאַציאָנאַלן קעמפער — פרץ סמאָלענסקין. אין זיינע ערשטע ווערק פרעדיקט ער די אידעאַלן פון השכלה, און אין זיינע שפּעטערדיקע ווערק — די אידעאַלן פון אַ פאַרנעפּלטן ניט אויסקריסטאַליזירטן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

דער צד השוה פון אַלע דערמאָנטע פיר פאַזן פון דער השכלה־דערציילונג איז, אַז זי האָט ניט אָפּגעשפּיגלט די יידישע ווירקלעכקייט, ניט קינסטלעריש און ניט רעאַל־ממשותדיק. דער אידעאָלאָגישער הויקער אין די השכלה־שפּאַקולן האָבן אָפּגעהאַקט זייערע אָדלער־פליגלען און פאַרטונקלט זייערע אויגן, און אַפילו די סאַמע פעיקסטע צווישן די השכלה־דערציילער האָבן ניט געשאַפן קיין גרויסע ווערק.

מיט דער פולקומער צעשמעטערונג פון דער השכלה־געטשקע באַפרייט זיך די העברעישע דערציילונג פון אידעאָלאָגישן הויקער און הייבט אָן זיך פאַראַנקערן אין דער ווירקלעכקייט, הייבט אָן אַרויסצוגיין אויף דעם ברייטן לעבנס־וועג; זי הערט אויף פריידיקן און הייבט אָן שילדערן דאָס יידישע לעבן אין זיין ליכט און שאָטן. זי פאַרוואַנדלט זיך שטופּנוויז, פון אַן אידעאָלאָגישער דערציילונג צו אַ קינסטלערישער דערציילונג. אמת, ניט אַזוי לייכט איז פאָרגעקומען דער פאַרוואַנדלונגס־פּראָצעס און פיל מאָל מערקט זיך נאָך דער „ויתרוצצו" צווישן די ביידע עלעמענטן, אַ מאָל איז גובר די אידעאָלאָגיע און אַ מאָל די קונסט, אָבער סוף כל סוף באַזיגט די קונסט די אידעאָלאָגיע.

ווער איז דאָס געווען דער מכשף, וואָס האָט מיט זיין צויבער־פען באַפרייט די העברעישע דערציילונג פון איר אָפּגעריסנקייט פון דער יידישער ווירקלעכקייט? דער זיידע פון אונדזער ליטעראַטור אין ביידע שפּראַכן, אין יידיש און העברעיש, מענדעלע מוכר ספרים, האָט פאַראַנקערט די העברעישע דערציילונג אין יידישער ווירקלעכקייט און זי אַרויסגעפירט אויף דעם רעאַליסטישן שליאַך. אמת, אויך דעם זיידנס רעאַליזם איז אַ קאַפּעטשקע פאַראידעאַליזירט, און דאָ און דאָרט מערקט זיך נאָך „שיריים" פון דער אידעאַליזאַציע־ירושה, אָבער דאָס איז שוין אַ נייער „ויתרוצצו", אַ „ויתרוצצו" צווישן קונסט פון גאָר אַ הויכער מדרגה און פובליציסטיק...

די אייניקלעך פון געניאַלן זיידע, ווי למשל ח. נ. ביאַליק און יוסף חיים

ברענער, האָבן אין זייערע רעאַליסטישע, און אָפטמאָל נאַטוראַליסטישע, דערציילונגען זיך אין גאַנצן באַפרייט פון די קראַנקייטן פון אידעאַליזאַציע, תלישות, טענדענץ, בלינדקייט, און אויסגעטראָטן נייע וועגן פאַר דער אַנט־וויקלונג פון דער העברעישער דערציילונג. ברענערס ווערק „מסביב לנקודה" און ביאַליקס פסיכאָלאָגישע דערציילונג, „ספיח", וועלן פאַרבלייבן קלאַסישע מוסטערן אין דער העברעישער דערציילונג.

ס'האָבן זיך באַוויזן אַ גאַנצע פלעיאַדע פון שרייבער, וועלכע האָבן מיט זייער קינסטלערישן שווונג און מיט זייער אָריגינעלקייט אָנגעזאָגט אַ נייע עפּאָכע פון שעפערישקייט. די העברעישע דערציילונג האָט זיך פאַרצווייגט און אירע פּרעזענטאַטיווע שעפער, ווי: ש. בן־ציון, ג. שאָפמאַן, א. נ. גנעסין האָבן אַריינגעבראַכט דעם פּלאַסטישן עלעמענט אין דער העברעישער דער־ציילונג. זייערע העלדן זיינען ניט מער קיין ליאַלקעס, וואָס טאַנצן צום טאַקט פון דעם אידעאָלאָגישן פייפל, נאָר רעאַלע געשטאַלטן, וועלכע ראַנגלען זיך מיט זיך און מיט דער סביבה, און זייער געראַנגל ווערט פסיכאָלאָגיש צע־גלידערט און געשילדערט.

מ'האָט געקענט דערוואַרטן אַ גרויסן אויפבלי אין דער העברעישער ליטעראַרישער שעפערישקייט מיטן אויפקום פון דעם פאַרצווייגטן נעץ פון העברעישע שולן, פאַרלאַגן, פרעסע, אין די ערשטע יאָרן פון דער רוסישער רעוואָלוציע. דאָס רוסישע יידנטום, באַפרייענדיק זיך פון דעם צאַרישן יאָך, האָט זיך פאַרמאָסטן צו גרויסע טאַטן אויף אַלע געביטן פון נאַציאָנאַלן לעבן און שאַפן, אָבער „אין מזל לישראל". די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט עוקר מן השורש געווען אַלע יונגע העברעישע קולטור־ביימלעך. דאָס הע־ברעישע וואָרט איז געוואָרן קאָנטררעוואָלוציע, און אירע שעפער, וועלכע זיינען ניט אַנטלאָפן פון באָלשעוויסטישן גן־עדן, שמאַכטן נאָך ביז היינט צו טאָג אין אירע טורמעס.

עס איז חרוב געוואָרן דער אַלטער איינגעפונדעוועטער יידישער צענטער אין רוסלאַנד, און ס'האָט אָנגעהויבן, נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, זיך צו אַנטוויקלען דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל. מיטן אויפשטייג פון דער נייער מאָדערנער העברעישער קולטור, באַקומט אויך די העברעישע דער־ציילונג איר תיקון אין דעם אויפגעלעבטן, קעמפענדיקן, שאַפנדיקן ארץ־ישראלדיקן ישוב.

די העברעישע פּראָזע האָט אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר זיך פאַרצווייגט און זיך דערהויבן צו אַ הויכער מדרגה צוליב פאָלגנדיקע סיבות:

א) זי האָט זיך פאַראַנקערט אין אונדזער היים־באָדן; דער העברעיִשער דערציילער האָט אָנגעהויבן צו דערפילן דעם טעם פון אַן אייגענעם הימל איבער זיין קאָפּ און אַן אייגן שטיקל לאַנד אונטער זיינע פיס. אַלטע אַסאָ־ציאַציעס, וועלכע האָבן דור־דורות געדרימלט אין דער פאָלקס־נשמה האָבן זיך אויפגעוועקט אין דעם קינסטלערס קרעאַטיווער פאַנטאַזיע צו אַ נייעם לעבן און באַפרוכפּערט און באַרייכערט זיין שאַפן; די פּראַכט פון די בערג און טאָלן פון יהודה האָט אים געגעבן נייע אָדלער־פליגלען, ער האָט אָנ־געהויבן צו פילן דעם ריח פון באָדן. איר ווערט פאַרכאַפּט פון די פּראַכטפולע נאַטור־שילדערונגען פון א. א. קאַבאַק אין זיין ווערק „במשעול צר" — דאָס איז ניט קיין אוקראַינער אָדער פּוילישער פּייזאַזש, נאָר אַ בילד פון אונדזער גליל, כנרת און ירדן.

ב) דער אימפּעט פון בויען אַ היים פאַרן פאָלק איז געוואָרן אַ מעכטיקער שטויס און אָנרעגונגס־קראַפט פאַרן העברעיִשן דערציילער, וואָס האָט געזען די גרענעצלאָזע מסירות־נפש פון די חלוצים, וועלכע בויען דאָס לאַנד ממש מיט רעליגיעזן עקסטאַז, און באַגגעגענען זיך מיט די סאַמע קלענסטע באַ־דערפענישן. די שעפערישע סביבה פון די חלוצים, זייער אידעאַליזם און אָפּפערווויליקייט, זייער הויכער קולטורעלער ניוואָ, האָבן אים אינספּירירט, באַנייט זיין שאַפונגס־דראַנג און אים אָנגעהויכט מיט קרעאַטיווער ענערגיע.

ג) דאָס שטרעבן פון די חלוצים צו שאַפן אַ נייע מוסטערהאַפטע געזעלשאַפט, געבויט אויף די פּרינציפּן פון די נביאים, וואָס האָט זיך פאַרקערפּערט אין דער גרינדונג פון דער קבוצה, קיבוץ און מושב עובדים, האָט גורם געווען, אַז די העברעיִשע דערציילונג זאָל באַקומען אַ נייעם פּרצוף — אַנשטאָט צו מאָלן דאָס שטעטעלע און אירע איינוווינער, וועלכע האָבן גע־לעבט אַן אַלטפרענקישן לעבנסשטייגער, הייבן אָן די העברעיִשע דערציילער צו שילדערן דעם נייעם לעבנסשטייגער אין דער קבוצה, וואָס איז אָנגעלאָדן מיט סאָציאַלן שווונג און ברויזט מיט שעפערישקייט און מיט ענערגיע; די נייע טעמאַטיק פון דער מאָדערנער העברעיִשער דערציילונג איז עלול צו רעוואָלוציאָניזירן די העברעיִשע ליטעראַטור, זי אַרויספירן אויף אַ גאָר ברייטן שליאַך און פאַר איר עפענען די טויערן פון דער וועלט־ליטעראַטור.

ד) די אויפלעבונג פון דער העברעישער שפּראַך האָט געהאַט אַ קאָלאָ־סאַלן איינפלוס אויף דער מאָדערנער העברעישער דערציילונג — די דער־ציילער האָבן אויפגעהערט צו ציען זייער יניקה נאָר פון תנ״ך, ווי ס'האָבן דאָס געטאָן די דערציילער פון השכלה־פּעריאָד, פון משנה און מדרש, ווי ס'האָבן געטאָן מענדעלע, ביאַליק און אַנדערע, נאָר זיי ציען אויך זייער יניקה דירעקט פון לעבן. די שפּראַך פון די מאָדערנע העברעישע דערציילער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ מאָזאַיק פון תנ״ך, משנה און מדרש, זי איז געוואָרן אַ לעבעדיקע אָרגאַנישע שפּראַך, וועלכע ציט איר יניקה פון באָדן אין לעבן, זי איז דעריבער געוואָרן זאַפטיק, צאַרט, איינפאַך און מאָלעריש, און האָט פיל בייגעטראָגן צום אויפשטייג און אויפבלי פון דער העברעישער דערציילונג.

דער אויפשטייג פון דער העברעישער דערציילונג אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר דריקט זיך אויס אין צוויי פלאַכן — אין צורה און אין מהות.

אין צורה — די טעמאַטיק, ווי שוין געזאָגט, האָט זיך פאַרצווייגט און באַנייט. די דערציילונג, וואָס שילדערט דאָס נייע לעבן אין ארץ־ישראל אין אַלע אירע פאַזן, פאַרנעמט איצטער דעם פּראָמינענטסטן פּלאַץ אין דער מאָדערנער העברעישער דערציילונג.

יוסף חיים ברענער האָט זי אַרויסגעפירט אויף דעם ברייטן שליאַך און זיין איינפלוס מערקט זיך ביז צום היינטיקן טאָג; ברענער דער רעאַליסט און פּסיכאָלאָג האָט אין זיינע ווערק געגעבן אַ טויטקלאַפּ דעם זיסן לאַקריץ־טאָן, וועלכער האָט געהערשט ביז אים. ברענער דער סאָציאַלער דערציילער, האָט אין אָנפאַנג געהאַט זייער ווייניק נאָכפאָלגער, ווייל משה סמילאַנסקי, דער אידעאַליסטישער דערציילער, האָט דעמאָלט געקעניגט אין די ארץ־ישראלדיקע ליטעראַרישע קרייזן, אָבער אין פאַרלויף פון דער צייט וואַקסט ברענערס איינפלוס אויף די ארץ־ישראלדיקע דערציילער און ווערט דער דאָמינירנדיקער פאַקטאָר אין דער באַנייונג פון דער ארץ־ישראלדיקער דערציילונג.

א. א. קאַבאַק האָט אין זיינע דערציילונגען זיך באַמיט צו באַשאַפן אַ סינטעז פון די אויבנדערמאָנטע צוויי שטרעמונגען, אָבער, ליידער, אָן דער־פאָלג, און זיין ראָמאַן „בין ים ובין מדבר״, טראָץ זיין גרויסן פאַרנעם, איז ניט קיין גרויס ווערק; ער האָט אָבער אַריינגעבראַכט דעם פּראָבלעמען־טאָן

אין דער ארץ־ישראל דערציילונג. נאָך דעם ווי איר האָט איבערגעלייענט זיין ראָמאַן, קאָנט איר זיך ניט באַפרייען פון דעם געדאַנק: ווי אַזוי וועט דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל זיך פאַרפונדעווען און פאַרפעסטיקן צווישן דעם ים פון קאַטאַליציזם פון איין זייט, און דעם מדבר פון דער מוסלמענישער וועלט פון דער צווייטער זייט?

א. א. קאַבאַק האָט אין זיין „במשעול צר", וווּ ער שילדערט די אַנטשטייונג פון קריסטנטום, זיך זייער דערהויבן. זיינע פּייזאַזשן פון גליל זיינען מאָלעריש און זיינע העלדן זיינען ווי אויסגעטאָקט פון מירמלשטיין; ער באַלעבט מיט זיין קינסטלערישער פען אַ דראַמאַטישע עפּאָכע פון אונדזער געשיכטע.

א. א. קאַבאַק, דער היסטאָרישער ראָמאַניסט, האָט אין זיין טריאָלאָגיע „שלמה מולכו" געמאָלן אַ גאַנצע גאַלעריע פון היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן, ווי למשל: ר' יוסף קאָרו, דער אלשיך, שלמה מולכו און פיל אַנדערע, וועלכע קאָנצענטרירן זיך אַרום דעם אר"י הקדוש און שאַפן דעם קבלה־צענטער אין צפת. אויך דאָס ווערק איז אַ פּראָדוקט פון דעם קינסטלערס באַהעפטן זיך מיטן הימלאַנד־באָדן. דער גייסט פון ארץ־ישראל ברויזט אין זיינע ווערק. אַ שאָד, וואָס קאַבאַק איז פרעמד דעם יידישן לעזער, און נאָך מער איז גרויס דער צער פאַר וואָס ער איז אַזוי אומבאַוווּסט אין דער וועלט.

אַביגדור המאירי, אין זיין ווערק „תנובה", מאָלט אונדז אַ פּראַכטפול בילד פונעם לעבן פון דער קבוצה און א. שמאלי שילדערט אונדז דאָס לעבן פון מושב עובדים אין זיין ווערק „אנשי בראשית". אַ גרויסער שאָד וואָס בײדע דערציילער האָבן זיך ניט באַפרייט פון משה סמילאַנסקיס איינפלוס — צו אידעאַליזירן דאָס ארץ־ישראלדיקע לעבן; זייערע ווערק זיינען דעריבער ניט קיין רעאַליסטישע שילדערונגען פון דער קבוצה און מושב עובדים. דאַקעגן זיינען די דערציילונגען פון דעם יונגען טאַלאַנטפולן דערציילער עבר הדני רעאַליסטישע, און עס פילט זיך אין זיי דער אימפּעט און איינפלוס פון די בויער, די חלוצים, מיט זייערע פריידן און ליידן; זיינע שילדערונגען, הן פון מענטשן און הן פון דער נאַטור, זיינען ווי אויסגעהאַקט פון די פעלזנשטיינער.

משה סמילאַנסקיס דערציילונגען האָבן, ווי געזאָגט, אויסגעיִבט אַ שלעכטן איינפלוס אויף די יונגע ארץ־ישראלדיקע דערציילער, דאַקעגן זיינע

דערציילונגען פון אַראַבישן לעבנס־שטייגער האָבן געהאַט אַ דערפרישנדיקן איינפלוס אויף דער העברעישער דערציילונג און אירע שאַפער — ער איז געווען דער ערשטער צו מאָלן דעם מזרח־מענטש און צו עפענען אַ שפּאַ־רינקע אין זיין נשמה.

זיין נאָכפאָלגער בורלאַ, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים, און האָט געלעבט אויך אַ שטיקל צייט אין דמשק, האָט אויסגעברייטערט און פאַרטיפט דעם אָריענטאַלישן זשאַנר: ער ווייזט אונדז אין זיינע דערציי־לונגען דעם אָריענטאַל בכלל און דעם אָריענטאַלן ייד בפרט. זיין קאַנווע איז אַ ברייטע, זיינע קאָלירן זיינען עכטע. בורלאַס ווערק „נפתולי אדם" און „עלילות עקביה" אַנטפּלעקן פאַרן לעזער נייע יידישע שבטים אין זייער פּראַכט און טראַכט און אויך אין זייער אָריענטאַלער גייסטיקער קורצזיכ־טיקייט.

די העברעישע דערציילער, וועלכע לעבן און שאַפן אין ארץ־ישראל, האָבן אויך ניט פאַרגעסן דעם ייד אין דער דיאַספּאָרע און פיל פון זיי האָבן געשאַפן באַדייטנדיקע ווערק, וועלכע שפּיגלען אָפּ דאָס יידישע לעבן פון זייער אַמאָליקער היים. בעיקר האָבן זיך אויסגעצייכנט אויף דעם געביט די גאַליציאַנער דערציילער שמואל יוסף עגנון, אשר באַראַש און דוב שטאָק. עגנונס „הכנסת כלה" איז אַן עפּאָפּעע פון גאַליציאַנער חסידישן לעבנס־שטייגער און אשר באַראַשס ווערק „תמונות מבית מבשל השכר" און „אהבה זרה" זיינען פּראַכטפולע קונסטווערק. דוב שטאָקס „ממחוז הילדות" שפּרודלט מיט הומאָר און פשטות. אויב איר ווילט קריגן אַ באַגריף וועגן דעם אויפ־שטייג פון דער העברעישער פּראָזע אין די לעצטע יאָרן, זאָלט איר קאָנצענ־טרירן אייער בליק אויף גאַליציע, וועלכע איז געווען אַ פּרוכטלאָזער באָדן כמעט ביז דער לעצטער צייט, און באַוווּנדערט דעם וווּקס פון די העברעישע דערציילער פון גאַליציע, וועלכע שאַפן זייערע ווערק אין ארץ־ישראל.

אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר האָט זיך באַוויזן אויף דעם העברעישן שרייבער־האָריזאָנט די פרוי, וועלכע האָט אַריינגעבראַכט דעם צאַרטן לירישן טאָן אין דער העברעישער דערציילונג. די סאַמע באַדייטנ־דיקסטע פון זיי איז דבורה באַראָן, וועלכע האָט אין אירע דערציילונגען פון ליטע, איר געבוירן־לאַנד, און פון ארץ־ישראל, איר היימלאַנד, געגעבן מוסטערן פון אַ סינטעז פון פּלאַסטישע און לירישע דערציילונגען.

לויט איר אינערלעכן מהות האָט זיך די העברעישע דערציילונג אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר שטאַרק פאַרצווייגט און נעמט אַרום פאָל־גענדיקע פאַזן: די סאָציאַלע דערציילונג, וואָס שפּיגלט אָפּ דעם קאַמף צווישן די קלאַסן, פּאַרטייען און שיכטן פון יידישן פאָלק, הן אין גלות, הן אין ארץ־ישראל; די פּסיכאָלאָגישע דערציילונג, ווו עס מערקט זיך שטאַרק דער פּראָווידיאַנישער איינפלוס; די נאַטור־דערציילונג, אָדער ריכטיקער געזאָגט די דערציילונג, וואָס שילדערט דאָס לעבן פון די קולטיווירטע חיות און בהמות און די קאָלאָסאַלע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער פּסיכיק צו דער חיה און בהמה צוליב דעם פאַראַנקערן זיך אין היים־באָדן; די מיסטישע־חסידישע דערציילונג, וואָס ציט איר יניקה פון דער קדושה און פּסיכישער נאַציאָנאַלער גלאָריפיקאַציע פון ארץ־ישראל און איז אין איר עצם מהות אַנדערש פון די מיסטיש־חסידישע גלות־דערציילונגען; די מאַסן־דערציילונג, וואָס שילדערט אונדז ניט די „פּניס" פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל נאָר די עכטע „עמכניקעס".

עס איז אוממעגלעך אין אַ קורצן אַרטיקל אַרויסצוברענגען די אַלע הויפּטשטריכן און סימנים פון דער העברעישער פּראָזע אין די לעצטע פינף און צוואַנציק יאָר. נאָך שווערער איז, צוליב קורצקייט אין פּלאַץ, צו אילוס־טרירן די הויפּט־טעזיסן, וועלכע דער שרייבער פון דעם אַרטיקל האָט גע־וואָלט אַרויסברענגען. אָבער מיר גלייבן, אַז טראָץ דער גענעראַליזאַציע פון אונדזער אָפּהאַנדלונג, וועט דאָך דער לעזער באַקומען אַ שטיקל באַגריף וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער העברעישער פּראָזע. לאָמיר האָפן, אַז זי וועט גיין באַרג־אַרויף און טאַקע שטייגן צו דער הייך, ווו די דערשיינונג פון דערציילער־גאונים וועט ניט זיין קיין איבערראַשונג.

יוסף חיים ברענער

(צו זיין צוואַנציקסטן יאָרצייט)

יוסף חיים ברענער, דער באַוווּסטער העברעישער דערציילער, פּובלי־ציסט און קריטיקער, איז געווען אַ זייער קאָמפּליצירטע פּערזענלעכקייט. ער איז געווען אַן „איש האמת״ אין דעם שענסטן זין פון דעם וואָרט; זיין קורץ טראַגיש לעבן איז געווען אַ לאַנגע קייט פון קאַמפן פאַר דעם זיג פון אמת. ברענער האָט ניט באַהאַלטן דעם אמת אַפילו ווען ער האָט געוווּסט, אַז זיין אַנטפּלעקונג פון אמת וועט אים פאַרשאַפן שונאים און פאַרלוימדער, און אפשר אויך שאַדן ברענגען דער אינסטיטוציע, וועלכער ער איז געווען איבערגעגעבן בלב ונפש.

ס׳וואָלט זיך זייער ניט געוואָלט דערמאַנען דאָ דעם טרויעריקן אינצי־דענט, וועלכער האָט אין זיין צייט אויפגעברויזט אונדזער געזעלשאַפטלעכע מיינונג און האָט גורם געווען, אַז דער אָדעסער קאָמיטעט פון די „חובבי ציון״ זאָל אָפּשטעלן די שטיצע, וואָס ער האָט געגעבן צום „הפועל הצעיר״, פאַר ברענערס אומגעלומפּערטע פּראָזע, „אַז ער האָט זיך באַפרייט פון דעם היפּנאָז פון תנ״ך״.

ברענער האָט שרעקלעך געליטן פון די פאַרלוימדונגען און פון די באַ־שולדיקונגען, וועלכע זיינע שונאים און קעגנער האָבן דאַן פאַרעפנטלעכט טאָג־איין, טאָג־אויס אין דער פּרעסע אויף זיין חשבון, און אויף דעם חשבון פון דעם „הפועל הצעיר״ און פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. ער האָט מוטיק צוריקגעשלידערט אַלע באַשולדיקונגען און פאַרטיידיקט דעם פּרינציפּ פון פרייהייט פון געדאַנק און פון פרייהייט פון דער פּרעסע, און איז עקשנותדיק באַשטאַנען אויף דעם פּרינציפּ, אַז דער יחיד האָט אַ רעכט צו זיין אינדיווידועלן אמת, אַפילו ווען ער באַליידיקט דערמיט די הייליקסטע געפילן פון ציבור.

ברענער האָט געהאַסט האַלבקייט, פּשרות און קאָמפּראָמיסן; דער פּריב־

ציפּ פון „יקב הדין את ההר״ איז אים געווען טייער און הייליק: דער אידעאַל דאַרף זיין דער לייכט־טורעם פון לעבן, און מ׳דאַרף בשום אופן ניט איינ־שפּאַנען דעם אידעאַל צום רייטוואָגן פון לעבן.

ברענערס לעבנס־געשיכטע, וועלכע איז רייך און פאַרשיידנפאַרביק, איז די בעסטע אילוסטראַציע צו דעם אויבנדערמאָנטן פּונקט.

און אַ דריטע אייגנשאַפט האָט ער באַזעסן: אומענדלעכע איבערגעבענ־קייט צום אידעאַל פון גערעכטיקייט. זיין קורצע חברשאַפט מיטן „בונד״ איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַן אינערלעכן נשמה־דראַנג צו קעמפן פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון דעם אידעאַל פון גערעכטיקייט אין לעבן.

ברענער האָט אויך פאַרמאָגט די הויפּט־אייגנשאַפט פון אַ הייליקן: דאָס אייביקע און אומאויפהערלעכע שטרעבן צו שלימות הנפש — נשמה־פּער־פעקציע; און דערפון נעמט זיך זיין דראַנג צו האַרמאָניזירן זיינע אידעאַלן מיט זיין טאָג־טעגלעכן לעבן; אויב אַרבעט איז אַן אידעאַל, וועלכער דאַרף און מוז רעוואָלוציאָניזירן דאָס יידישע לעבן, פּרעדיקט אים ניט ברענער פאַר אַנדערע, נאָר ער, דער געוועזענער ישיבה־בחור, דער אינטעליגענט, ווערט אַ זעצער, און איז בפועל ממש מקיים דעם פּסוק: „בזעת אפיך תאכל לחם״. (מיט דעם שוויס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט).

אויב ציוניזם איז אַן אידעאַל, וועלכער שטרעבט צו היילן די פאַר־קריפּלטקייט פון דער יידישער־גלות־פּסיכיק און ווידער פאַראייניקן דאָס פאָלק מיט זיין היימלאַנד, פּרעדיקט אים ניט ברענער פאַר אַנדערע, נאָר ער באַזעצט זיך טאַקע אין ארץ־ישראל און העלפט בפועל ממש אין דער אויפבוי־אַרבעט פון אונדזער היים.

ברענער האָט אויך געהאַט די אייגנשאַפט פון דעם נזיר: התבטלות היש — זעלבסט־נעגאַציע. זיינע פאָדערונגען פון לעבן זיינען געווען די מינימאַלסטע, אַ שטיקל טרוקן ברויט און אַ גלאָז וואַסער; ער איז געווען דער אמתער מסתפּק במועט, דער גלגול פון אַ רבי חנינא בן דוסא, וועלכער האָט זיך באַגנוגנט מיט אַ מעסטל באָקסער פון ערב שבת ביז ערב שבת.

ס׳איז דערפאַר גאַנץ נאַטירלעך, אַז ברענער, וועלכער האָט אַזוי וויניק געפאָדערט פון לעבן, האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צום לעבן. יוסף חיים ברענער האָט אין די יוגנט־יאָרן דערזען דעם תהום פון מענטשלעכע ליידן. די וויזיע פון דעם עמק עכור (דער טאָל פון שמוץ) האָט זיך טיף אַריינגע־

קריצט אין זיין פּסיכיק און האָט אים באַגלייט אין אַלע זיינע גייסטיקע און פיזישע וואַנדערונגען און בלאָנדזשענישן. זי האָט פאַרסמט זיין בלוט און צעשרויפט זיינע נערוועז און אים באַגזלט פון די סאַמע וויכטיקסטע אייגנשאַפט, וועלכע איז די טרייב־קראַפט פון יעדן גרויסן קינסטלער: צו סובלימירן זיינע סוביעקטיווע זעונגען און איבערלעבענישן אין אָביעקטיווע קונסטשאַפונגען.

ברענער דער קינסטלער איז געוואָרן שטרענג קאָנטראָלירט און סובאָרדינירט פון ברענערן דעם מענטש. ברענער האָט ניט געהאַלטן פון „קונסט פאַר קונסט". יעדער צווייג פון קונסט האָט זיין באַרעכטיקונג־עקזיסטענץ נאָר דעמאָלט, ווען ער שפּאַנט זיך איין אין דעם רייטוואָגן פון לעבן און שלעפּט אים, אָדער באַמיט זיך, לכל־הפחות, אים אַרויסצושלעפּן פון דער געמויזעכץ, אין וועלכן ער זינקט.

יעדער צווייג פון קונסט דאַרף באַקליידן דעם יחיד און דעם ציבור מיט מאַגנעטישע שפּאַקולן, וועלכע זיינע ביכולת צו עפענען זייערע אויגן און זיי ווייזן בחוש דעם אומענדלעכן תהום פון מענטשלעכע ליידן; יעדער צווייג פון קונסט דאַרף באַקליידן דעם יחיד און דעם ציבור מיט צוקונפט־פליגלען און אים באַהויכן און באַזעלן מיט אַ פאַרלאַנג צו קעמפן פאַר אַ שענערער און בעסערער צוקונפט פאַר דעם יחיד און דעם ציבור.

ס'איז דערפאַר גאַנץ נאַטירלעך, אַז אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן האָט ברענער שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט די פאָרעם פון זיינע שאַפונגען און האָט קאָנצענטרירט זיי גאַנצע שאַפונגס־ענערגיע אַרום דעם אינהאַלט: ער האָט ניט געהאַט קיין אויג פאַר דער שיינקייט פון זיינע העלדן, וועלכע ער האָט פּרובירט צו מאָלן.

אין יענעם פּעריאָד האָבן אים בעיקר אינטערעסירט די ליידן פון דעם יחיד, און נאָך שטאַרקער — דער תהום פון מענטשלעכע ליידן בכלל.

זיין פאַנטאַזיע איז איבערגעפילט געוועזן מיט וויזיעס פון דלות, פאַרשקלאַפונג, עקספּלואַטאַציע, הונגער, פּיין, באַדנלאָזיקייט, לופט־פּרנסות, רדיפות און דערנידערונגען, און ער קאָן זיך ניט באַפרייען פון זיי; ער קאָן אויך זיך ניט דערהויבן צו אָביעקטיווער הויכקייט און קינסטלערישער רויִקייט, וועלכע איז אַזוי וויכטיק פאַר דער שלימות פון שאַפונגס־פּראָצעס.

ער זעט פאַר זיך אַ טאָל פול מיט שמוץ, פּיין און ליידן און אין אים

ראַנגלען זיך, אָדער ריכטיקער געזאָגט, פּלאָנטערן זיך און פאַרפּלאָנטערן זיך מאָדנע ברואים־מענטשן, וועלכע האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן ניט נאָר דעם צלם האלקים, נאָר אויך דעם צלם האדם; און די מאָדנע ברואים זיינען זיינע ברידער און שוועסטער, און קיין רעטונג איז ניטאָ.

אַ גרויל פון יאוש איבערפילט איך, לייענענדיק די בילדער און סצענעס פון טאָל, וועלכע ברענער מאָלט פאַר אייך אויף אַן אימפּרעסיאָניסטישן אופן; עס יאָגן אייך גרויל־געשפּענסטער אויף דער וואָך און אין שלאָף, און איר קאָנט זיך ניט באַפרייען פון זיי.

און אין דעם זעלבן טאָל פון שמוץ, ווו עס פּרוכפּערן זיך אַזעלכע גייס־טיקע און פיזישע קאַליקעס, ווי, למשל, דאָס מענטשעלע הנדיל, אַזעלכע מיאוסע פאַרגרעבטע, כאַמסקע פאַרשווינען, ווי דער בעל גוף סיגענדין, שיינען אַרויס מענטשן־געשטאַלטן, ווי אברהמל דער שמש אין זיין דערציילונג „מן הזוית”, וועלכע וועקן אין אייך דעם גרעסטן רעספּעקט צו דעם מענטש אין טאָל, און אַ פאַרלאַנג — אויסצולופטערן דעם טאָל פון שמוץ און פון אַלע שלעכטע ריחות.

ווער דאַרף טאָן די אַרבעט פון רייניקן און ווער איז מסוגל זי צו טאָן?

אפשר דער מענטש פון טאָל? ניין! ער איז ניט מסוגל דאָס צו טאָן, ווייל מיר ווייסן, אַז „אין חבוש מתיר עצמו מבית האסורים” (דער געפאַנ־גענער קאָן זיך אַליין ניט באַפרייען פון געפענגענשאַפט). ווער־זשע דען מוז די אַרבעט טאָן? דער יידישער אינטעליגענט! ער וואָלט געדאַרפט אויף זיך נעמען די הייליקע אַרבעט צו באַפרייען דעם מענטש פון טאָל.

איז אָבער דער יידישער אינטעליגענט מסוגל געווען אין יענער צייט צו דער הייליקער און וויכטיקער מיסיע?

לייענענדיק ברענערס ווערק „בחרף” און „מסביב לנקודה” מוזט איר קומען צו אַ טרויעריקן באַשלוס, אַז דער רופא איז געווען מער מסוכנדיק קראַנק ווי דער חולה: דער יידישער אינטעליגענט, וועלכער האָט געדאַרפט אויפהייבן דעם מענטש פון טאָל און אים אַרויסשלעפּן פון דעם געמויזעכץ, איז געווען אַ צעבראָכענע כלי, אויפגעפרעסן פון ספקות, דערווייטערט און אָפּגעפרעמדט פון זיינע ברידער, וועלכע ראַנגלען זיך אין טאָל. זיי, די אינטעליגענטן אונדזערע, הענגען אין דער לופט אָן אַ ברעקעלע אָנהאַלט, און דער כביכולדיקער דערלייזער פון די מאַסן איז אַזוי הילפלאָז און אַזוי

אומבאַהאָלפן, אַז ווי איז דערפאַר צו דעם דערלייזער און די דערלייזטע. זיי זינקען ביידע אין תהום פון פאַרצווייפלונג.

ברענערס רעאַליסטישע דערציילונגען פון דעם אַמאָליקן יידיש־רוסישן „עמק הבכא״ עקבערן אייך דעם מוח, פאַרסמען אייער בלוט און איבערפילן אייער נשמה מיט אַנטוישונג, הילפלאָזיקייט און פאַרצווייפלונג. אמת, דאָ און דאָרט ציט זיך פאַר אייך אַ ליכטיקער שטראַל אין געשטאַלט פון אַן אַבראַמ־זאָן פון „מסביב לנקודה״, וועלכער זוכט פאַר זיין פאָלק אַ ישועה אין ציוניזם, ניט אין דעם גראָשנדיקן ציוניזם, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער פושקע און ענדיקט זיך מיט איר, נאָר אין אַ ציוניזם פון שווונג און פאַרנעם, וועל־כער שטרעבט צו אמתער גאולת הגוף והנפש... אָבער אויך ער, אַבראַמזאָן, איז אַ פאַרסמטער אינטעליגענט, פאַרסמט פון ספקות, וועלט־שמערץ און פוסטע חקירות, און דערפאַר — ניט מסוגל צו זעלבסט־דערלייזונג, און על אחת כמה וכמה ניט ביכולת צו טאָן עפּעס ממשותדיקעס פאַר זיינע ברידער אין טאָל.

וואָס־זשע בלייבט פאָרט צו טאָן? לויפן! לויפן אָן אַ פּלאַן, אָן אַ צוועק, ווו די אויגן טראָגן! און עס לויפן די קליינע מענטשעלעך פון טאָל, עס לויפט דער אינטעליגענט, און דער שרייבער יוסף חיים ברענער באַגלייט זיי אויף זיין וועג.

און ברענער מאָלט אייך בילדער פון יידישער וואַנדערונג איינס טרויע־ריקער פון צווייטן; ער וויקלט פאַר אייך אויף די גאַנצע טראַגעדיע פון יידישע וואַנדערונגען, וועלכע פאַרגליווערט דאָס בלוט אין אייערע אָדערן: איר זעט ווי די קינדער פון טאָל ווערן פאַרוואַנדלט אין קנוילן נערוון, אין פסיכאָפּאַטן, און ווילדע מענטשן־חיות לויערן צו כאַפּן זיי אין זייערע מוטנע נעצן. לייענט איר זיין „עצבים״, „מעבר לגבולין״ ווערט אייך קאַלע־מוטנע אויף דער נשמה.

אַ טייל פון די לויפער דערלויפן צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל. אַ קליינע גרופּע פון זיי, די חלוצים פון דער צווייטער עליה, קומען קיין ארץ־ישראל מיט דעם פולן באַוווסטזיין, אַז דאָ איז די לעצטע סטאַנציע, אַז קיין אַנדער אויסוועג איז ניטאָ. אין זייער האַרץ פלאַקערט אַ הייליק פייערל פון זעלבסט־דערלייזונג און זעלבסט־איבערבוי, בכדי צו ווערן אַ מוסטער פאַר די קינדער פון טאָל. ברענער איז מיטגעריסן געוואָרן פון קליינעם, לויטערן און מעכטיקן שטראָם פון דער צווייטער עליה.

ער פּרובירט אין ארץ־ישראל צו פאַרוואַנדלען די פען אין אַן אַקעראייזן, אָבער דאָס איז ניט געווען פאַר זיינע שוואַכע כוחות; ער בעט זיך איבער מיט דער פען, און ווערט אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט די צענטראַלע פיגור פון דער קליינער פּראָגרעסיווער גרופּע העברעיִשע שריפטשטעלער אין לאַנד און אויך דער פאַקל־טרעגער פון דער קליינער אידעאַליסטישער חלוצים־גרופּע פון דער צווייטער עליה.

די איניקע יאָרן, וואָס ברענער האָט געלעבט און געשאַפן אין ארץ־ישראל, זיינען געווען די פּראָדוקטיווסטע יאָרן פון זיין לעבן. מיט ברענערס אָנקומען קיין ארץ־ישראל עפנט זיך אַ נייער בלאַט אין דער געשיכטע פון דער ארץ־ישראלדיקער דערציילונג. עס איז אָפּגעווישט געוואָרן, אַ דאַנק ברענערס ארץ־ישראלדיקע שאַפונגען, דער לאַקרעץ־טאָן פון דער ארץ־ישראלדיקער דערציילער, מ׳האָט אויפגעהערט צו אידעאַליזירן און צו פאַרגעטערן די „בויער״, וועלכע האָבן מיט אַראַבישע ביליקע אַרבעטס־הענט „געבויט״ ארץ־ישראל. מ׳האָט אויפגעהערט צו טראָמפּייטערן וועגן יעדער ציג, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ קאָלאָניע, מ׳האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם לעבן מיט אַ קלאָרן בליק. און אַזוי איז, צו מזל, געבוירן געוואָרן די רעאַליסטישע ארץ־ישראלדיקע דערציילונג.

ברענערס דערציילונגען: „בין מים למים״, „שכול וכשלון״, זיינען די ערשטע שפּראָצונגען פון אַ פיל־פאַרצווייגטן בוים, וועלכער טראָגט דעם נאָמען די ישראלדיקע רעאַליסטישע נאָוועלע. ברענער וויקלט דאָ פאַר אייך אויף אַ פאַרשיידנפאַרביקע פּאַנאָראַמע פון דעם דעמאָלטיקן ארץ־ישראלדיקן לעבן; ער מאָלט פאַר אייך אַ גאַלעריע טיפּן פון טאָל אין זייער נייעם גלגול. איר זעט, צו אייער גרעסטן באַדויערן, ווי דער גלות מיט אַלע זיינע נעגאַטיווע שטריכן האָט זיך אַריבערגעפּעקלט קיין ארץ־ישראל, און ער שאַלטעוועט אויך דאָ מעשה בעל־הבית און גראָבט אונטער דאָס יונגע ביימעלע; איר זעט אָבער אויך, ווי איבער דעם געמויזעכץ פון גלות וואַקסט און צעבליט זיך דאָס צאַרטע, פרישע בלימעלע: דאָס אַרבעטנדיקע ארץ־ישראל.

איר ווערט פאַרכאַפּט פון דער סימבאָלישער געשטאַלט ירושלמי, וועלכער רייסט פון זיך לעבעדיקע שטיקער, ווייל ער גלייבט, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן — ניטאָ קיין רפואה צו אונדזער נאַציאָנאַלער דעגענעראַציע. און איר ווערט באַצויבערט פון דער העראָישער אימפּאָזאַנטער פיגור פון אריה

לפּידות (לייען: א. ד. גאָרדאָן) וואָס שטראַלט מיט גלויבן, אידעאַליזם און מסירות נפש און איז די שענסטע, פּאָזיטיווסטע געשטאַלט אין אונדזער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור.

ברענער דער קינסטלער האָט געשאַפן רעאַליסטישע געשטאַלטן און טיפן, וועלכע וועלן אייביק לעבן; ברענער דער פּובליציסט האָט געהאָלפן פאָרמירן דאָס נייע לעבן אין ארץ־ישראל. ער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון דעם קאָלעקטיוון געוויסן און מאָראַל פון דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. ער האָט אינספּירירט די חלוצים צו לעבן אַ לעבן פון קרבנות־גרייטקייט און זעלבסט־נעגאַציע, ער האָט געוועקט אין זיי דאָס שטרעבן צו שלימות־הנפש. ער האָט זיי געלערנט קעמפן פאַר אמת און גערעכטיקייט און האַסן פּשרות און קאָמפּראָמיסן. איז ניט קיין וווּנדער, אַז ווען די גרויזאַמע האַק פון דעם אַראַבישן מערדער האָט אין די אומרוען פון תרפ״א אָפּגעהאַקט ברענערס קאָפּ, האָט דער ישוב געפילט, אַז דער קאָלעקטיווער קאָפּ פון ישוב איז געפאַלן. מיט ברענערס טויט איז פאַרשווונדן אַ שיינע מאָראַלישע פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט אויסגעיִבט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס אויף דעם יונגען יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און האָט מעכטיק באַווירקט אונדזער ליטעראַטור און זי אַרויסגעפירט אויף אַ ברייטן וועג.

„אהבה זרה" פון אַשר באַראַש

דער ראָמאַן „אהבה זרה" פון דעם באַוווּסטן און טאַלאַנטפולן העברעישן דערציילער און ראָמאַניסט אַשר באַראַש, איז אַ רעאַליסטיש בילד וועגן אַ מעכטיקער נשמה־איבערלעבונג פון אַ יחיד, געשילדערט מיט אַן עפּישער רויִקייט, וואָס נאָר קינסטלער פון הויכער קולטור זיינען מסוגל דערצו.

אַשר באַראַש באַזיצט די פעיקייט, אַריינצודרינגען אין דער נשמה פון זיינע העלדן, צו אַנטפּלעקן זייערע קאָנפליקטן, נשמה־ריסן, געראַנגלען, אויפטרייסלונגען און איבערלעבענישן; ער ווערט ניט מיטגעריסן פון זיי, און דעריבער ווערט די קינסטלערישע דיסטאַנץ אָפּגעהיט אין איר גאַנצקייט און ריינקייט.

די טעמע פון דעם ראָמאַן איז ניט קיין שפּאָגל־נייע, דאָך ווערט דער ראָמאַן געלייענט מיט גרויס אינטערעס, ווייל די אַקציע איז אָרגאַניש איינהייטלעך, און איר אַנטוויקלונג — פּסיכאָלאָגיש אמתדיק און נאַטירלעך.

דער ראָמאַן איז, ווי געזאָגט, אין זיין עצם מהות אַן אָפּשפּיגלונג פון אינערלעכע נשמה־קאָנפליקטן פונעם יחיד, וועלכער געפינט זיך אין צענטער פון דער האַנדלונג, דורכגעפלאָכטן מיט שילדערונגען פון ציבור; דער יחיד און דער ציבור באַווירקן איינער דעם צווייטן און דערגענצן זיך.

פּרץ סעגאַל, דער הויפּטהעלד פון „אהבה זרה", איז אַ טיפּישער, קליינשטעטלדיקער, נאַיִוער בחור, מיט טיף־עמפּינדלעכע געפילן, מיט אַ פיינעם עסטעטישן געשמאַק; ער האָט פאַרהיט די ריינקייט פון זיין נשמה און קערפּער אַפילו אין דער סאָלדאַטסקער אַטמאָספער פון דער קאַזאַרמע.

ער גאַרט און לעכצט נאָך אַן אידעאַלער ליבע און ווערט געשטרויכלט זיך צו פאַרליבן אין זיין קריסטלעכן שכנס טאָכטער, וועלכע בענקט אויך נאָך ליבע, אָבער איר ליבע איז ניט פון אַזאַ הויכער מדרגה ווי פּרצעס, ווייל זי האָט אַ שטאַרקן צומיש פון נאַטירלעכער יוגנטלעכע ליידנשאַפט.

פּרץ ווייסט, און איז טיף איבערצייגט, אַז פּראַניע, זיין געליבטע, וועט ניט אויסטוישן איר רעליגיע צוליב איר ליבע; און פּרץ, וועלכער האָט אַ גוואַלדיקע הנאה פון אַ פּרשה חומש מיט די גמטריות פון „בעל הטורים״, און איז מיט טויזנטער פּעדעמער איינגעוואָרצלט אין יידישן טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער, ווערט אויפגעציטערט, הערנדיק פּראַניעס שמד־פּאָרשלאָג.

און דאָך פּאַרפּלאָנטערט זיך פּרץ אין דער שמד־נעץ וואָס פּראַניעס אַנטיסעמיטישע באָבע האָט קונציק און פּאָרזיכטיק אויסגעשפּרייט. מיט טיפּישער יידישער עקשנות, אַן אויספּראָבירטע אין פייער און אין וואַסער, קלאַמערט ער זיך צו זיין רעליגיע און באַשליסט, אַז ס׳מעג פּאַסירן מיט אים וואָס ס׳זאָל ניט פּאַסירן, וועט ער ניט אויסבייטן די מטבע.

זיינעליידן זיינען אומבאַשרייבלעכע, זיין נשמה־פּלאָנטער איז אַ פּאַ־טאַלער, ווייל ער זעט ניט קיין שום מעגלעכקייטן זיך פון אים צו באַפרייען, כאָטש ער שטרעבט דערצו בלב ובנפש.

און פּונקט אַזוי ווי די האַנדלונג פון ראָמאַן איז אַן אָרגאַניש־איינהייט־לעכע, אַזוי איז אויך דער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז פון דעם הויפּטהעלד און פון די איבעריקע טיפּן אין דעם ראָמאַן פּשוט און נאַטירלעך: ער וויקלט אויף פאַר דעם לייענער די פּסיכישע פּלאָנטערנישן פון די העלדן ניט דורך פּסיכאָלאָגישע פּילפּולים און חקירות, נאָר דורך זייערע האַנדלונגען און מעשים.

ר׳ זלמן לייב סעגאַל, פּרצעס פּאָטער, אַ הוסיאַטינער חסיד, אַ מקורב למלכות, ליידט אומבאַשרייבלעכע יסורים פון זיין זונס זינדיקן ראָמאַן, אָבער זיין איינגעבוירענע אינטעליגענץ און טאַקט, און אויך די מורא, אַז שטרענגע מיטלען קאָנען, חלילה, אים ברענגען צו שמד, דיקטירן אים צו צוימען זיין כעס; ער באַשיצט זיין זון פון זיינע פּאַרלוימדער, ווייל כאָטש ער פילט ווי מעכטיק עס איז די שמד־נעץ, אין וועלכער זיין זון האָט זיך פּאַרפּלאָנטערט, האָפט ער דאָך, אַז פּרצעס טיפע רעליגיעזקייט וועט אים ראַטעווען פון שמד.

קובקי, פּרצעס ברודער, איז דער קעגנזאַץ פון זיין פּאָטער, און כאָטש ער איז אַן אינטעליגענט און כלומרשט אַ ליטעראַט, איז ער באמת אין זיין עצם מהות אַ פּוסטע כלי, אַ ציניקער און אַ ברעקעלע הייליקייט. אויך ער האָט אַ שוואַכקייט צו פּראַניען, אָבער פאַר אים איז די יונגע שיקסע נאָר

אַן אָביעקט פון ליידנשאַפט, און דעריבער פייניקט ער פּרצן מיט זיינע ציניִשע שטעכווערטלעך און שפּאַסט פון זיינע ליבע־געפילן.

די איבעריקע טיפּן פון ר׳ זלמן סעגאַלס פאַמיליע: די שטיף־מומע און אירע טעכטער דערגענצן דאָס בילד און דערקלערן פּרצעס מענטאַליטעט, וועלכע איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער פאַמיליע־סביבה, אָנגע־הויכטע מיט גוטסקייט און איידלקייט. די שילדערונג איז אַ נאַטירלעכע, אַ רעאַליסטישע, ניט קיין אידעאַליזירטע; זי איז אַ סינטעז פון עפּישער רויִקייט און האַרציקער לירישקייט.

די שילדערונג פון די קריסטלעכע טיפּן פון דעם ראָמאַן איז פון אַ הויכער קינסטלערישער מדרגה: פּאַן קאָנסקי, דער שווינדזיכטיקער סטעל־מאַך, וואָס ליידט פון אַ „זשאַבע" אין דער ברוסט, דער בעל מלאכה מיט אַ קינסטלערישן פונק, וועלכער איז פאַרשקלאַפט צו זיין ווייב — די גאַליקע היסטערישע „פּריצטע" אַן גיטער; פּאַן קאָנסקי, וועלכער פאַרגעטערט זיין שיינע, געראָטענע טאָכטער, ווי אַן אמתער שלאַכטשיק, איז אַ וווּנדערבאַרער פּאָרטרעט.

פּאַן קאָנסקיס שוויגער־עלטערן, די שאַכנאָווסקיס, וועלכע שעמען זיך מיט דעם פויער, דעם כאַם, און דער פּריץ, דער שלאַכטשיץ, מיידט זיי שפּאָ־טיש אויס, און וויל מיט זיי ניט קומען אין געזעלשאַפטלעכער באַרירונג — זיינען אַ טריי בילד פון קליינשטעטלדיקן האַלב־פּריצישן, האַלב־פויעריִשן קלאַס, געשילדערט מיט בולטע אינדיווידועלע כאַראַקטער־שטריכן.

פּאַן דזיקי, דער וואַכמייסטער, וועלכער האָט שפּעטער נושא חן געווען ביי פראַניען צוליב זיין „מענערישער חוצפּה", אַ זאַך, וואָס פּרץ האָט, צו איר פאַרדרוס, ניט באַזיצט — איז אַ גלענצענדיקער טיפּ פון קליינשטעטל־דיקן באַאַמטן, וואָס האָט אַ סאַדיסטישע הנאה צו פייניקן יידן.

אין אַלגעמיין, ווי דאָס זאָל ניט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, זיינען די קריסטלעכע טיפּן בעסער געשילדערט און פּסיכאָלאָגיש מער אויסגע־האַלטן, ווי די יידישע טיפּן. דאָס באַווייזט, אַז אָשר באַראַש איז פעיק צו שילדערן ניט נאָר פּערזאָנען פון זיין נאַציאָנאַלער סביבה, נאָר אויך טיפּן און געשטאַלטן פון אַ פרעמדער וועלט, וועמענס פּסיכיק און מענטאַליטעט איז ניט קיין אָרגאַנישער טייל פון דעם שרייבערס „איך".

דאָס בוך „אהבה זרה" איז רייך אין פיין־געשילדערטע דראַמאַטישע

קאָנפליקטן. דער שרייבער שילדערט אונדז, ווי אַזוי פּרץ, דער אויפריכטיק רעליגיעזער יונגערמאַן, ראַנגלט זיך יום־כיפור אין שול און באַמיט זיך אויסצולעשן דאָס ליבע־פייער, וואָס פלאַקערט אין זיין האַרצן צו פראַניען דורך אמתן רעליגיעזן עקסטאַז, און ער קאָן זיך ניט באַזיגן. ער פאַרלאָזט די שול צווישן שחרית און מוסף און טרעפט זיך מיט זיין קריסטלעכער געליב־טער אין גערטנדל. זיין געוויסן פייניקט און מאַטערט אים, און דאָך קאָן ער זיך ניט באַפרייען פון איר רייץ און חן.

ער זידלט זיך, ער באַשפּייט זיך, ער האַסט זיך פאַר דער פאַרשווערונג פון הייליקן טאָג; ער באַטראַכט זיך ווי אַן אויסוואורף, אָבער אין דער טיפע־ניש פון זיין האַרץ הערט ער אויך אַ צווייטע שטימע, וועלכע זאָגט אים, אַז זיין ליבע צו פראַניען איז הייליק, ווייל זי איז מער נשמה־עקסטאַז, ווי ליידנשאַפט. די סצענע פון פרצעס נשמה־פּלאָנטער איז אַדורכגעוועבט מיט דראַמאַטישקייט, געצוימט פון אַן עפּישער רויִקייט.

די שילדערונג פון דער חסידישער „הילולא" אין ר' זלמן לייב סעגאַלס הויז, איז אַ פיין בילד פון חסידישן מאַסן־עקסטאַז. איר זעט די פּסיכאָלאָגיע פון אַ קאָלעקטיוו, וואָס איז פאַראייניקט דורך אַן אידעע, דורך דער פאַרגע־טערונג פון אַ פערזענלעכקייט; איר זעט ווי די עקזאַלטאַציע פון דער מאַסע שטייגט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּסיכישער צוזאַמענשמעלצונג פון אירע יחידים דורך התפשטות הגשמיות און ביטול היש, אָבער טראָץ דעם אַלעם ווערן די בולטע כאַראַקטער־שטריכן פון די יחידים ניט מטושטש און שטראַלן אַרויס פון דער מאַסע דורך זייער אינדיווידואַליטעט.

ר' אהרעלע, דער תלמיד־חכם און מקובל, איז אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם חסידישן קיבוץ, זיין פערזענלעכקייט שטראַלט אַרויס פון אים און איבער אים, און ער ווערט די צענטראַלע פיגור פון קיבוץ, זיין לייכט־טורעם און זיין וועג־וויַיזער.

די שבת־שילדערונג אין הויז פון ר' זלמן לייב סעגאַל איז אַ פּראַכטפול בילד פונעם קליינשטעטלדיקן, יידיש־טראַדיציאָנעלן לעבנסשטייגער; זי איז אָנגעהויכט מיט רעליגיעזן עקסטאַז און מיט חסידישער דביקות און התלהבות און קאָן דינען ווי אַ מוסטער פון אַ פיין יידיש פאַמיליע־בילד איינגעפאַסט אין אַ שבת־מלכהדיקער ראַם. אויך דאָ זיינען די יחידים ניט מטושטש געוואָרן פונעם אַלגעמיינעם פאַמיליע־בילד...

טיף פסיכאָלאָגיש איז די שילדערונג, ווי אַזוי פראַניעס באָבע, די כיטרע יעזוּיִטקע, וועלכע האָט אַזוי קונציק אויסגעשפּרייט איר שמד־נעץ פאַר פרצען, און געליטן אַ דורכפאַל, פאַרפלאָנטערט פראַניען מיטן אַנטיסע־מיטישן וואַכמייסטער און באַפרייט פראַניען פון איר אומגליקלעכער ליבע צום „פאַרשיוון יידל".

די באָבע די יעזוּיִטקע און דער וואַכמייסטער דער אַנטיסעמיט, אינסצע־נירן עפּעס אַ משפּט קעגן פרצען, און פראַניע גיט איר הסכמה צו דער אַנטיסעמיטישער האַנדלונג.

עס איז אַ סצענע פון יעזוּיִטישן האַס, וועלכע ברעכט אויס מיט פסי־כאָלאָגישער נאַטירלעכקייט און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ דורשט נאָך נקמה. אויך די סצענע איז אַדורכגעדרונגען מיט רוּיִקייט, טראָץ דעם אויפברויזנ־דיקן צאָרן און שטייגנדיקן גיפטיקן האַס.

אַ קונסטווערק וועגן אַ טראַגיש יאָר

וועגן „1919" פון א. פריימאַן

דאָס יאָר 1919 וועט פאַרשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון אונדזער מאַרטיראָלאָגיע מיט בלוט און טרערן, ווי דאָס יאָר ת"ח און אַנדערע טרויע־ריקע יאָרן פון אונדזער געשיכטע. דאָס יאָר 1919 איז געווען אַ קייט פון גרויזאַמע, בלוטיקע און באַרבאַרישע פּאָגראָמען, ווי למשל: דער פּראָסקו־ראָווער פּאָגראָם, דער פּעלשטינער פּאָגראָם און הונדערטע אַנדערע בלוטיקע פּאָגראָמען, וואָס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן און אומברחמנותדיק אויסגע־פירט געוואָרן דורך פּעטליוראַ — דער „נאַציאָנאַלער דערלייזער" פון אוי־קראַינע און דער מאַסן־תליון פון אונדזערע שוועסטער און ברידער.

דער היסטאָריקער, וואָס וועט וועלן פאַראייביקן דאָס טראַגישע יאָר אין אונדזער געשיכטע, וועט, אויב ער וועט ניט זיין באַשאָנקען אויך מיט אַ קינסטלערישן חוש, זען בלויז דעם טראַגיזם, די הילפלאָזיקייט און דעם הפקרדיקן מצב פון יידיש לעבן, האָב און גוטס, אָבער ניט די ליכטיקע שטראַלן פון אַ נייער עפּאָכע, דעם אויפשטייג און געבורט פון אַ נייעם ייד־מענטש, וואָס איז געלייטערט געוואָרן אין פיזישע יסורים און אין גייסטיקע געראַנגלען און איבערלעבענישן.

אַ. פריימאַן, דער מחבר פון „1919", זעט מיט זיין שעפערישן אויג ביידע זייטן פון דער מטבעה — די דעגענעראַציע, פאַרדאָרבנקייט און צעפוילטקייט פון דער אַלטער וועלט, און די געבורט פון אַ נייעם מין מענטש.

אויף אַ. פריימאַנס וועג זיינען געלעגן אַ סך שטרויכלונגען: שילדערן אַ שטורמישע עפּאָכע, פול מיט אינערלעכע סתירות און קעגנזאַצן איז ניט פון די לייכטע זאַכן; נאָך שווערער איז צו שילדערן די צערודערטקייט פון אַ דערנידעריקט פאָלק, וועמענס האַרץ האָט געבלוטיקט און איז פאַרסמט געוואָרן מיט גיפטיקער שנאה צו זיינע פאַרשקלאַפער, איז פלוצעם באַפרייט געוואָרן און ווילד געוואָרן ווי אַ חיה, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון

איר שטייג און פּאַרציקט יעדן, וואָס זי באַגעגנט אין איר וועג. אַזוי זײַנען די אוקראַיִנער באַפּרייטע מאַסן באַפּאַלן זייערע הילפלאָזע יידישע שכנים, גערויבעוועט זייער האָב און גוטס, געשענדעט זייערע פרויען און טעכטער, געהרגעט קינדער פאַר די אויגן פון די הילפלאָזע עלטערן, און פאַרקערט.

די באַפּאַלענע זײַנען בלוט פון שרייבערס בלוט און פלייש פון זיין פלייש, און עס דראָט דעם קינסטלער די געפאַר פון איבערכאַפּן די מאָס, די סכנה פון מעלאָדראַמאַטישקייט, פון אויבערפלעכלעכקייט.

אַ. פריימאַנס דערציילונג איז אַ קינסטלעריש ווערק, אין וועלכן עס פּולסירט דער ריטעם פון דער גרויזאַמער צייט און רעפלעקטירט די מענטש־ליכע אויפטרייסלונגען, וועלכע זײַנען אַ פּועל יוצא פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; פון דער רוסישער רעוואָלוציע און פון בלוטיקן קאַמף פון די באַל־שעוויקעס מיט די כוליגאַנישע „דערלייזער" פון אוקראַיִנע.

איר זעט ווי דער פייערדיקער רייטוואָגן פון דער רעוואָלוציע און „נאַציאָנאַלע" אויפשטאַנדן מאַרשירט גרויזאַם איבער שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע און מאַכט פון זיי אַ תל. די רעדער פון דעם רייטוואָגן ווערן באַשמירט מיט יידיש בלוט און מאַרך, אָבער דעם לייענערס מענטשלעכע געפילן און עמאָציעס ווערן ניט אין גאַנצן פאַרסמט פון די טרויעריקע און גרויזאַמע שילדערונגען, נאָר אויך געלייטערט און דערהויבן, ווייל דער עסטעטישער גענוס סובלימירט זיין טיפן צער און ביטערן צאַרן.

אין „1919" האָט אונדז דער קינסטלער־דערציילער אַ. פריימאַן געמאָלן אַ גאַלעריע טיפן מיט אַ טיפער פסיכאָלאָגישער אַנאַליטישקייט; ער אַנט־פּלעקט פאַר דעם לייענער זייער וווקס און צעבלי, זייערע אינערלעכע ראַנ־גלענישן, זייערע ספקות, זייער אויפשטייג, ירידה און דעגענעראַציע. אַ. פריימאַן צייכנט זיך אויס ניט נאָר מיט זיינע שילדערונגען פון אינדיווידועלע טיפן, נאָר אויך מיט זיינע שילדערונגען פון מאַסן־סצענעס און פון לעבן פון גאַנצע עטנישע קיבוצים און עדהס.

דער לייענער זעט באַשיימפּערלעך דעם חורבן פון אַלטן איינגעפונדעטן לעבנסשטייגער און הערט די וויגעשרייען פון געבורט פון אַ ניי לעבן, וועמענס פּרצוף איז דערוויל שטאַרק פאַרנעפּלט.

א. פריימאַן איז באַשאַנקען מיט דער אייגנשאַפט אַריינצודרינגען אין דער קאָלעקטיווער פסיכאָלאָגיע פון מאַסן, ווען זיי ווערן באַהערשט פון

אַ ווילדן פּסיכאָז, וואָס אַטראָפּירט זייערע מענטשלעכע געפילן און פאַר־וואַנדלט זיי אין מענטשן־חיות. ער ווייזט אונדז די טראַנספאָרמאַציע פון יחידים און גרופּן דורך דער השפּעה פון דער שטורמישער רעוואָלוציאָנערער עפּאָכע.

די מאַסן־שילדערונגען פון א. פריימאַן פאַרטונקלען ניט דעם פּרצוף פון יחיד. פאַרקערט, זיי זיינען ווי אַן אונטערשלאַק בכדי שטאַרקער און בולטער אַרויסצוברענגען דאָס אינדיווידועלע און די הויפּט־כאַראַקטער־שטריכן פון די העלדן פון דער דערציילונג.

די צענטראַלע פיגור פון דער דערציילונג „1919" איז סאָלאָמאָן סטופּ־טשיקאָווער, אַ שטומע נשמה, וואָס איז בדוחק ביכולת געווען אויסצודריקן די איבערלעבענישן מיטן רוסישן וואָרט „טשעפּוכאַ" (פּלוידערייען, קליינ־קייטן) אין דעם שטומען „ע", וואָס זאָגט גאָרניט, און זאָגט אַ סך.

דער לייענער באַגעגנט זיך מיט אים צום ערשטן מאָל אין געפאַנגען־לאַגער און ווערט ממש אויפגעטרייסלט פון זיין שטומער סטיכישער בענ־קעניש נאָך אוקראַינע, פון זיין שטאַרקן כאַראַקטער און ווילן. ער טרעפט אים דעם צווייטן מאָל אין „זיין" אוקראַינע, אין זיין נאַטירלעכער סביבה, און איר זעט ווי די מלחמה־באַצילן האָבן אויף אַ ווײַלע אָפּגעשוואַכט זיין כאַראַקטער און ווילן. ער זעט אים שפּעטער אין אַ צושטאַנד פון גייסטיקער דערהויבונג און פון דעם אידעאַל מקריב צו זיין זיין לעבן פאַר דער באַ־פרייונג פון זיין געליבטער אוקראַינע פון דער ברוטאַלער דייטש־עסטרייכי־שער אינוואַזיע.

דער מחבר, א. פריימאַן, שילדערט סאָלאָמאָנס פאַמיליע־הינטערגרונט — מיט געציילטע קינסטלערישע שטריכן מאָלט ער זיין זיידן וואָלף און זיין פעטער מענדל — שטאַרקע בראַווע כאַראַקטערן, איינגעוואָרצלטע אין דאָרפישן אוקראַינער באָדן, וואָס זיינען גרייט זיך מוסר־נפש זיין פאַרן גרויסן אידעאַל פון אוקראַינעס באַפרייונג און זעלבשטענדיקייט, זייער אידעאַל וועלכן ער פאַרווירקלעכט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויפן שלאַכטפעלד מיט זיינע חברים־סאָלדאַטן און אין זיין צוזאַמענלעבן מיט דער דאָרפישער סביבה. דאָס שאַפט פאַר אַ ווײַלע די אילוזיע, אַז דער שטורעם פון דער או־קראַינער באַפרייונגס־באַוועגונג וועט אים אין גאַנצן אויסוואָרצלען פון יידישן באָדן.

אָבער פּלוצעם, דורך די טרויעריקע געשעענישן פון דער צייט, דער־וואַכט אין אים זיין פּינטעלע ייד, וואָס האָט געדרימלט אין דער טיף פון זיין שטומער נשמה און בהדרגהדיק צעפלאַקערט זיך זיין מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער שטאָלץ. ער ווערט, אין לויף פון די טראַגישע געשעענישן, דער לעבנסנערוו פון דער פּאַראַגאַנאָווקער יידישער קהלה. ער אָרגאַניזירט לאָקאַלע זעלבשוץ און חלומט און שטרעבט צו שאַפן אַ פּאַרצווייגטע נאַציאָ־נאַלע זעלבשוץ. ער איז דער ניט געקרוינטער מנהיג פון פּאַראַגאַנאָווקע.

סאָלאָמאָנס מאָראַלישע עליה סימבאָליזירט דעם אויפברויז פון די מאָ־ראַליש־געזונטע פּאָלקס־מאַסן אין יענער עפּאָכע, ברענגט אַרויס בולט די געבורט פון אַ נייעם טיפּ ייד.

זיין פעטער חיים בער זאַקס סימבאָליזירט דעם יידישן מלחמה־ספּעקו־לאַנט, מיט זיין גאַנצער פּאַרפּוילטקייט, פאַרדאָרבנקייט און העסלעכקייט.

א. פריימאַן מאָלט אַ גראַנדיעז גרופּן בילד פון פּאַראַגאַנאָווקע מיט אירע געזעלשאַפטלעכע טוער: שמואל דער ציוניסט, וואָס בלוטיקט פון דעם חלול און פאַרשוועכונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן כבוד און שטאָלץ, דורך גיבן שוחד אונדזערע רוצחים און פּאָגראָמטשיקעס, ער חלומט וועגן אַ מאַסן־עליה קיין ארץ־ישראל; ראַפּאַפּאָרט, דער כיטרער מכלומרשטער אינטעליגענט און אין תוך פון זיין נשמה — אַ קאַריעריסט; וואָלפּקע, דער אמתער רעוואָלוציאָנער, וואָס ברענט מיט פייערדיקן חסידישן התלהבות, און אים עקלט די מלחמה־דעגענעראַציע. ער איז פול מיט צאָרן קעגן זיין אייגענער מוטער, וואָס איז געוואָרן אַ מלחמה־ספּעקולאַנטקע, בכדי אָפּצוראַטעווען פון הונגער־טויט איר פאַמיליע.

דער לייענער זעט בחוש, ווי עס צעפלאַקערט זיך אויף דער יידישער גאַס דער פּאַרטיי־קאַמף מיט זיין גאַנצער שאַרפקייט און שפּלותדיקייט; ער זעט אויך ווי אין צייט פון אַ נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע פאַרגעסן די בלוט־שונאימדיקע קעמפער אויף אַ ווײַלע זייערע פּערזענלעכע אַמביציעס און פּאַרטיי־סכסוכים און פּאַרטיידיקן געמיינזאַם מיט מסירת נפש יידיש לעבן און יידישן כבוד.

דער לייענער זעט דעם אויפשטייג און וווקס פון נייע לאָקאַלע און אַל־געמיינע אינסטיטוציעס, און ער זעט אויך זייער אינערלעכע צעפּוילקייט.

ער זעט די אויפוואַכונג פון די חיהשע אינסטינקטן פון אַ גרויסן טייל

פון די אוקראַינישע מאַסן, ער זעט אָבער די געציילטע העראָישע פיגורן, וואָס בלוטיקן צוזאַמען מיט די פּאַגראָמירטע יידן, און אַלס פּראָטעסט קעגן דער ברוטאַליטעט פון זייער אייגן בלוט און פלייש, אידענטיפיצירן זיי זיך מיט די יידישע מאַסן און העלפן זיי מיט אַלע זייערע מאָראַלישע און פיזישע כוחות.

אַזעלכע טיפן, ווי למשל אַרטיום סאָקאָלענקו, הגם זייער צאָל איז געווען קליין, האָבן געדינט ווי אַ לעבעדיקער קוואַל פון אמונה אין דער צוקונפט פון דער מענטשהייט.

דאָס בוך „1919" איז אַ קינסטלעריש ווערק, אין וועלכן ס'איז פאַר־קערפּערט אַ טרויעריקע תקופה פון אונדזער געשיכטע אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָבער עס פלאַנצט ניט איין אין אייער האַרץ קיין יאוש. ביים לייענער בלייבט דער גלויבן, אַז טראָץ אַלע טראַגישע גע־שעענישן, ווערט געבוירן אַ נייער ייד, וואָס וועט זיין דער סינטעז פון אַ ר' ניסן דיין — די פאַרקערפּערונג פון עטישער ריינקייט, גאַנצקייט און שלימות און וועט אויך באַזיצן די אמת יידישע זעלבסטווערדע, פיזישע און גייסטיקע נאַטירלעכע באַלאַנסירקייט פון דעם פאָלקס־מענטש א. סאָלאָמאָן.

לאָמיר געדענקען דעם קינסטלער פון „1919", א. פריימאַן, וועמענס יונגע יאָרן זיינען מערדעריש אָפּגעהאַקט געוואָרן צוליב דעם „פאַרברעכן", וואָס ער האָט געשאַפן אויף דער שפּראַך פון די „רעאַקציאָנערן" און קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן עמוס, הושע, מיכה, און ישעיה...

אַ גאַליציאַנער פּאַנאָראַמע

(וועגן „ממחוז הילדות" פון דוב שטאָק־סדן)

דוב שטאָק האָט אָפּגעדרוקט אַ בוך זכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן אין גאַליציע אונטערן נאָמען „ממחוז הילדות". אין דער קורצער הקדמה דערציילט אונדז דער מחבר, אַז ער האָט פּרובירט צו פאַרעפנטלעכן די גע־שטאַלטן און בילדער פון זיינע קינדערישע יאָרן אין אַ דערציילערישער פאָרעם, און פראַגמענטן פון זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דאָ און דאָרט, אָבער ער האָט זיך איבערצייגט אין זיין דורכפאַל, און דעריבער האָט ער זיינע שריפטן באַהאַלטן אַ יאָר אַכט.

נאָך לאַנגע אינערלעכע געראַנגלענישן, האָט ער באַשלאָסן זיי אָפּצודרוקן אין דער פאָרעם פון זכרונות.

האָבן מיר ניט קיין יסוד זיך צו אַמפּערן מיטן חשובן מחבר וועגן זיין ניט גלויבן אין זיינע קינסטלערישע פעיִקייטן, און אויב ער וויל, אַז דער לייענער זאָל באַטראַכטן זיין ווערק ניט ווי אַ קונסטווערק, נאָר ווי אַ בוך פון זכרונות, זאָל דאָס אים ווויל באַקומען. אָבער מיר דוכט זיך, אַז דער אינערלעכער דראַנג פון קינסטלער איז שטאַרקער פון זיין איבערצייגונג אין זיין כלומרשטן דורכפאַל; ער באַפרייט זיך פון דעם מחברס באַשלוסן און ער וויקלט פאַנאַנדער פאַר אונדז אַ הערלעכע פּאַנאָראַמע פון גאַליציע, אָנגעפּיקעוועט מיט בילדער, טיפּן און עפּיזאָדן, וואָס באַפליגלען דעם לייע־נערס פאַנטאַזיע, באַהערשן זיין געדאַנק, און פאַרשאַפן אים אַ קינסטלערישן געניס פון גאָר אַ הויכער מדרגה.

דוב שטאָק איז אַ פעיִקער מאָלער פון געשטאַלטן און טיפּן: מיט איין שטריך פון זיין פעדער מאָלט ער פאַר אייך אַ גאַליציאַנער בעלזער חסיד, וואָס שפּאַצירט איבער די גאַסן פון בראָד מיט אַ צעכראַסטעטע האַרץ, מיט פאַרחלומטע, פאַרדביקותטע קינדערשע נאַיִווע אויגן, וועלכע בענקען נאָך

משיחן, ער לעבט אין „עולם האצילות" פון חסידות און פאַרהערלעכט קינ־דער, ווייל ווער ווייסט? אפשר איז איינער פון זיי משיח...

און אויב ר' יוסי דער בעלזער חסיד איז אַ טיפּ, וואָס איז כלו רוחניות און אַצילות, איז ר' בערל דער קרעטשמער דער קעגנזאַץ פון אים: אַ מענטש, וואָס האָט הנאה פון לעבן, און איז שטאָלץ אויף זיין מלאכה און אויף זיין געזונטער, נאַטירלעכער, גשמיותדיקייט, און כאָטש ער האָט מיט שווערער מי און מאַטערניש זיך דערוואָרבן נאָך דער חתונה די קענטעניש פון אַ שייטל עברי, אַ בלעטל חומש, און ווערט אַ מענטש מיט מענטשן גליך — פאַר־בלייבט ער פאָרט דער געזונטער, נאַטירלעכער האָרעפּאַשניק, וואָס וויכט פון אַצילות, ווי אַ שד פון ווייַרויך...

רבי יוסי דער שוחט און ר' בערל דער קרעטשמער זיינען ביידע, טראָץ זייערע קעגזעצלעכע כאַראַקטערן, געזונטע, נאַטירלעכע פאָלקסקינדער, וואָס ציען זייער גייסטיקע יניקה פון דער יידישער סביבה און אויסשליסלעך פון יידישע קולטור־קוואַלן. דאַקעגן איז דער פאָטער פון מחבר אַ האַלבער משכיל. זיין יידיש איז שוין שטאַרק פאַרדייטשמערישט און ער דרשנט שוין אַ גזירה־שווה אויפן יסוד פון דייטשע גלייכווערטער, ווי למשל: שמוק־קעסטל, שפּאַק־קעסטל. אָבער אַפילו ער, דער האַלבער משכיל, איז טיף פאַראַנקערט אין דער יידישער סביבה, אין יידישן, טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער, אין דער אַלטער און נייער קולטור, און ער איז אַן אָרגאַנישער מיטגליד פון גאַליציאַנער יידנטום, וואָס שפּרודלט מיט לעבן און שעפע־רישקייט.

דוב שטאָק מאָלט אין זיינע זכרונות ניט נאָר פאָלקסמענטשן, נאָר אויך קאָמיש־לעכערלעכע טיפּן פון עקסטרעמע אַסימילאַנטן און ערב־משומדים, וואָס לעבן אין עולם־התוהו פון אויסגעדראָשענע פראַזעס וועגן עמאַנצי־פּאַציע, יידישע מיסיע, הויכער עטישקייט פון די נביאים — און דאָך שטערט עס זיי ניט צו פּרעדיקן קריסטנטום.

די שילדערונג פון די צוויי אַלטיטשקע, הירש קאַפּעליוש און מיכעלע קאַפּעליוש, איז אַ פּראַכטפול בילד. איר ווערט באַצויבערט פונעם לעבעדיקן פליסנדיקן דיאַלאָג, וועלכער כאַראַקטעריזירט טרעפלעך הירש קאַפּעליוש, דעם עקסטרעמען אַסימילאַטאָר, דעם פּרעדיקער פון קריסטנטום, און מיכעלע קאַפּעליוש, דעם „רעוואָלוציאָנער", און מען זעט פאַר זיך אַ קינסטלעריש־

קאָמיש בילד פון דער העסלעכקייט און עקלדיקייט פון דער אַסימילאַציע־אידעאָלאָגיע און פון אירע פּאַנענטרעגער.

משה הויזער, דער קלוגער פלוידערזאַק, וועלכער איז אָנגעשטאָפּט מיט משלים און שפּרודלט ווי אַ קוואַל מיט פאָלקלאָר און פאָלקס־חכמה, איז אַ קאַפּיטשקע ענלעך צו טוביה דעם מילכיקן, נאָר מיט אַ גאַליציאַנער אונטערשלאַק.

און ר׳ שמואל דער פרוש, וואָס פאַרזיכערט דעם גויישן קינדערלאָזן שוסטער אַ בן־זכר, אויב ער וועט געבן צוויי הונדערט פאַר שיך פאַר די אָרעמע תלמוד־תורה־קינדער, איז אַ קאַפּיטשקע ענלעך צום תהלים־ייד.

און דער מגיד, ר׳ שלמה קלוגער, אַ פאַנאַטישער רעליגיעזער קעמפער, וואָס צעהאַקט און צעברעקלט די מתים־עגלה, ווייל ער זעט אין דער אינאָוואַציע די רוינע פון יידישקייט, איז טראָץ זיין פאַנאַטישקייט און ווילדקייט, אַ סימפּאַטישע פיגור.

ר׳ יעקב פריהרט (פאָדענהעכט) אַ טיפּישער, קהלישער קאָכלעפל, אַ נאָכשלעפּער פון אַסימילאַנטישן דעפּוטאַט קולישער, וועלכער האָט באַזיגט דעם נאַציאָנאַל־ציוניסטישן דעפּוטאַט שטאַנד מיט דער הילף פון דער בעלזער קליקע און פון האַלבע און גאַנצע משומדים — ווערט געשילדערט פון מחבר אויף אַן אָביעקטיוון אופן, אַז איר זעט ניט נאָר זיין העסלעכקייט און נידערטרעכטיקייט, נאָר אויך זיין מענטשלעכקייט און האַרציקייט, און דער לייענער ווייסט ניט: צי זאָל ער אים בענטשן אָדער שעלטן.

און אויב ר׳ יעקב פאָדענהעכט איז אַ געשפּאָלטענע פּערזענלעכקייט, איז אידלה (איידעלע) די רביצין, ר׳ שלומצי בעלזערס טאָכטער, אַ טיף טראַגישע פּערזענלעכקייט. איר פאַרלוירענער קאַמף קעגן איר ברודער, וואָס גייט ניט אין טאַטנס עניוותדיקע באַשיידענע דרכים, נאָר פאַרתכלעוועט די אָרעמע פאַרהאָרעוועטע פדיונות פון די האָרעפּאַשנע מאַסן אין לוקסוס און רייכטום, און איר שרעקלעכער סוף, מאַכן אויף דעם לייענער אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק.

איר זון, ר׳ מלכל, דער זעענדיקער בלינדער, איז דער סימבאָל פון קערפּערלעכע בלינדקייט און נשמהדיקע זעעדיקייט.

דאָס בוך „ממחוז הילדות״ איז רייך אין טיפן־שילדערונגען און אַנטפּלעקט פאַר אייך אַ גאַנצע גאַלעריע געשטאַלטן, וועלכע זיינען אַריינגע־

פלאַכטן אין דער גאַליציאַנער לאַנדשאַפט און סביבה. זיי גיסן זיך האַרמאָניש צוזאַמען און גיבן אייך אַ באַגריף פון דער גאַליציאַנער ספּעציפישקייט און אייגנאַרטיקייט.

איר זעט פאַר זיך אַ פּראַכטפולע פּאַנאָראַמע פון דער גאַליציאַנער ווירקלעכקייט, ווי למשל: דעם קאַמף צווישן פּאָליאַקן און די רוטענער. איר זעט בחוש, ווי אַזוי דער ייִד, הויפּטזעכלעך דער אַסימילירטער ייִד, פאַרפּלאָנטערט זיך צווישן ביידע קעמפנדיקע צדדים.

איר זעט דעם ברודער־קאַמף צווישן מתנגדים און חסידים, צווישן אַסימיליאַנטן און ציוניסטן־נאַציאָנאַליסטן, וואָס נעמט אָן אַ שרעקלעכע פאָרעם און ברענגט פיל מאָל צו בלוט־פאַרגיסונג.

דער מחבר מאָלט אַ טראַגיש בילד, ווי צוויי ברידער שוחטים ווערן געצוווּנגען דורך זייערע רביים צו קעמפן איינער קעגן צווייטן און זיי בלוטיקן ביידע פון עפּענטלעכן האַס און פון באַהאַלטענער ליבע.

דער מחבר מאָלט אויך די שטאָט בראָד מיט אירע אינסטיטוציעס אין דער צייט פון איר גלאַנץ און אויך פון איר ירידה: איר זעט פאַר זיך די שולן און די קלייזלעך, די אַלטמאָדישע חדרים, די „מאָדערנע" חדרים, די אַלטפרענקישע און די „מאָדערנע" מלמדים, וואָס פּייניקן זייערע תלמידים אויף אַן אוממענטשלעכן אופן; איר זעט די רעגירונגס־גימנאַזיעס מיט די ייִדישע „רעליגיאָנס־לערער", וועלכע אונטערריכטן ייִדישקייט לויט די מוסטערן פון קריסטלעכן קאַטעכיזם.

איר זעט די בראָדער כּלי־זמרים און די „גראַמידען", וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ קאַפּיטשקע ליכט אין דער גרויקייט און פינצטערניש פון לעבן.

איר זעט די קאַטוילישע שמד־נעץ, וואָס באַראַבעוועט דעם ייִדישן איינזאַמען קרעטשמער זיין טאָכטער און איזדיעקעוועט זיך באַרבאַריש איבער זיינע פאָטערלעכע געפילן.

איר זעט די גרויזאַמע באַציונג פון די פּריצישע גאַליציאַנער, וועלכע פּאָגראָמירן די ייִדישע בירגער פאַר זייער אומדערהערטער „חוצפה" צו וועלן שטימען פאַר די נאַציאָנאַלע דעפּוטאַטן און ניט פאַר די „מאַשקעס" פון די „יאַשניע וויעלמאָזשנע פּאַנעס".

איר זעט די פאַרשקלאַפונג פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן דורך די ייִדישע פּריצים און זייערע נאָכשלעפּערס.

דער מחבר דעמאַסקירט אויך די פילאָסעמיטישקייט פון דעם עסטרייכישן „אוהב ישראל", פראַנץ יאָזעף, ירום הודו, וואָס האָט באַהאַלטן זיינע שמד־טענדענצן אונטער דער מאַסקע פון הומאַניטעט.

אין דעם בוך שפּיגלען זיך אָפּ אַלע שיכטן פון גאַליציאַנער יידנטום. דאָס בוך איז אָנגעהויכט מיט פאָלקלאָר און איז אַ קינסטלערישער שפּיגל פון אַ גרויסן יידישן ישוב.

שמעון האַלקין דער קריטיקער

(חעגן שמעון האַלקינס בוך „ארעי וקבע״)

דיכטער און דערציילער ווערן אָפט מאָל געשטרויכלט אין זייערע קרי־טישע אָפּהאַנדלונגען איבער אַנדערע שרייבער, מיט אונטערשאַצונג און איבערשאַצונג.

די סיבה פון אונטערשאַצונג איז אַ פּשוטע און אַ פאַרשטענדלעכע: דער דיכטער, אָדער דער דערציילער, איז, און דאַרף טאַקע אויך זיין, פאַר־ליבט און איינגעליבט אין זיינע אייגענע שאַפונגען, און יעדע אָפּנייגונג פון זיין שאַפונגס־וועלט רופט ביי אים אַרויס אַ ווידערווילן און טייל מאָל — אַנטיפּאַטיע און האַס. ער איז דעריבער ניט מסוגל אָפּצושאַצן אָביעקטיוו די אויפטוען און פאַרדינסטן פון זיין חבר.

די סיבה פון איבערשאַצונג לאָזט זיך דערקלערן אויף אַזאַ אופן: די קינסטלער און שאַפער ליידן פון איינזאַמקייט, וועלכע איז אַ רעזולטאַט פון קאַלטקייט און גלייכגילטיקייט פון דער געזעלשאַפט צו זייערע שאַפונגען, און דעריבער זיינען זיי פאַרביטערט און איינגעטונקען אין עצבות, אין מרה־שחורה, אין זייער האַרץ גליט אַ הומאַניטאַרער פאַרלאַנג צו פאַרשאַפן זייער חבר אַ קאַפּעטשקע נחת און אַנערקענונג פאַר זיינע לייסטונגען, און דעריבער ווערט זייער קריטיק, שלא ביודעים, פאַרוואַנדלט אין איבערגעכאַפּטע לויב־געזאַנגען, וועלכע רופן פיל מאָל אַרויס פּראָטעסט, שפּאָט און אומכבוד פאַרביידע — פאַר דעם קריטיקער און דעם קריטיקירנדיקן...

עס איז אָבער אויך פאַראַן אַ קליינע גרופּע גאָט־געבענטשטע דיכטער און דערציילער, וועלכע זיינען מסוגל, טראָץ זייער איינגעגלויבטקייט אין זייערע אייגענע שאַפונגען, אָדער טראָץ זייער רעספּעקט, אַכטונג און ליבע, וואָס זיי האָבן פאַר זייערע פען־חברים, אַריינצודרינגען אין דער מהות פון זייערע שאַפונגען און אַנטפּלעקן ראשית כל פאַר זיך, און דערנאָך פאַר דעם

לייענער, די אייגנאַרטיקייט פון זייערע מיטשאַפער און קאָלעגן, זייער טיפ־קייט און הויכקייט, און אויך זייער צופעליקייט און דויערהאַפטיקייט.

דער העברעישער דיכטער און דערציילער שמעון האַלקין באַלאַנגט צו דער דריטער קאַטעגאָריע דיכטער און דערציילער. זיין זאַמלונג פון עסייען איבער קונסט, פּאָעזיע, דיכטער און דערציילער, וועלכער טראָגט דעם באַ־שיידענעם נאָמען „עראי וקבע״ (צופעליקייט און דויערהאַפטיקייט) שטעלט אים אַוועק צווישן די בעסטע און אָנגעזעענסטע קריטיקער פון אונדזער ליטעראַטור.

האַלקין סינטעזירט אין זיין קריטיק פאָלגנדיקע הויפּט־אייגנשאַפטן: שווונג און זעונגסקראַפט פון דיכטער, פאַרנעם און ברייטקייט פון אַ דער־ציילער און טיפקייט פון אַ דענקער. דערצו איז ער באַוואָפנט מיט ערודיציע, הויכער קולטור, זעלבסטקאָנטראָל און שעפערישע אינטויציע, וועלכע גיבן אים די מעגלעכקייט ניט נאָר צו אַנטפּלעקן און שילדערן די אייגנאַרטיקייט פון די קינסטלער, וועמענס ווערק ער קריטיקירט, נאָר טאַקע זיי באַלייכטן מיטן ליכט פון דער תקופה און אויך מיטן ליכט פון אייביקייט און וועלט־לעכקייט. דער קינסטלער, דער יחיד, ווערט אַזוי אַרום אַריינגעקייטלט ווי אַ זעלבשטענדיק רינגעלע אין דער קייט פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, און די קייט פון דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ רינגעלע פון דער וועלט־ליטעראַטור...

דער דרייפאַכער אַנאַליז גייט דורך ווי אַ גאָלדענער פאָדעם כמעט אין אַלע עסייען פון שמעון האַלקין, הן אין די, אין וועלכע ער באַהאַנדלט די העברעישע דיכטער און דערציילער, הן אין די, אין וועלכע ער באַהאַנדלט די דיכטער און דערציילער פון די אומות העולם. אַ דאַנק דעם מעטאָד, שפרייזט זיין קריטיק פיל מאָל אַריבער די גרענעצן פון קריטיק און פאַר־וואַנדלט זיך אין ליטעראַטור־פילאָזאָפיע און ליטעראַטור־געשיכטע.

די ערשטע אָפּטיילונג פון האַלקינס בוך „ארעי וקבע״ איז בעיקר גע־ווידמעט די פּראָבלעמען פון קונסט און פּאָעזיע, און טראָגט דעם נאָמען „אמונות וספקות״. דאָס דאַרף דינען, ווי אַ רמז, אַז דער מחבר וויל אונדז ניט געבן קיין הלכות פּסוקות איבער קונסט, קינסטלער און פּאָעזיע, נאָר אונדז אָנרעגן, דורך זיינע אייגענע אמונות און ספקות, צו זעלבסט־פּאַרטיפונג און זעלבסט־פאַרטראַכטונג איבער פאָלגנדיקע פּראָבלעמען: די פונקציע פון

דער פּאָעזיע אין אונדזער לעבן, וועגן דער שאַפּנדיקער תמימות, וואָס איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר אינעם שאַפונגס־פּראָצעס פון יעדן קינסטלער, וועגן די שייכותן צווישן קינסטלער און נאַציע, וועגן דער באַגרענעצטקייט פון אונדזער העברעישער פּאָעזיע, וועגן פּאַראַגאָנער און עפּיגאָנער אין אונדזער פּאָעזיע.

אין דער ערשטער אָפּטיילונג אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז שמעון האַלקין דער קריטיקער אין זיין גאַנצער טיפקייט און ערנסטקייט. איר ווערט מיט־געריסן פון זיין שטורמישן, פּאָלעמישן טאָן, וועלכער איז אַדורכגעזאַפּט מיט וויטיק, צער און צאָרן. איר ווערט פאַרכאַפּט פון זיין רויִקן, וויסנשאַפטלעך־אָביעקטיוון צוגאַנג צו דער פונקציע פון דער מאָדערנער פּאָעזיע אין אונדזער לעבן, טראָץ דעם, וואָס איר קאָנט ניט מסכים זיין מיט אַלע זיינע הנחות. איר מעגט זיין קעגן געוויסע זיינע באַהויפּטונגען וועגן די שייכותן צווישן קינסטלער און נאַציע, איר וועט אָבער, טראָץ אייער קעגנערשאַפט, נאָך אַ מאָל וועלן איבערלייענען דאָס אַרטיקל, זיך פאַרטיפן און פאַרטראַכטן אין די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען, ווייל איר ווערט באַהערשט הן פון טיפן אינ־האַלט, הן פון דער שיינקייט פון האַלקינס סטיל...

די אָפּטיילונג „אמונות וספקות״ איז אַ גוטער אַריינפיר צו די ווייטער־דיקע אָפּטיילונגען פון בוך: איר קריגט אַ באַגריף פון שמעון האַלקינס אָנשויונגען איבער קונסט בכלל און ליטעראַטור בפרט, און זיי דינען דעם לייענער ווי אַ שטיצפּונקט און קריטעריע פאַר די שפּעטערדיקע אָפּטיילונגען פון בוך.

די צווייטע אָפּטיילונג „נרות נשמה״ (נשמה־ליכטלעך), איז, לויט אונ־דזער מיינונג, נידעריקער אין פאַרגלייך מיטן ניוואָ פון דער ערשטער אָפּ־טיילונג. זי באַשטייט פון פינף ליטעראַרישע נעקראָלאָגן, וועלכע זיינען גע־שריבן געוואָרן אין אַ געמיט־צושטאַנד פון אבלות, ווען דאָס האַרץ איז געווען איבערפולט מיט עצבות און גובר געווען דעם מוח. מיט עלעגיש־לירישע טענער איז פול דער נעקראָלאָג אויפן פּריצייטיקן טויט פון ח. נ. ביאַליק, אָבער קיין באַגריף וועגן דעם מהות פון ביאַליקס גרויסקייט באַקומט דער לייענער ניט.

דאַקעגן דער קורצער און טיפער עסיי איבער פרישמאַנען וואָלט גע־דאַרפט זיין אין דער דריטער אָפּטיילונג, ווייל דאָרט איז זיין פּלאַץ: ער איז

ניט עלעגיש־הספדיק, נאָר אַ מוסטערהאַפטער פּסיכאָלאָגיש־קינסטלערישער פּאָרטרעט פון דוד פרישמאַנען „אין וועמענס נשמה גאָט און אשמדאי האָבן געוווינט און דעריבער האָט דער דראַנג צו יצירה געשאַפן, און דער ביטול־שפּאַס האָט אַלץ מבטל געווען" (חפץ היצירה יוצר ולעג־הביטול מבטל, מבטל את הכל).

שיין און באַלערנדיק זיינען אויך די עסייען וועגן ג. סאָקאָלאָוו און ז. פישמאַן, אָבער ס׳פעלט אין זיי דער טיפער און אָריגינעלער אַריינבליק, מיט וועלכע ס׳צייכענען זיך אויס די קריטישע עסייען פון דער דריטער און פערטער אָפּטיילונג.

דער קורצער און עלעגישער מאַמר אויף דעם טויט פון דעם דיכטער ב. נ. סילקינער איז אַ קרישטאָל־געלייטערטע טרער, אָבער ניט קיין אָפּשאַצונג וועגן דעם מחבר פון „מול אהל תמורה".

די דריטע אָפּטיילונג „דיוקנאות" (געשטאַלטן) איז איינגעטיילט אין צוויי טיילן: א) קריטישע אָפּשאַצונג פון אויסדערוויילטע, מאָדערנע העברעישע דיכטער, דערציילער און קריטיקער, ב) באַליבטע דיכטער, דערציילער און קריטיקער פון דער איראָפּעישער, בריטישער און אַמעריקאַנער ליטעראַטורן. אין זיי אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז שמעון האַלקין דער דיכטער און דערציילער אין זיין נייער קרוין, די קרוין פון אַ קריטיקער בחסד עליון.

דער ערשטער עסיי וועגן דעם דערציילער י. ד. בערקאָוויטש קאָן באַשטעטיקן מיין אויבנדערמאָנטע הנחה, אַז שמעון האַלקינס קריטיק שפּרייזט אַריבער די גרענעצן פון קריטיק און פאַרוואַנדלט זיך אין ליטעראַטור־געשיכטע: איר האָט דאָ אַ גלענצענדן, אייגנאַרטיקן איבערבליק איבער די אייגנשאַפטן פון דער העברעישער דערציילונג און פון אירע בעסטע רעפּרעזענטאַטיווע שאַפער. און צי איר זענט מסכים, צי איר זענט ניט מסכים מיט זיין הויפּט־הנחה, אַז די עיקר־אייגנשאַפט פון דער העברעישער דערציילונג איז ווירטואָזישקייט און פּיקאַנטישקייט — וועט איר מיטגעריסן פונעם אָריגינעלן אַנאַליז.

נאָך דעם קורצן אינהאַלטרייכן אַנאַליז וועגן די אייגנשאַפטן פון דער העברעישער דערציילונג, באַהאַנדלט שמעון האַלקין די שאַפונגען פון י. ד. בערקאָוויטש, צייכנט אָן די הויפּט־אייגנשאַפטן און שילדערט די פאַרשיידענע שטאַפּלען אין זיין אַנטוויקלונג, ביז ער האָט דערגרייכט צו דער שאַפונג

פון זיין ראָמאַן „ימות המשיח״, (משיחס צייטן). ער צעגלידערט דעם ראָמאַן, כאַראַקטעריזירט זיינע הויפּט־העלדן און שאַצט אָפּ זיינע מעלות און חסרונות.

דעם זעלבן מעטאָד באַנוצט ער אויך אין זיין עסיי איבער דעם ארץ־ישראלדיקן דיכטער יהודה קרני: ראשית כל גיט ער אייך אַן איבערבליק איבער די אייגנשאַפטן פון דער מאָדערנער העברעישער פּאָעזיע, פון וועלכער יהודה קרני איז איר רעפּרעזענטיווער אָנזאָגער, און ערשט דערנאָך גיט ער אייך אַ פּאָעטישע און באַלערנדיקע אָפּשאַצונג פון דעם דיכטער, וועלכער ווערט ממילא אַריינגעקייטלט אין דער שעפערישער קייט פון דער עפּאָכע. איר קריגט אַ באַגריף וועגן די הויפּט־טענדענצן פון דער מאָדערנער פּאָעזיע, הן ביי די יידן און הן ביי די אומות העולם.

אין זיין עסיי וועגן דעם דערציילער ש. י. עגנון, מאַכט האַלקין אַ שריט פאָרויס: ער גיט אויך אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון דעם פּרצוף פון דור, וויזט אָן די פּאַראַדאָקסאַלע אייגנשאַפטן און בלאָנדזשענישן פונעם דור, און דערנאָך שילדערט ער די אייגנשאַפטן פון עגנון דעם דערציילער, כאַראַקטעריסטישע כמעט פאַר אַלע העברעישע שאַפער פון גאַליציע.

זיין עסיי וועגן דעם דערציילער אשר באַראַש באַזיצט די אַלע אויבנדערמאָנטע מעלות, און ברענגט אַרויס אַ נייעם שטריך אין שמעון האַלקינס קריטיק — איינצופלעכטן דעם דערציילער ניט נאָר אין דער קייט פון דער עפּאָכע, נאָר אויך אין די גרענעצן פון אָרט; ער אַנאַליזירט טיף און טרעפלעך די פּסיכאָלאָגיע פונעם יידישן אינטעליגענט אין גאַליציע, וואָס האָט געלעבט אונטערן שוץ פון קיר״ה און האָט, פאַרהעלטנישמעסיק, געלעבט ווי אַ מענטש מיט לייטן גליידך, אין קעגנזאַץ צו דעם יידיש־רוסישן אינטעליגענט, וואָס איז געוואָרן באַשפּיגן אויף טריט און שריט. אַזוי אַרום מאַכט ער פאַר אייך בולט דעם אונטערשייד צווישן אַ ברענערישן אינטעליגענט און אַן אינטעליגענט פון באַראַשס טיפּ.

אינעם אויבנדערמאָנטן עסיי ווערט פאַר אייך בולט אַ צווייטער שטריך פון אונדזער קריטיקער. איך וואָלט זי אָנגערופן: חב״דישע התלהבות וועלכע איז אַ סינטעז פון דעם בריסקער רבס שאַרפקייט און ביאַלער רבינס האַרציקייט, ווי זי ווערט אַרויסגעבראַכט פון פּרצן אין זיין פאָלקס־מעשהלע „צווישן צוויי בערג״. איר זעט דעם עסטעטישן עקסטאַז פון האַלקינען, ווען ער לייענט באַראַשס דערציילונגען, ער קוויקט זיך מיט זיי ממש ווי אַ חסיד

מיט אַ שטיקל תורה פון זיין רבין; ער באַנוגנט זיך אָבער ניט מיט דעם עסטעטישן געניס, ער דרינגט אַריין אין באַראַשס שאַפונגס־אַפּאַראַט און מאָלט אויף אַ סינטעטיש־אַנאַליטישן שטייגער זיין שעפּערישע געשטאַלט, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין ליכט פון דער עפּאָכע און אָרט, און איז דערביי ניט מטשטש קיין איין אינדיווידועלן שטריך פון באַראַשס שעפּערישער פּערזענלעכקייט.

אין זיין עסיי וועגן דעם אַמעריקאַנער העברעישן דיכטער ישראל אפרת, אידענטיפיצירט זיך האַלקין מיטן פּאָעטישן געמיט־צושטאַנד פון דעם דיכטער. די אייגנשאַפטן פון אפרתס פּאָעזיע שפּרודלען אין דעם עסיי, און עס לייענט זיך ממש, ווי מוזיקאַלישע פּאָעזיע.

די קורצע קריטיק וועגן דוב שטאָק דעם דערציילער און איבער זיין בוך „ממחוז הילדות" איז אויך אַ מוסטער פון חב"דישער עקזאַלטאַציע, אָבער אויך דאָ באַנוגנט זיך ניט האַלקין מיט דער פיינער אָפּשאַצונג פון שטאָקס דערציילערישן טאַלאַנט אַן און פאַר זיך, נאָר ער דינט אים ווי מוסטער אַרויסצוברענגען די אַלגעמיינע אייגנשאַפטן פון די גאַליציאַנער שריפטשטעלער.

די עסייען וועגן יעקב ראַבינאָוויטש זיינען אַ פיינער בייטראַג צו דער העברעישער קריטיק און עס וואָלט זיך געוואָלט זיי אויספירלעך אַנאַליזירן, אָבער צוליב קורצקייט פון פּלאַץ קאָנען מיר דאָס ניט טאָן.

די צווייטע אָפּטיילונג פון „דיוקנאות" איז, ווי געזאָגט, געווידמעט דערציילער, דיכטער און קריטיקער פון די אומות העולם. אין זיי קאָן דער לייענער געפינען אַ שליסל, וועלכער איז מסוגל אים צו עפענען אַ פענצטערל אין דער גייסטיקער פיזיאָנאָמיע פון אונדזער דיכטער, דערציילער און קריטיקער, ווייל אויב פון די ערשטע אָפּטיילונג קריגט איר אַ באַגריף וועגן האַלקינס קונסט־אַנשויונגען און פון די צווייטע — וועגן זיין יניקה פון אונדזערע אַלטע און נייע קולטור־קוואַלן, קריגט איר פון דער דריטער אָפּטיילונג אַ באַגריף פון זיין וועלטלעכער יניקה און פון האַרמאָנישן סינטעז פון זיין פּערזענלעכקייט. דעם שרייבער פון אָט דעם אַרטיקל וואָלט זיך זייער געוואָלט געניו אָפּשטעלן אויף יעדער עסיי פון דער אָפּטיילונג, ווייל זיי אַנטפּלעקן פיל נייע שטריכן אין שמעון האַלקינס קריטיק, אָבער מיר מוזן זיך שטאַרק באַגרענעצן.

אין האַלקינס עסיי וועגן מאָריס מעטערלינקן, פּלאַטערט דער דיכטער איבער די שורות און צווישן די שורות, טראַכט דעם, וואָס דער הויפּט־טאָן איז אַ שטרענג עטיש־פילאָזאָפישער. אַ שאָד, וואָס האַלקין האָט ניט אויסגעשניטן דעם לעצטן קאַפּיטל, וואָס איז אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן מעטערלינקן פאַר זיין פאַראורטיילן די ברוטאַליטעטן פון די דייטשן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין ליכט פון די איצטיקע געשעענישן, האָט די באַשולדיקונג אָנגעוווירן איר חריפות.

זיין עסיי איבער קנוט האַמסון איז אַ הימען דעם שאַפער פון „הונגער" און „פּאַן". אויך דאָ פּלאַטערט דער דיכטער איבער די שורות און צווישן די שורות. אָבער דער ייד אין מיר האָט שטאַרק רעוואָלטירט קעגן די לויבגעזאַנגען פאַר האַמסונען, וואָס איז געוואָרן אַ נאַצי. אַ שאָד וואָס האַלקין האָט ניט אָנגעמערקט, אַז די עסיי איז געשריבן געוואָרן ניט איצטער.

אין זיין עסיי וועגן קיפּלינגען ברענגט האַלקין אַרויס זייער ריכטיק דעם געדאַנק, אַז קיפּלינג איז ניט דער רעפּרעזענטאַנט פון דער ענגלישער פּאָעזיע, נאָר פון דער בריטישער, אימפּעריאַליסטישער, און גיט אויך אַ פיינעם אַנאַליז פון דעם מהות פוןביידע.

אין די עסייען איבער די אַמעריקאַנער שריפטשטעלער און דיכטער ווערט פאַר אייך בולט שמעון האַלקינס אַמעריקאַנער יניקה און זיין גייסטיקע נאָענטקייט צו עטלעכע פון זיי. אָבער איר קאָנט דאָס ניט אָפּפטרן מיט סתם אַ פּראַזע, דאָ פאָדערט זיך אַ גרינטלעכע און טיפע אָפּהאַנדלונג.

צום סוף ווילט זיך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן האַלקינס שווערן סטיל, וועלכער וואַרפט אָן כלומרשט אַ פּחד אויף דעם פּשוטן לייענער. מיר דוכט זיך, אַז די באַשולדיקונג איז אַ בבא־מעשה אָן אַ יסוד: האַלקינס סטיל איז רייך, פאַרשידנאַרטיק און ווי אויסגעטאָקט פון גראַניט. ער פאַרלאַנגט טאַקע פון דעם לייענער קאָנצענטרירטקייט און אינטענסיווקייט, אָבער דערפאַר באַזיצט ער קלאָרקייט און ספּעציפישן חן און טעם, און אַז איר בייסט אים איין, ווערט איר פאַרכאַפּט פון זיין אַראָמאַט און צויבער.

פאָרשער, פובליציסטן

אַ פּובליציסטיש ווערק פון אַ באַקאַנטן געלערנטן

דער באַקאַנטער געלערנטער און תלמוד־פּאָרשער, פּראָפעסאָר חיים טשערנאָוויץ, וועלכער איז באַקאַנט דעם העברעישן לייענער בעיקר מיט זיינע פאָרשונגען אויפן געביט פון חכמת ישראל. יידישע וויסנשאַפט, און וועמענס ווערק עס פאַרנעמט אַ חשובן פּלאַץ אין אונדזער העברעישער וויסנשאַפטלעכער ליטעראַטור, איז ניט קיין קאַבינעט־מענטש, וואָס שליסט זיך אָפּ אין זיינע דלד־אמות פון הלכה און רעאַגירט ניט אויף די פּראָבלעמען פון לעבן. להיפך, פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ איז אַ קעמפער און אַ שרייבער, וואָס רעאַגירט אויף אַן אייגנאַרטיקן שטייגער אויף אַלע לעבנס־דערשיי־נונגען, און הויפּטזעכלעך אויף יידישע קולטור־פּראָבלעמען און אויף אַלץ, וואָס האָט אַ דירעקטן שייכות מיט ציוניזם.

אמת, זיין דורשט צו וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען האָט אַ קאָפּעטשקע אָפּגעקילט זיין קאַמפּס־גייסט און זיין פּובליציסטישע נייגונגען, און פאַר־גלייכנדיק זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען צו זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק: „תולדות הלכה" און זיינע זייער באַלערנדיקע הקדמות און קאָמענטאַרן צו דעם „קיצור התלמוד", מוזן מיר קומען צו דעם עניוותדיקן באַשלוס פון אונדזער חשובן מחבר פון „בשערי ציון",* אַז „סוף־כל־סוף זיינען צייט־אַרטיקלען ניט זיין שטענדיקע באַשעפטיקונג, נאָר אַ צייטווייליקע באַשעפ־טיקונג" אָבער מיר האָבן אַן אַלטן און זייער קלוגן כלל פון אונדזערע חכמי התלמוד: „שיחת חולין של תלמידי חכמים צריכה תלמוד" — אפילו אַן איינפאַכער, פּשוטער שמועס פון אַ תלמיד־חכם דאַרף געשטודירט ווערן.

מכל שכן פּובליציסטישע אַרטיקלען פון אַזאַ תלמיד־חכם ווי רב צעיר — דער פען־נאָמען פון פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ — דאַרפן געלייענט און גע־

---

* „בשערי ציון", זאַמלונג פון אַרטיקלען וועגן ציוניזם און ארץ־ישראל, פון רב צעיר (פּראָפ' חיים טשערנאָוויץ).

שטודירט ווערן מיט גרויס אינטערעס פון יעדן איינעם, וואָס אינטערעסירט זיך מיט יידישע קולטור־פּראָבלעמען בכלל און מיט ציוניסטישע פּראָבלעמען בפרט, ווייל די פּובליציסטישע אַרטיקלען פון רב צעיר זיינען אייגנטלעך פיל מער ווי „מאמרי זמן" — אַרטיקלען איבער צייט־פּראָבלעמען.

רב צעירס פּובליציסטישע אַרטיקלען, בעיקר יענע, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט פּראָבלעמען פון דערציונג, קולטור, שפּראַך, רעליגיע און נאַציאָ־נאַלקייט, באַלאַנגען צו אַ העכערער פּובליציסטישער קאַטעגאָריע. כ'וואָלט געזאָגט, אַז דאָס איז פּובליציסטיק פון אחד העמס שניט און שטייגער — אַ סינטעז פון פּובליציסטיק און פילאָזאָפיע. רב צעיר אַנאַליזירט צייט־פּראָבלעמען מיט דער שאַרפקייט פון אַ גרויסן תלמודיסט, מיט דער זאַכ־לעכקייט פון אַ וויסנשאַפטסמאַן און מיט דער נשמה־וואַרעמקייט פון אַ פּאָעט. אַפילו די אַרטיקלען, וואָס האָבן אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן אָנגעוווירן זייער אַקטועלקייט, האָבן ניט פאַרלוירן אין גאַנצן זייער ווערט. זיי האָבן נאָך אַלץ מער, ווי אַ היסטאָרישן ווערט — ווי דער חשובער מחבר דריקט זיך אויס עניוותדיק אין זיין הקדמה. און הגם דער שרייבער פון די שורות געהער ניט צו דער פּאַרטיי־שער ריכטונג פון ד"ר טשערנאָוויץ, און ער איז ניט מסכים מיט זיינע פּאָליטישע אָנשויונגען, האָט ער פון דעסטוועגן געלייענט מיט גרויס אינטערעס זיינע פּאָליטישע און אויך זיינע שאַרפע פּאָלעמישע אַרטיקלען איבער ציוניזם, ווו ער קריטיקירט אומרחמנותדיק, אָבער אויף אַ זייער טאַקטפולן אופן, אונדזערע פירער בכלל, און פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן בפרט.

די פּובליציסטישע אַרטיקלען פון רב צעיר זיינען איינגעטיילט אין דריי הויפּט־אָפּטיילונגען: דערציונג און קולטור, רעליגיע און נאַציאָנאַלקייט און פּאָליטישער ציוניזם.

אין דער ערשטער אָפּטיילונג, וועלכע איז, דרך אגב, די עלטסטע און איז געשריבן געוואָרן אין די יאָרן תרע"ב־תרע"ג, קריטיקירט פּראָפעסאָר טשער־נאָוויץ די דעמאָלטדיקע ארץ־ישראלדיקע יונגע דערציונגס־אינסטיטוציעס און וויזט אָן זייערע חסרונות און דעפעקטן; אַ טייל פון זיי זיינען דורך דעם פאַרלויף פון צייט שוין אויסגעבעסערט געוואָרן און אַ טייל זיינען ליידער נאָך ניט אויסגעבעסערט געוואָרן, זיינען נאָך אַלץ אַקטועל, אמת, ניט אין זייער אַמאָליקער שאַרפקייט.

אונדז דוכט זיך, אַז ס'איז כדאי איבערצוגעבן בקיצור עטלעכע פון די הויפּט־טענות פון ד"ר טשערנאָוויץ קעגן די דעמאָלטיקע און אפשר אויך איצטיקע דעפעקטן אין דער ארץ־ישראלדיקער דערציונג.

א) די נעגאַציע פון דער פאַרגאַנגענהייט (שלילת העבר). ד"ר טשער־נאָוויץ קריטיקירט זייער שטאַרק די ביטול־באַציונג פון אַ טייל פון אונדזערע דערציער צו אונדזערע אַלטע קולטור־ווערטן, צוליב זייער אויסגעשפּראָכע־נעם רעליגיעזן כאַראַקטער, און ער ווייזט אָן זייער איבערצייגנדיק, אַז קיין וויכטיקע, נייע, אָריגינעלע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן האָבן מיר נאָך פאַר־לויפיק ניט געשאַפן, אַז אונדזערע נייע קולטור־ווערטן זיינען אַ קאָפּיע פון אייראָפּעישע קולטור־ווערטן, היינט ווי אַזוי קאָנען מיר דערציען אַ נאַצ־יאָנאַלן יידן דורך אייראָפּעישע קולטור־ווערטן?

ב) דער מיעוט פון קולטורעלער דערציונג (מיעוט החינוך התרבותי). ד"ר טשערנאָוויץ באַקלאָגט זיך, אַז די תלמידים אין ארץ־ישראל באַציען זיך מיט ביטול צו דערוואַקסענע, אַפילו צו זייערע עלטערן, צוליב פאָלגנדיקע צוויי סיבות: 1) קולטורלאָזיקייט פון דער סביבה, וועלכע איז דעמאָלט געווען אַ ווילד־אַראַבישע; קיין יידישע קולטור איז נאָך דעמאָלט ניט געווען, און צוליב 2) דער נעגאַטיווער באַציונג פון די דערציער צו דער פאַרגאַנגענ־הייט בכלל און צו דעם גלות בפרט. אונדזער חשובער מחבר פאָדערט, אַז אונדזערע לערן־אַנשטאַלטן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין דערציונגס־אַנשטאַלטן.

ג) דער מאַנגל פון פאַסיקע גוטע לערן־ביכער און לייען־ביכער האָט מעוועט דעם פּראָגרעס פון דער ארץ־ישראלדיקע דערציונג. אָט דער חסרון איז שוין כמעט אין גאַנצן אויסגעבעסערט געוואָרן דורך די באַמיונגען פון אונדזערע ארץ־ישראלדיקע דערציער.

ד) פילשפּראַכיקייט. ד"ר טשערנאָוויץ קריטיקירט זייער שטאַרק דאָס לערנען פון פיל שפּראַכן אין די ארץ־ישראלדיקע שולן און טענהט, אַז דאָס פירט צו קולטורלאָזיקייט. הויפּטזעכלעך איז ער קעגן דעם לימוד פון אַראַ־ביש אין די עלעמענטאַר־שולן, ווייל ער האָט מורא, אַז דאָס וועט פירן צו אַסימילאַציע. און כאָטש ער באַציט זיך ניט מיט ביטול צו דעם אַראַבישן פאָלק, זיין קולטור און ליטעראַטור, האַלט ער אָבער, אַז אין איר איצטיקן צושטאַנד, איז די אַראַבישע קולטור מינדערווערטיק אין פאַרגלייך צו

אונדזער קולטור, פון דעסטוועגן האָט ער מורא, אַז מיט דער צייט זאָל ניט די מינדערווערטיקע אַראַבישע קולטור איינשלינגען אונדזער העברעישע קולטור.

ה) די אָפּוועזנהייט פון דאָרפישער דערציונג. — דער חשובער מחבר פאָדערט, אַז מער געוויכט זאָל געלייגט ווערן אין אונדזערע שולן אויף אַגריקולטורעלער דערציונג, בכדי צוצובינדן אונדזערע תלמידים צום דאָרף און בכדי צו דערציען אַ געבילדעט פּאַכמעניש פּויערטום. אויך דער דאָזיקער חסרון איז פיל אויסגעבעסערט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן, בעיקר אין די הסתדרות־שולן, אָבער, לויט ווי מיר איז באַקאַנט פון דער ארץ־ישראלדיקער פּרעסע, איז נאָך געבליבן זייער פיל אויפצוטאָן אויף דעם געביט.

ו) די אָפּוועזנהייט פון אַן איינהייטלעכן שול־סיסטעם, דערציונגס־מעטאָד און קוריקולום — אויך דער חיסרון איז אין אַ גרויסער מאָס באַזייטיקט געוואָרן, אָבער מיר זיינען אויך איצטער ווייט פון שלימות.

מיר האָבן בכוונה אויסגערעכנט די חסרונות, וואָס ד״ר טשערנאָוויץ האָט מיט אַן ערך פינף און צוואַנציק יאָר צוריק געפונען אין די ארץ־ישראלדיקע שולן, בכדי אָנצוווייזן, אַז די אַרטיקלען זיינען דורך דער אויבנ־דערמאָנטער צייט אַ רעכט ביסל פאַרעלטערט געוואָרן און דעריבער האָבן זיי על פי רוב נאָר אַ היסטאָרישן ווערט.

אין דער אויבנדערמאָנטער אָפּטיילונג ווידמעט פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ פיל פּלאַץ דער באַוווּסטער העברעישער גימנאַזיע „הרצליה״ צוליב איר פּאָזיטיווער שטעלונג צו ביבל־קריטיק און צוליב איר בלינדן, נאַרישן ניט־וויסנשאַפטלעכן נאָכפּלאַפּלען די קריסטלעכע ביבל־קריטיקער, וועלכע באַ־רויבן פון אונדזער „ספר הספרים״ זיין קדושה און פאַרבילִיקן אין די אויגן פון די תלמידים זיין ווערט. זיין קריטיק איבער ביבל־קריטיק איז אַנאַליטיש־לאָגיש און פול מיט פּאַטאָס און יעדער תנ״ך־לערער קאָן פיל פּראָפיטירן פון די אַרטיקלען.

זייער אינטערעסאַנט און באַלערנדיק זיינען אויך רב צעירס אַרטיקלען איבער דער ליטעראַטור, וואָס שאַפט זיך אין ארץ־ישראל. זייער כאַראַק־טעריסטיש איז זיין מיינונג, אַז דער אָריגינעלסטער ארץ־ישראלדיקער דענ־קער איז געווען הרב קוק ז״ל.

די אַרטיקלען איבער דער וויכטיקייט פון רעליגיעזער דערציונג האָבן אַ גרויסן ווערט. אין זיי האָט זיך ד״ר טשערנאָוויץ איינגעגעבן אין אַ זייער

איבערצייגנדיקן אויפֿ אַרויסצובורענגען זיינע הויפּט־הנחות וועגן דער וויכ־טיקייט פון רעליגיעזער דערציונג, הן פון ריין פּעדאַגאָגישן, הן פון מאָראַל־עטישן שטאַנדפּונקט, און דאָ באַנייט ער ווידער זיין „אַטאַקע" קעגן דער ביבל־קריטיק אויף אַ זייער קריטיש־אַנאַליטיש־פּאָלעמישן אופן.

אין דער צווייטער אָפּטיילונג: דת ולאומיות — רעליגיע און נאַציאָ־נאַלקייט, פּאַרפּעסטיקט פּראָפּעסאָר טשערנאָוויץ זיין גרונט־הנחה, אַז ס'איז ניטאָ קיין יידישע נאַציאָנאַלקייט אָן רעליגיע און ס'איז ניטאָ קיין יידישע רעליגיע אָן נאַציאָנאַלקייט; אַז די זוכענישן פון אַבסאָלוטער גייסטיקייט וואָס איז געווען אַ שטענדיקע דערשיינונג ביים יידישן פֿאָלק, האָט געפונען איר אויסדרוק אין צוויי ווערטער: תורה וגאולה — תורה און דערלייזונג; אַז אונדזער שטרעבונג נאָך ארץ־ישראל איז געווען און דאַרף שטענדיק זיין אַ העכערע שטרעבונג, אַן עטיש־מאָראַלישע און גייסטיק־נבֿואהשע שטרע־בונג, און ניט — בלויז קיין ערדיש־שטאָטלעכע.

ווי אַזוי אונדזער חשובער מחבר פּאַרבינדט די עטיש־מאָראַלישע אָנ־שווינגען מיט זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען — איז אַ רעטעניש פֿאַר דעם שרייבער פון די שורות.

און כ'קאָן זיך ניט באַהערשן פון ניט ציטירן פֿאָלגנדיקע ציטאַטע אין אָריגינאַל: „הכח המאחד היחידי שלנו, שכולנו מודים בו ושבידו להביא אותנו תחת עול ברזל אחד ולהטביע את פרצופנו במטבעה אחת קבועה ומסוימה — זהו כח הדת".

און נאָך אַ קורצע ציטאַטע: „לשוב לציון בלי אלהי ציון — זוהי סתירה מינה ובה". און דעם מענטשן האָבן אַ טייל פון אונדזערע געשווירענע גאָטס סטראַפּטשעס געהאַט די חוצפּה צו באַצייכענען ווי אַן אַפּיקורס...

און אַז איר לייענט איבער רב צעירס תשובה אויף דער פּראַגע וועגן וואָלרעכט פאַר פרויען, זעט איר פֿאַר זיך אַן ערשטקלאַסיקן תלמיד־חכם מיט אַ ברייטן וועלט־פּאַרנעם, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט דעם אַלטן תלמור־דישן גייסט פון — „כוחא דהיתרא עדיף",* און איר ווייסט ניט אויף וואָס פריער זיך צו וווּנדערן: צי אויף זיין בקיאות און חריפות, צי אויף זיין טיפן היסטאָרישן בליק. דאָס זעלבע געפיל האָט איר לייענענדיק זיין אַרטיקל:

* דער כוח פון היתר איז וויכטיקער.

„משפט לאומי״,* ווו ער פּאַרפּעסטיקט זיין גרונט־הנחה אַז „המשפט הלאומי הוא האַספּקלריה של נשמת האומה״ — די נאַציאָנאַלע געזעצגעבונג איז דער שפּיגל פון דער פאָלקס־נשמה, און אַז דער „חושן המשפט״ איז די אַנט־וויקלונג פון יידישן יושר און דער „בית האוצר״ פון אונדזער פאָלקס־נשמה. ממילא ווערט איר שוין ניט איבערראַשט לייענדיק זיין אוטאָפּיסטישן אַר־טיקל וועגן דער „באַנייונג פון די סנהדרין״ און זיין צווייטן אַרטיקל — „די קאָנסטיטוציע פון די סנהדרין״. דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אייך רב צעיר אין אַ נייער געשטאַלט — רב צעיר דער אוטאָפּיסט, דער טרוימער. דעמאָלט ווערן אייך באַגרייפלעך זיינע פּאָליטישע אָנשוױונגען, וואָס זיינען, לויט אונ־דזער מיינונג, מער אוטאָפּיסטיש־טרוימעריש, ווי רעאַל־פּאָליטיש...

און דאָ קומען מיר צו דער דריטער אָפּטיילונג: הציונות המדינית — דער פּאָליטישער ציוניזם, וועלכע איז, ווי דער חשובער מחבר גלייבט, די סאַמע וויכטיקסטע, און דער שרייבער פון די שורות קאָן, ליידער, מיט אים ניט מסכים זיין. אָן אויסנאַם איז זיין באַלערנדיקער אַרטיקל „זכותנו המש־פּטית על ארץ־ישראל״ — אונדזערע געזעצלעכע רעכט אויף ארץ־ישראל, וועלכער האָט אַ יורידישן ווערט און לייענט זיך מיט גרויס אינטערעס, אַפילו ווען מען איז ניט מסכים מיט פּראָפעסאָר טשערנאָוויצעס פּאָליטישע אָנשוױונגען.

אין דער דריטער אָפּטיילונג קריטיקירט פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ די איצטיקע ציוניסטישע לייטונג און בעיקר דעם פּרעזידענט פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן זייער שאַרף, פיל מאָל שוין אַ ביסל צו שאַרף, אָבער אַלץ אויף אַ זייער טאַקטפולן אופן, און ער באַמיט זיך אָנצוווייזן אַז פּראָפעסאָר ווייצמאַנס פּאָליטיק איז אַ נאָכגעבערישע, און אויב ענגלאַנד הערט זיך ניט צו צו אונ־דזערע גערעכטע טענות און פאָדערונגען, דאַרפן מיר זיך ווענדן צו דער פעלקער־ליגע און צום אינטערנאַציאָנאַלן געריכט אין האַג, ניט מיט זייער געווער — מיט דיפּלאָמאַטיע און פּאָליטיק — קענען מיר באַזיגן די תקיפים (ד.ה. ענגלאַנד), וואָס זיינען מעכטיקער פון אונדז, נאָר מיט אונדזער געווער — מיט צדק און משפּט. די אויבנדערמאָנטע ציטאַטע דערמאָנט אונדז זייער שטאַרק אָן אחד העמס באַרימטע פראַזע „אַז די יידישע דערלייזונג וועט ניט

* דער אַרטיקל איז געווען געדרוקט אין יאָר 1937.

קומען דורך דיפּלאָמאַטן, נאָר דורך נביאים״, הגם פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ איז אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון „אחד העמיזם״.

ד״ר טשערנאָוויץ באַמיט זיך צו באַווייזן דורך אַ טיפן יורידישן תלמו־דישן אַנאַליז, אַז ענגלאַנד האָט זיך מתחייב געווען דורך דער באַלפור־דעקלאַראַציע צו גרינדן אין ארץ־ישראל אַ יידישן שטאַט — מלוכה יהודית — און מען מוז אַנערקענען, אַז זיין אַנאַליז און זיין קריטיק קעגן ענגלאַנד איז אַ לאָגיש־אויסגעהאַלטענע. דערפאַר איז זיין באַשולדיקונג קעגן ד״ר ווייצמאַן, אַז זיין האַנדלונג אין אַ געוויסן פּאַרצווייפלטן און קריטישן מאָמענט „כאילו היה משרת אנגליה״ — גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ משרת פון ענגלאַנד, און אַז זיין שיטה איז „התרפסות ונשיקת שבט״ — אַ מה־יפתדיקע און בייטש־קושנדיקע — זייער ניט באַגרינדעט און ממילא — באַדויערנס־ווערט.

מיר ווילן ניט מער אַנאַליזירן די פּאָליטישע אָנשויונגען פון פּראָפעסאָר טשערנאָוויץ, וויל, ווי געזאָגט, באַלאַנגט דער שרייבער פון די שורות צו אַ קעגנזעצלעכער פּאָליטישער ריכטונג און ער האָט מורא, אַז זיין קריטיק קאָן ניט זיין אין גאַנצן אָביעקטיוו.

אָבער מיט שמחה און צופרידנקייט זאָל דאָ באַצייכנט ווערן דער פאַקט, אַז ד״ר טשערנאָוויצעס פּעסימיסטישע שטימונגען און פּעסימיסטישע נבואה, וואָס האָט אים אַרומגעכאַפּט נאָך די פריערדיקע אומרוען אין ארץ־ישראל, זיינען ניט מקוים געוואָרן — ניט נאָר איז די אימיגראַציע ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן, נאָר פאַרקערט, זי האָט זיך פאַרגרעסערט אין אַזאַ מאָס, אַז הלוואי ווייטער ניט ערגער. און דעריבער לאָמיר האָפן, אַז זיין הויפּט־קריטיק קעגן דער איצטיקער לייטונג, אַז זי האָט פאַרנאַכלעסיקט דעם ענדציל — דעם שטאַט, און זיך געווידמעט אין גאַנצן אימיגראַציע און קאָלאָניזאַציע, וועט זיך אַרויסווייזן אין ליכט פון שפּעטערדיקע געשעענישן ניט קיין ריכ־טיקע.

און צום סוף ווילט זיך זאָגן, אַז טראָץ די אַלע אויסזעצונגען, וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט צו אונדזער חשובן מחבר, שטעלט ער פעסט מיט פרייד, אַז אונדזער העברעישע פּובליציסטיק, וואָס איז ליידער אָרעם אין וויכטיקע ווערק, איז באַרייכערט געוואָרן דורך דעם אינהאַלטרייכן ווערק „בשערי־ציון״. צי דער לייענער וועט מסכים זיין מיט אַלע רב צעירס גרונט

הנחות, אָדער ניט, וועט ער יעדנפאַלס סטימולירט ווערן צו ערנסטע באַ־טראַכטונגען, און ממילא האָט שוין דער מחבר דערגרייכט זיין ציל. עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז רב צעיר איז אַ מייסטער אין סטיל און זיין בוך דאַרף זיך געפינען ביי יעדן העברעישן לייענער.

ד״ר שמואל י. פייגין – דער געלערנטער, פאָרשער און מענטש

ד״ר שמואל י. פייגין האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַן אָריגינעלער תנ״ך־פאָרשער, ווי אַ קריטיקער פון וויסנשאַפטלעכע ווערק, ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער און אויך ווי אַ פּובליציסט.

ער איז געווען אַן אויסגעשפּראָכענער העברעער און האָט געגלייבט, אַז די וואָס האָבן פּיינט העברעיש האָבן בכלל פּיינט יידישקייט. „צוררי העברית, הם צוררי היהדות בכלל״ (דורנו, חוברת א, תרצ״ז, זייט 13). ער האָט געהאַט אַ נאַטירלעכע ליבע צו יידיש, און האָט געשריבן אויסגעצייכנטע וויסנשאַפטלעכע און קריטישע אָפּהאַנדלונגען אויף יידיש, וועלכע האָבן זיך געדרוקט אין „צוקונפט״ לאַנגע יאָרן.

ער האָט זיך באַמיט צו שרייבן פּשוט און קלאָר און ניט צו פאַרוואָסערן זייער וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט.

אין זיין פּאָלעמיק מיט איינעם פון זיינע קריטיקער, וואָס האָט אים באַשולדיקט, אַז זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען זיינען צו פּאָפּולער, ענט־פערט אים ד״ר פייגין, אַז „ס׳איז די פליכט פאַר יעדן שרייבער צו שרייבן אויף אַ פאַרשטענדלעכן אופן, אַז דאָס פּשוטע פאָלק זאָל אים פאַרשטיין, ווען די אַרטיקלען זיינען געשריבן אין זיין שפּראַך: העברעיש, אָדער יידיש״ (מסתרי העברי, זייט 269).

אַליין אַ קינד פון אָרעמע עלטערן און בטבע אַ פאָלקס־מענטש, האָט ער פּשוט פיינט געהאַט די געלערנטע, וואָס באַציען זיך מיט ביטול צו די ברייטע פאָלקסמאַסן און האָט זיי גערופן שפּאָסיק און גאַליק „וויסנשאַפטלעכע פּרי־מאַדאָנעס״.

דריי לענדער האָבן בייגעטראָגן זייער בייטראָג צו דער געשטאַלטונג פון ד״ר פייגינס פערזענלעכקייט און דריי פאַרשיידענע שולן האָבן אויסגעיבט זייער השפּעה אויף זיין למדנות, וויסנשאַפט און שעפערישקייט.

רוסלאַנד און אירע ישיבות, ווו ער האָט געלערנט אין זיינע יונגע יאָרן, האָבן אים געגעבן זיין ברייטן פאַרנעם און זיין פאַרצווייגטן אינטערעס אין פאַרשיידענע געביטן פון יידישער למדנות: תנ"ך־פאַרשונג, פרשנות המקרא (תנ"ך־דערקלערונג), הלכה, מיטאַלטערלעכע און מאָדערנע ליטעראַטור.

ארץ־ישראל, דאָס לאַנד פון זיינע חלומות, ווו ער האָט שטודירט אייניקע יאָרן אין דאָרטיקן לערער־סעמינאַר, און די שטאַרקע השפעה פון דעם גרויסן תנ"ך־געלערנטן דוד יעלין, האָט אַנטפּלעקט פאַר אים די גענייאַליטעט פון אייביקן ווערק, דער תנ"ך, וועמען ער האָט אין זיינע שפּעטערע יאָרן געווידמעט זיינע וויסנשאַפטלעכע פאַרשונגען.

אַמעריקע, דאָס לאַנד ווו ער האָט זיך דערוואָרבן זיין אַקאַדעמישע ביל־דונג און זיינע ברייטע קענטענישן פון אַלטע סעמיטישע שפּראַכן און קולטורן, האָט פאַר אים אַנטפּלעקט ברייטע האָריזאָנטן און האָט אין אים איינגעפּלאַנצט אַן אויסערגעוויינטלעכע ליבע פאַר דעמאָקראַטיע בכלל, און בעיקר — זיין דעמאָקראַטישע באַציונג צו די ברייטע יידישע מאַסן און זיין דראַנג צו באַרייכערן זייערע ידיעות און צו פאַרטיפן זייער בליק אויף פאַרשיידענע יידישע פּראָבלעמען.

ד"ר פייגין האָט געצויגן זיין יניקה פאַר זיינע תנ"ך־פאַרשונגען פון די ארץ־ישראלדיקע בלויע הימלען, פון איר לאַנדשאַפט, פון אירע לויטערע אויסגעשטערנטע נעכט. ער פלעגט זאָגן עניוותדיק: „אויב כ'האָב עפּעס ביי־געטראָגן צו דער תנ"ך־פאַרשונג, האָב איך דאָס צו פאַרדאַנקען די עטלעכע יאָרן פון מיין לעבן אין ארץ־ישראל און מיין גרויסן לערער ר' דוד יעלין".

תנ"ך־פאַרשונג איז אַן אַלטע יידישע וויסנשאַפט: אין אַלע דורות האָבן אונדזערע געלערנטע און פאַרשער זיך באַמיט אויסצופאָרשן און צו דער־קלערן אונדזער „ספר הספרים".

די חכמי התלמוד, וועלכע האָבן פאַרהיילִיקט ניט נאָר די תורה גופא, נאָר אַפילו אירע אותיות, האָבן זיך ניט געשראָקן אָנצוווייזן אויף געוויסע סתירות און האָבן זיי פאַרענטפערט אויף אַ טראַדיציאָנעלן אופן. אונדזער גרעסטער טראַדיציאָנעלסטער אויסטייטשער פון תנ"ך, רש"י (רבי שלמה יצחקי), האָט ניט קיין מורא געהאַט איבערצוטוישן דעם סדר פון ווערטער אין געוויסע פסוקים (סרס המקרא יפרשהו), בכדי זייער אויסטייטשונג זאָל זיין לאָגיש־פאַרשטענדלעך און איינפאַך. אָפּגערעדט פון ר' אברהם אבן עזרא,

וועמענס לאַקאָניש־קורצע באַמערקונגען זיינען פיל מאָל זייער ווייט פון דער טראַדיציאָנעלער אינטערפּרעטאַציע פון תנ״ך.

די תנ״ך־פאָרשונג פון אונדזערע געלערנטע האָבן פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס פון פאָלק צום אייביקן ספר, האָבן אים פאַרטייטשט און אויסגעטייטשט אין די באַגריפן פון דער צייט און האָבן געשטאַרקט זיין ליבע אין זיין רעספּעקט צו דער גייסטיקער ירושה.

אין די לעצטע דורות איז די תנ״ך־פאָרשונג פאַרוואַנדלט געוואָרן, צוליב פאַרשיידענע סיבות, אין „ביבל־קריטיק״, וועלכע האָט פיל מאָל, אונטער דער מאַסקע פון ריינער אָביעקטיווער וויסנשאַפט, פּרובירט צו באַווייזן, אַז דער יידישער געניוס האָט ניט געשאַפן קיין אָריגינעלע ווערק, אַז מיר זיינען ניט מער ווי אַ פאָלק פון גייסטיקע מעקלער און פאַרמיטלער, וועלכע האָבן איבערגעפלאַנצט די גייסטיקע קולטור־אוצרות פון די כנענים, בבלים און די מצרים אין אונדזער קולטור און ליטעראַטור, און זיי אַ קאַפּעטשקע איבערגעניצעוועט, בכדי זיי זאָלן אויסקוקן ווי אָריגינעלע שאַפונגען.

פיל יידישע געלערנטע האָבן געטרונקען דאָס פאַרגיפטעטע וואַסער פון די אַנטיסעמיטישע ביבל־קריטיקער און פאַרפּעסטעט די מוחות פון אַ גרויסן טייל פון אונדזערע יוגנטלעכע אינטעלעקטואַלן מיט די אַנטיסעמיטישע „חכמות״.

די דייטשע ביבל־קריטיקער האָבן געשאַלטעט ביז ס׳האָבן זיך ביי אונדז באַוויזן אַ גרופּע יידישע תנ״ך־פאָרשער, וועלכע האָבן געלערנט די אָריענטאַלישע שפּראַכן און זייערע קולטור־אוצרות און האָבן זיך באַוואָפנט מיט אַלע צווייגן פון דער תנ״ך־וויסנשאַפט, ווי צום ביישפּיל: פאַרגלייכנדיקע פילאָלאָגיע, אַרכעאָלאָגיע, אַנטראָפּאָלאָגיע און אַ ריי אַנדערע וויסנשאַפטן, וואָס האָבן אַ דירעקטע שייכות מיט אָריענטאַלישע און תנ״ך־פאָרשונגען.

אַ דאַנק זייער קענטעניש פון אונדזערע אַלטע מקורות האָט זיך זיי איינגעגעבן צו דעמאַסקירן פיל אַנטיסעמיטישע געלערנטע און אָפּרעגן זייערע הנחות וועגן דער אינפעריאָריטעט פון יידישן גייסט און געניוס און זיי האָבן געלייגט דעם יסוד פאַר אַ באַנייטער, זעלבשטענדיקער תנ״ך־פאָרשונג, כאָטש זיי האָבן ניט מבטל געווען די ריינע וויסנשאַפטלעכע גרונט־פּרינציפּן פון די ביבל־קריטיקער.

איינע פון דער קליינער גרופּע יידישע תנ"ך־פאָרשער איז געווען ד"ר שמואל י. פייגין, וועלכער האָט אין זיין וויסנשאַפטלעכן ווערק „מסתרי העבר" (די געהיימנישן פון דער פאַרגאַנגענהייט) באַקעמפט די פּאַן־באַבילאָ־ניסטישע קאָנצעפּציע, אַז דער אורשפּרינג און דער מקור פון אונדזער גלויבן, וועלט־אַנשויונג און קולטור איז אַ באַבילאָנישע, די געזעצן פון אונדזער תורה זיינען געלקחנט פון דער געזעצגעבונג פון האַמוראַבי. ער האָט באַוויזן אויף אַ שטרענגן וויסנשאַפטלעכן אופן די גרונטלאָזיקייט פון דער פּאַן־ביבליאָניסטישער שולע.

ד"ר פייגין האָט שטאַרק רעספּעקטירט דעם באַרימטן עגיפּטאָלאָג פּראָפעסאָר דזשיימס ברעסטעד, אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט צו באַקעמפן זיין טעאָריע, אַז די יידן זיינען ניט געווען די אָריגינעלע באַשעפער פון דער עטיש־מאָראַלישער גאָט־דערקענטניש, און די דערציילונגען פון ספר בראשית און די געזעצן פון דער תורה, האָבן די יידן גענומען פון די בבלים; אַז אַ באַדייטנדיקער טייל פון די ספרים תהלים, משלי, איוב, זיינען דירעקט, אָדער אינדירעקט באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער עגיפּטישער חכמה־ליטע־ראַטור. ער דערקלערט מיט אַ טאָן פון ביטערניש „אַז אַ בוך וואָס באַ־צוועקט אָראָפּצונידערן דעם ייד פון זיין גרויסקייט אַלס שאַפער פון מאָראַל העלפט די אַנטיסעמיטן, וועלכע באַשמוצן דעם יידישן כבוד אין דער טעאָריע און אין פּראַקטיק".

ד"ר פייגין גייט אַרויס פון אַ הנחה, אַז ניט נאָר האָבן די יידן ניט געבאָרגט זייער וועלט־אַנשויונג פון די כנענים, בבלים און די מצרים, נאָר טאַקע פאַרקערט: זיי האָבן געבאָרגט אידעען צו די בבלים און די מצרים. ס'איז אפשר גאָר מעגלעך, אַז די עגיפּטישע חכמה איז געשאַפן געוואָרן פון חכמים פון יידישער אָפּשטאַמונג — אַ סברה, וואָס קאָן ניט באַוויזן ווערן וויסנשאַפטלעך און איז נאָר אַן השערה.

ד"ר פייגין האָט באַקעמפט אויך די טעאָריע, וועלכע האַלט, אַז די העב־רעישע שפּראַך איז ניט קיין אָריגינעלע יידישע שאַפונג, נאָר די שפּראַך פון די כנענים, און דערקלערט גאַנץ קאַטעגאָריש, אַז אַט די טעאָרעטיקער האָבן ניט קיין וויסנשאַפטלעכע ראיות פאַר זייער טעאָריע.

ד"ר פייגין האָט באַקעמפט די באַציונגען פון אַ טייל קריסטלעכע גע־לערנטע צו דער יידישער תנ"כישער מסורה. זיי באַטראַכטן זי ווי אַ ניט

באַגלויבלעכער יסוד פאַר זייער תנ״ך־פאַרשונג, כל זמן זי איז ניט באַשטעטיקט געוואָרן דורך ניט־ביבלישע מקורות.

ד״ר פייגין האַלט, אַז די וויסנשאַפט האָט ניט קיין אָביעקטיווע ראיות קעגן דער מסורה, ווייל פיל אַרכעאָלאָגישע אַנטדעקונגען און אַלטע שריפטן האָבן פאַרפעסטיקט און באַשטעטיקט די מסורה אין אַ סך פּרטים, און מ׳קאָן האָפן, אַז אויך אַנדערע פּרטים וועלן אין דער צוקונפט באַפעסטיקט ווערן פון נייע וויסנשאַפטלעכע אַנטדעקונגען.

ד״ר פייגין האָט בכלל אַ פּאָזיטיווע באַציונג צום טראַדיציאָנעלן טעקסט פון תנ״ך. ער דערלויבט זיך אין פיל ערטער אויסצובעסערן דעם תנ״ך־טעקסט מיט גרויס פאַרזיכטיקייט און אחריות. ער איז אָבער קעגן די קריטישלעכע תנ״ך־קריטיקער און פאַרשער, וועלכע דערלויבן זיך אָן אַ ברעקעלע אחריות, איבערצושרייבן גאַנצע פּסוקים פון תנ״ך, בכדי, כביכול, „אויסצובעסערן״ דעם טראַדיציאָנעלן טעקסט, צי מ׳דאַרף די אויסבעסערונג יאָ, אָדער ניט, און זיי האָבן פיל מאָל ניט קיין ריינע וויסנשאַפטלעכע מאָטיוון אין זייער באַגרינדונג. קעגן דער הפקרדיקער באַציונג האָט ער געקעמפט אויך אין וויסנשאַפטלעכע פאַכמענישע ענגלישע זשורנאַלן און אַראָפּגעריסן די אַנטיסעמיטישע מאַסקע פון פאַלשע ביבל־קריטיקער.

זיין וויסנשאַפטליכע קריטיק האָט אַרומגענומען פאָלגנדיקע געביטן: ביבל־קריטיק און פּרשנות המקרא (תנ״ך־דערקלערונג און אויסטייטשונג), די פאָרשונג פון אָריענטאַלישע שפּראַכן און זייערע קולטורן; די פאָרשונג פון דער תלמודישער הלכה, יידישע געשיכטע בכלל און די געשיכטע פון דער מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור בפרט.

זיין קריטיק האָט זיך אויסגעצייכנט מיט וויסנשאַפטלעכער אָביעקטיווקייט און מיט איר ברייטן פאַרנעם. זיין סטיל איז ניט קיין טרוקענער, ער איז געווען אַדורכגעזאַפּט מיט נשמה־וואַרעמקייט.

זיין ליטעראַרישע קריטיק איז ניט געווען קיין טרוקענע אָביעקטיווע קריטיק, אַפילו ניט אין דער מדרגה פון זיין וויסנשאַפטלעכער קריטיק — אַ צאַרטער לירישער טאָן האָט זיך אַדורכגעריסן אין איר און האָט געפלאַטערט איבער איר. זיין ליטעראַרישע קריטיק איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַן ערנסטער, טיפער, פערזענלעך־קינסטלערישער איבערלעבונג מיט אַ צומיש פון וויסנשאַפטלעכער ערנסטקייט.

זיין גאַנג אין דער וויסנשאַפטלעכער קריטיק האָט אַרומגענומען די דאָזיקע דריי שטאַפּלען: די איבערגעבונג פון דעם ווערקס אינהאַלט, זיין שאַרף־חריפותדיקער אַנאַליז און זיין אָפּשאַצונג פון די מעלות און די חסרו־נות פון דעם קריטיקירטן ווערק און זיין מחבר. זיין אָפּשאַצונג איז געווען אַ באַשיידענע, אַ געלאַסענע, אָן אַ שמץ פון פּערזענלעכער גרויסהאַלטעריי, און זי איז קיין מאָל ניט געווען אין אַ פאָרעם פון אַ פּוסק אַחרון. ער האָט אין זיין קריטיק אָפּגעשאַצט ראשית די מעלות פון ווערק, אָבער ער האָט אויך אָנגעוויזן די פּגימות פון די קריטיקירטע ווערק אויף אַ באַשיידענעם אופן. ער האָט זיך געהיט ניט פּוגע צו זיין בכבוד צו זיין דעם מחבר פון קריטיקירטן ווערק, אַפילו ווען ער איז געווען אַ יונגער אָנפאַנגער.

אין זיין ליטעראַרישער קריטיק איז ער געגאַנגען אויף דעם זעלבן וועג און שניט: איבערגעבונג פון אינהאַלט, וואָס איז פיל מאָל געווען צו לאַנג, אַנאַליז און אָפּשאַצונג, וואָס זיינען פיל מאָל געווען אַ צוטשעפּעניש צו זיין לאַנגן אינהאַלט פון ווערק, און דאָס איז געווען זיין הויפּט־חסרון פון זיינע ליטעראַרישע קריטישע אָפּשאַצונגען — עס האָט געפעלט אין זי פּראָ־פּאָרציע, אָבער ווען ס'האָט זיך אים איינגעגעבן צו באַלאַנסירן די דריי שטאַפּלען פון זיין קריטיק, האָט ער זיך דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ קריטיקער־שאַפער.

ד״ר פייגין איז געווען אויך אַ פעיִקער פּובליציסט, ווייל וואָס איז בעצם דער גוטער, דענקענדיקער און ערנסטער פּובליציסט, אויב ניט אַ קריטיקער, וואָס רעאַגירט קריטיש אויף די סאָציאַלע, רעליגיעז־עטישע און פּאָליטישע אינסטיטוציעס פון דער געזעלשאַפט און באַמיט זיך צו געפונען אַן ערלעכן און געוויסנהאַפטן ענטפער אויף אירע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען?

און פּונקט אַזוי ווי אין זיינע וויסנשאַפטלעכע תנ״ך־פאָרשונגען האָט ד״ר פייגין מוטיק געקעמפט מיט אונדזערע אָפענע און באַהאַלטענע שונאים, אַזוי האָט ער אויך אין זיינע פּובליציסטישע אַרטיקלען געצילט אין די צבועקעס, די ניט־ערלעכע כלל־טוער פון רעכטס און לינקס.

ד״ר פייגין איז געווען אַ שטרענגער וויסנשאַפטלעכער פּעדאַגאָג. ער האָט געשטרעבט צו אַנטוויקלען צווישן זיינע תלמידים אַן ערנסטע, וויסנ־שאַפטלעכע באַציונג צו זייערע לימודים. ער האָט פיינט געהאַט פּלאַפּלעריי און אויבערפלעכלעכקייט; ער האָט ניט שטאַרק געהאַלטן פון צופיל התקר־

בות צו זיינע תלמידים, וואָס האָט אַ צומיש פון חניפה. ער האָט אָבער אמתדיק ליב געהאַט די גוטע און ערנסטע תלמידים, און אויך זיי האָבן אים רעספּעקטירט און ליב געהאַט און האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט יראת־הכבוד, כאָטש, און אפשר טאָקי דערפאַר, ווייל ער האָט קיין מאָל ניט גערעדט אין קלאַס־צימער וועגן זיך, וועגן זיינע וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע דערגרייכונגען.

ד״ר פייגין איז געווען אַ בר־לבב, אַ מענטש מיט אַ ריין האַרץ און איז געווען אויך אַ נקי־כפּים. ער האָט ניט געוואָלט אַ הנאה האָבן פון דער אַרבעט פון זיינע געטרייעסטע חברים און פריינד. ווען ער איז געווען אַ חולה מסוכן, האָבן זיינע פריינד: דער באַוווסטער געלערנטער און פאָרשער ד״ר יהודה ראָזענטאַל און מיין קלייניקייט, זיך ביי אים געבעטן, אַז זיי וועלן לערנען זיינע צוויי קלאַסן, וועלכע ער האָט געלערנט אין שיקאַגער קאָלעדזש פאַר יידישע לימודים, בכדי צו פאַרלייכטערן אים זיין שווערע אַרבעט. האָט ער זיי האַרציק געדאַנקט, אָבער בשום אופן ניט געוואָלט דערפילן זייער בקשה. — „וואָס הייסט עפּעס? איר וועט אַרבעטן פאַר מיר?״...

ווען כ׳האָב אים באַזוכט אין שפּיטאָל אייניקע וואָכן פאַר זיין טויט, איז זיין ערשטע פראַגע געווען: „דו לערנסט מסתמא איינע פון מיינע צוויי קלאַסן?״ און אין דער פראַגע איז געווען אַ תהום פון ערנסטן צער, אַז ס׳האָט מיך אַ קלעם געטאָן ביים האַרצן און כ׳האָב קוים זיך באַהערשט. זיין צווייטע פראַגע איז געווען: „ווי לערנט מיין דניאל? צי גרייט ער צו זיינע לעקציעס?״

ד״ר פייגין איז ניט נאָר געווען אַ געטרייער און איבערגעגעבענער מאַן און פאָטער, נאָר אויך אַן אמתער און געטרייער פריינד. יעדע קלייניקייט וואָס אַ פריינד האָט געטאָן פאַר אים האָט ער מקבל געווען מיט ליבשאַפט. ער האָט מקיים געווען די מצווה פון „ושננתם לבניך״ (דו זאָלסט לערנען תורה דיינע קינדער) מיט אמתער מסירת נפש און ער האָט זוכה געווען צו דערציען זיינע צוויי זין, אַז זיי זאָלן זיין געטרייע באַוווסטזיניקע יידן.

ער האָט ליב געהאַט און רעספּעקטירט זיינע חברים־שרייבער און האָט פאַר יעדן געהאַט אַ גוט וואָרט. אויף וויפל מיר איז באַקאַנט האָט די יידישע פּרעסע אין אַמעריקע אים ניט געהעריק מספיד געווען און ניט אָפּגעשאַצט זיינע פאַרדינסטן. זאָלן מיינע פּשוטע ווערטער זיין אַ בינטל בלומען אויף זיין קבר.

די יידן אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע *

דער מאָדערנער היסטאָריקער, וועמענס צוגאַנג צו געשיכטע איז אַ סאָציאָלאָגישער, האָט אַ דאָפּלטן ציל אין זיין וויסנשאַפטלעכער אַרבעט: אויסצופאָרשן דעם מהות פון דעם קיבוץ, וועלכן ער שילדערט אין זיין גאַנצן פאַרנעם, ד.ה.: זיין פּאָליטישן סטאַטוס, זיינע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וועלכע זיינען דער מקור פון זיין חיונה, זיין קולטור־מצב און זיין וווּקס, זיין אויפשטייג אָדער ירידה, זיינע באַציונגען מיט זיינע שכנים. זיין סאַמע שווערסטע אויפגאַבע איז צו סינטעזירן די אַלע פאַקטאָרן און זיי באַלייכטן סאָציאָלאָגיש־פילאָזאָפיש, אַז דער לייענער זאָל זעען פאַר זיך אַ פּילזייטיק בילד פון דעם לעבן פון קיבוץ און אויך פון זיינע שעפערישע יחידים, וועלכע האָבן בייגעטראָגן צו זיין וווּקס. האָבן אים באַאיינפלוסט און באַריי־כערט, און זיינען אויך באַאיינפלוסט און באַרייכערט געוואָרן פון קיבוץ.

צו אָט דעם דאָפּלטן ציל איז ד״ר שולוואַס געווען געטריי אין זיין פאָרשונגס־אַרבעט וועגן די יידן פון איטאַליע אין דער רענעסאַנס־תקופה.

דאָס בוך איז איינגעטיילט אין ניין הויפּט־טיילן, וועלכע דער חשובער מחבר רופט מיט דעם אַלטן טראַדיציאָנעלן נאָמען „פּרשה״. יעדע פּרשה איז איינגעטיילט אין פּרקים, אָדער קאַפּיטלען. די פּרשות זיינען: די יידישע באַפעלקערונג אין איטאַליע, די קהילה, דאָס עקאָנאָמישע לעבן, דאָס פאַ־מיליע־לעבן, דאָס רעליגיעזע און עטישע לעבן, די ליטעראַטור, די קונסט, די וויסנשאַפט (עולם המדע), דער רענעסאַנס אין טאָג־טעגלעכן לעבן (הרי־ניסאַנס בחיי יום יום).

דער לייענער קאָן זען פון דעם „תוכן הענינים״, אַז דער פאַרנעם פון דעם ווערק איז אַ גרויסער און אַ ברייטער. דער ציל פון דעם חשובן פאַר־

---

* „חיי היהודים באיטליה בתקופת הריניסאַנס״ מאת משה אַביגדור שולוואַס.

שער איז צו שילדערן אַ פּילפּאַרביק און אַ פּילזייטיק בילד פון דעם יידישן ישוב אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס־תקופה — ניט קיין היסטאָריע פון גבורים, יחידים, נאָר אַ קאָלעקטיווע געשיכטע פון קיבוץ, אַלס יחידה, מיט איר אָריגינעלקייט און אייגנאַרטיקייט, מיט אירע מעלות און חסרונות. די שעפערישע יחידים פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין ווערק, אָבער זיי זיינען ניט דאָס אייבערשטע פון שטויסל. זיי זיינען וויכטיק, אויף וויפיל זיי האָבן געהאָלפן אויספורעמען אין געשטאַלטיקן דעם גייסטיקן פרצוף פון קיבוץ, האָבן באַרייכערט זיין קאָלעקטיוון באַוווסטזיין, זיין פאָלקסגייסט.

דער מחבר פון דעם ווערק, ד״ר משה שולוואַס, וווינט אין אַמעריקע אַ קורצע צייט, אָבער ווי ס׳ווייזט מיר אויס, מאַטערט אים גאָר שטאַרק דאָס פּראָבלעם וועגן דער צוקונפט פונעם אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ, וואָס געניסט פון אַלע פּאָליטישע און בירגערלעכע פריהייטן, לעבט אין אַ הויכער און פּילזייטיקער קולטור־סביבה, ווערט באַאיינפלוסט פון איר, און האָט אַ שטיקל איינפלוס אויף איר. צי וועט ער וועלן, און טאָקע זיין ביכולת, אָפּצוהיטן זיין רעליגיעז־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער און ניט פאַרשלונגען ווערן אין דער קולטור פון דער סביבה, מיט וועלכער ער איז אין קאָנטאַקט אין פאַרשיידענע צווייגן פון לעבן?

רמזים, און אפשר מער ווי רמזים, וועגן אויבנדערמאָנטן פּראָבלעם געפינט דער לייענער אין גאַנצן ווערק, כמעט אין יעדן פּרק. אינעם קורצן אַריינפיר צום בוך (מבוא) זאָגט דער מחבר בפירוש: „דער יידישער פאָרשער ווערט פאַראינטערעסירט אין דער שילדערונג פון דער תקופה אויך צוליב די „מאָדערנע״ פּראָבלעמען, וואָס האָבן געמאַטערט דעם יידישן ציבור פון דער רענעסאַנס־עפּאָכע: ווי אַזוי צו לעבן אין אַ פרעמדער, פריינדלעכער סביבה, וועמענס קולטור־ניוואָ איז אַ הויכער, און ס׳זאָל ניט צעשטערט ווערן דער יידישער כאַראַקטער פון ציבור און פון יחיד?״ (כמעט אַ ווערטערלעכע איבערזעצונג) — און דער מחבר ענדיקט דעם פּאַראַגראַף מיט די דאָזיקע ווערטער: „מיר דאַכט זיך, אַז אין דעם קאָמפּלעקס פון דעם היסטאָרישן נסיון פון דעם יידישן קיבוץ אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס־תקופה, קאָן מען געפונען אַ באַשטימטע הדרכה צו לייזן געוויסע פון די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען מיט וועלכע ס׳מאַטערט זיך אונדזער פאָלק אין די טעג פון בלאָנ־דזשעניש (מבוכה), אויף די געביטן פון רעליגיע, קולטור־און קהילה־לעבן״.

אָט די ביודעימדיקע, אָדער שלא ביודעימדיקע, טענדענץ איז דער לייט־מאָטיוו פון דעם מחבר, וועלכער שפּיגלט זיך אָפּ אין זיין וויכטיקן און וואָגיקן ווערק. איר געפינט טאָקע כאַראַקטעריסטישע היסטאָרישע אַנאַלאָגיעס צווישן דעם יידישן קיבוץ פון אַמעריקע און דעם יידישן ישוב אין איטאַליע דעמאָלט.

דער איטאַליענישער יידישער קיבוץ האָט זיך אויסגעפורעמט פון דריי הויפּט אימיגראַציע־כוואַליעס (שלשה גלי הגירה עיקריים אלה): די פראַנצויזישע, די ספרדישע, די אַשכנזישע, און אויך פון קליינע גרופּעס פון אַנדערע יידישע קיבוצים. אויך דער אַמעריקאַנער יידישער קיבוץ באַשטייט פון דריי הויפּט אימיגראַציע־שטראָמען: דער ספרדישער, דער דייטשער און דער מזרח־אייראָפּעישער. יעדער פון זיי האָט מיטגעבראַכט זיינע כאַראַקטעריסטישע קיבוץ־שטריכן און זיין אייגנאַרטיקייט. פּונקט אַזוי ווי אין איטאַליע איז דאָס פּראָבלעם פון צוזאַמענלעבן און צוזאַמענשמעלצן די פאַרשיידענע עדהס (געמיינדעס) געווען אַ שווערע און אַ קאָמפּליצירטע, אַזוי איז עס אויך געווען ביי אונדז אין אַמעריקע. אַפילו איצטער הערשט נאָך אַ סאָציאַלע מחיצה צווישן די עלעמענטן פון די אונבנדערמאַנטע עדהס. אמת, ניט אין דער זעלבער מדרגה ווי ביי די פריערדיקע דורות. די מחיצה ווערט בהדרגהדיק שוואַכער פון טאָג צו טאָג, אָבער זי עקזיסטירט נאָך, און אירע שפּורן זיינען נאָך בולט אינעם לעבן פון יידישן קיבוץ אין אַמעריקע. נאָך אַ פּאַרגלייך אין פאַראַנען צווישןביידע יידישע קיבוצים: דער שטאַרקער אינערלעכער אימיגראַציע־פּראָצעס, וואָס איז אַ נעגאַטיווע דערשיינונג אין אונדזער קאָלעקטיוון לעבן, פּונקט אַזוי ווי אין לעבן פון די יידן אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע. אמת, די סיבות פון דעם פּראָצעס זיינען ניט קיין גלייכע, אָבער דער פּראָצעס איז דער זעלבער שעדלעכער פאַרן יידישן קהלה־לעבן אין אַמעריקע, ווי אין איטאַליע: פון אַ צוזאַמענלויף פון פאַרשיידענע קהילות איז שווער אויסצופורעמען אַ נייע, אָרגאַנישע יידישע קהלה.

און פּונקט ווי אין איטאַליע האָבן זיך די פאַרשיידענע אייגנאַרטיקע עדהס זיך בהדרגהדיק אינערלעך אַסימילירט און האָבן לאַנגזאַם געשאַפן אַ נייעם ספּעציפישן יידיש־איטאַליענישן טיפּ, אַ סינטעז פון פאַרשיידענע טיפּן פון די אַמאָליקע עדהס, אַן איינגעוואָרצלטער אין דער איטאַליענישער

קולטור־סביבה — און טראָץ דעם, האָט ער ניט נאָר ניט פאַרנאַכלעסיקט זיינע יידישע קולטור־אוצרות, נאָר ער האָט זיי באַרייכערט און איבער־געשאַפן אינעם גייסט פון זיין צייט אין זיין סביבה — אַזוי פאַרשמעלצן זיך אונדזערע יידישע עדהס און שאַפן פּאַמעלעך, בהדרגהדיק אַן אייגנאַרטיקן יידיש־אַמעריקאַנער טיפּ מיט זיינע ספּעציפישע מעלות און חסרונות.

אמת, זיינע כאַראַקטער־שטריכן זיינען ניט נאָך גענוג בולט, אָבער זיי וועלן זיך אויסקריסטאַליזירן און אויספורעמען, און זיי וועלן מיט דער צייט ווערן אַן אייגנאַרטיקע עטנישע יחידה, וועלכע וועט צוטראָגן איר ביטראָג צו דער פאָלקס־קולטור.

און נאָך אַן אַנאַלאָגישער כאַראַקטער־שטריך פוןביידע יידישע קיבוצים, וועלכער מעג אפשר קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָבער ער איז ליידער אַ היסטאָרישער פאַקט און אַ נעגאַטיווער פאַקטאָר אין אונדזער לעבן: דאָס יידישע לעבן אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס־תקופה, פונקט ווי דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע, איז ניט דעמאָקראַטיש, כאָטש מיר לעבן אין אַ דעמאָ־קראַטישער געזעלשאַפט. די גבירהקראַטיע און אירע משרתים האָבן אין איטאַליע געהאַט די הויפּט־דעה אין יידישן קהילה־לעבן, און אַזוי איז עס אויך אין אַמעריקאַנער יידישן קהילה־לעבן. די תלמידי חכמים און די ברייטע יידישע מאַסן ווערן כמעט איגנאָרירט און בטל בששים אין אונדזער גע־זעלשאַפטלעכן לעבן. דער מאָדערנער ראַביי אין אַמעריקע איז מער אַ סאָציאַלער עסקן ווי אַ גייסטיקער וועגווייזער.

מיר האָבן מדגיש געווען די אַלע אַנאַלאָגיעס, ווייל מיר באַטראַכטן דאָס פאַר אַ גרויסער מעלה פון דעם ווערק. כאָטש מיר גלייבן, אַז געשיכטע חזרט זיך ניט איבער, קאָנען מיר אָבער לערנען פון דער פאַרגאַנגענהייט אויף צו פאַרשטיין די פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן דעם איצטיקן דור, און אפשר געפינען אַ שטיקעלע רמז, ווי אַזוי זיי צו לייזן.

ד״ר משה שולוואַס, ווי יעדער לייענער קאָן דאָס באַשיינפּערלעך זען, האָט גרינטלעך אויסגעפאָרשט די רענעסאַנס־תקופה. זיינע טענות שטיצן זיך אויף פאַראַנטוואָרטלעכע היסטאָרישע מקורות און דאָקומענטן, וועלכע ער האָט אַליין אויסגעפאָרשט, אָדער ער שטיצט זיך אויף מקורות פון אַנדערע פאָרשער און געלערנטע, יידישע און קריסטלעכע. זיינע הנחות און באַהויפּ־טונגען זיינען דעריבער וויסענשאַפטלעך באַגרינדעט. דאָס בוך איז צוגענג־

לעך פאַר לייענער מכל המינים און איז אינטערעסאַנט און אָנגענעם צו לייענען.

די שפּראַך פון דעם ווערק איז וויסענשאַפטלעך עקזאַקט, און דאָך פּשוט, אָן מליצה, הגם דאָ און דאָרט געפינט איר אייניקע אויסדריקן, וועלכע זיינען פרעמד דעם גייסט פון דער העברעיִשער שפּראַך.

אַ גרויסע שאָד, וואָס דער חשובער מחבר האָט ניט כאָטש אין קליינע „פּרשה" וועגן דער כאַראַקטעריסטיק פון דער אַלגעמיינער רענעסאַנס־תקופה גופא. יעדער לייענער וואָלט זיך בעסער אָריענטירט אין דעם גייסט פון דער תקופה בכלל, און דער יידישער רענעסאַנס־באַוועגונג בפרט, ווען ער וואָלט געהאַט פאַר זיך אַן אַריינפיר, וואָס זאָל אים מדריך זיין אין די שפּעטערדיקע פּרקים.

אמת, דער מחבר איז ממלא דעם חסרון פון אַן אַלגעמיינעם אַריינפיר מיט הערות און באַלייכטונגען וועגן דער טעמע אין זיינע ניין פּרשיות פון בוך, אָבער ניט יעדער לייענער איז מסוגל צו זאַמלען און פאַראַלגעמיינערן די צעשפּרייטע פּרטים איבער דעם גאַנצן בוך און זיך שאַפן פון זיי אַ גאַנץ בילד.

דאָס איז אָבער נאָר אַ מעטאָדישער חסרון און פאַרמינערט ניט אויף אַ האָר די חשיבות פון דער באַדייטנדיקער פאָרשונג־אַרבעט, וועלכע איז אַ וויכטיקער ביישטייער צו דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע.

ד״ר מאיר וואַקסמאַנס „כתבים נבחרים״

ד״ר מאיר וואַקסמאַן, דער היסטאָריקער פון אונדזער ליטעראַטור אין דער ענגלישער שפּראַך, איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער העברעישער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט אין דער העברעישער צייטונג „הלאום״, וווּ ער איז געווען אַ שטענדיקער מיטאַר־בעטער; אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער פאַרעפנטלעכט פיל אַר־טיקלען כמעט אין אַלע העברעיש פּעריאָדישע אויסגאַבן פון אַמעריקע און ארץ־ישראל; ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אַ זאַמלונג פון משלים אין הע־ברעיש, וועלכע די קריטיק האָט זייער וואַרעם אויפגענומען, און אַ סעריע וויסנשאַפטלעכע אַרטיקלען איבער די יידישע דערציִונגס־אידעאַלן, וועלכע זיינען שפּעטער דערשינען אין אַ בוך; דאָך איז ער מער באַוווּסט דעם יידישן לעזער דורך זיין ענגלישע ווערק ווי דורך זיינע העברעישע שריפטן, וועלכע זיינען געווען ביז איצטער פאַרשפּרייט און ניט קאָנצענטרירט.

דער געטרייער העברעישער לעזער (קורא ותיק) וועט דעריבער זיין דערפרייט צו הערן פון דער דערשיינונג פון ד״ר וואַקסמאַנס ערשטן באַנד אויסדערוויילטע שריפטן „כתבים נבחרים״ אין העברעיש.

ד״ר וואַקסמאַן באַזיצט די אייגנשאַפטן פון אַ קריטיקער, פאָרשער און היסטאָריקער. מען האָט זיי באַמערקט אין אַלע זיינע פאָרשונגען, און די אייגנשאַפטן גייען דורך גאַנץ און אויסגעהאַלטן אין דעם באַנד שריפטן פון אונדזער חשובן מחבר. אָבער אַמבולטסטן זעט זיך דאָס אין זיין אָפּהאַנדלונג איבער ר׳ יהודה הלוי — אונדזער נאַציאָנאַלער דיכטער און דענקער, וועלכע איז אַגב די סאַמע וויכטיקסטע אָפּהאַנדלונג, הן אין כמות, הן אין איכות, פון גאַנצן בוך.

אין דער ערשטער טייל פון דער אָפּהאַנדלונג זעט איר דעם ראַפינירטן קריטיקער־עסטעט, וועלכער צעגלידערט און אַנאַליזירט די הויפּט־אייגנ־

שאַפטן פון ר׳ יהודה הלויס דיכטונג און ברענגט אַרויס איר ספּעציפישקייט; ער ווייזט אויך אָן דעם קאָלאָסאַלן איינפלוס פון דער אַראַבישער און העב־רעישער פּאָעטישער טראַדיציע פון יענער צייט אויף ר׳ יהודה הלוין, און איר זעט אויך דעם קאָלאָסאַלן איינפלוס, וועלכער ר׳ יהודה הלוי האָט אויסגעיִבט אויף די העברעישע דיכטער אין אַלע דורות, און אַפילו אויף די דיכטער פון אונדזער צייט.

דער צווייטער טייל פון דער אָפּהאַנדלונג, וועלכער באַשעפטיקט זיך מיט דער שאַרפזיניקער און פאַרצווייגטער פילאָזאָפיע פון ר׳ יהודה הלוי, איז אַ פאָרשונג פון די הויפּט־יסודות פון זיין פילאָזאָפישער וועלט־אַנשויונג און נעמט אַרום פאָלגנדיקע ענינים: דער ציל פון מחבר אין דער פאַרפאַסונג פון זיין פילאָזאָפישן בוך „הכוזרי״, זיין קאָנסטרוקציע, די באַדייטונג פון דעם באַגריף „ענין האלהי״ און די קאָסמאָלאָגיע פון ר׳ יהודה הלוי, די טעמים פון די מצוות, די אַטריבוטן־לערע און די נבואה, פּסיכאָלאָגיע, דער פּראָבלעם פון בחירה און ידיעה, און די לערע פון עטיק.

אין דער אָפּהאַנדלונג זעט איר ד״ר וואַקסמאַנס בקיאות אין אַלע צווייגן פון אונדזער ליטעראַטור, זיין חריפות און זיין אייגנאַרטיקע אויפפאַסונג פון ר׳ יהודה הלויס פילאָזאָפיע. ער פּאָלעמיזירט מיט פּראָפעסאָר וואָלפזאָן, איינער פון די גרעסטע אויטאָריטעטן אויף דעם געביט, וועלכער האַלט, אַז דער באַגריף פון „ענין האלהי״ פאַרצווייגט זיך אין פיר שאַטירונגען און קאָנצעפּציעס. ד״ר וואַקסמאַן איז חולק אויף אים און האַלט, אַז דער באַגריף „ענין האלהי״ איז נאָר כולל פינף שאַטירונגען; ד״ר וואַקסמאַן פּאָלעמיזירט אויך מיט דעם באַוווסטן סעמיטישן געלערנטן און פאָרשער, פּראָפעסאָר גאָלדציער, וועלכער אידענטיפיצירט דעם באַגריף פון „ענין האלהי״ מיט דעם לאָגאָס־באַגריף פון פילאָן און ווייזט אָן דעם פאַלשן אויסטייטש פון פּראָפעסאָר גאָלדציער; ער איז אויך סותר די טעאָריע פון פּראָפעסאָר ישראל אפרת, וועלכער איז מצמצם דעם אויסטייטש פון „ענין האלהי״ צו דער געטלעכקייט אַליין.

ד״ר וואַקסמאַנס פּאָלעמיק איז זאַכלעך און אַנאַליטיש און פיל מאָל — אויך זייער שאַרף. ער בייגט ניט זיין קאָפּ פאַר די גרעסטע אויטאָריטעטן, ווען ער איז איבערצייגט אין זיין גערעכטיקייט, דער פילאָזאָפישער אמת איז דער איינציקער לייכט־טורעם אין זיין פאָרשונג.

ד״ר וואַקסמאַן איז ניט נאָר אַ שאַרפער אַנאַליטיקער, נאָר אויך אַ סינטעטישער פאָרשער — ער שפינט אַ מייסטערהאַפטן געוועב פון ר׳ יהודה הלויס פילאָזאָפיע און ווייזט אויך אָן איר האַרמאָנישקייט און אייגנאַרטי־קייט; ער פאַרגלייכט זי מיט די פילאָזאָפישע סיסטעמען פון אַנדערע יידישע דענקער, ער פאַרגלייכט זי אויך מיט זיינע פילאָזאָפישע שירים, בכדי אָנ־צוּווייזן די האַרמאָנישקייט פון זיין פערזענלעכקייט און וועלט־אַנשויונג, און דער לעזער באַקומט אַ פּילזייטיקן באַגריף וועגן ר׳ יהודה הלוין, דעם פילאָ־זאָף און דיכטער.

ד״ר וואַקסמאַנס אינטערפּרעטאַציע פון ר׳ יהודה הלויס פילאָזאָפיע איז אָריגינעל און אָפטמאָל איז זי סותר קאָנווענציאָנעלע אמתן ווי, למשל, די באַהויפּטונג, אַז ר׳ יהודה הלוי האָט געהאַט אַ נעגאַטיווע באַציונג צו דער גריכישער פילאָזאָפיע אויפן סמך פון אַ שטימונגס־פּראָזע אין איינעם פון זיינע שירים; אינטערעסאַנט איז זיין אויסטייטש פון ר׳ יהודה הלויס נבואה־באַגריף — אַז די נבואה איז ניט געווען קיין אינדיווידועלע אייגנשאַפט, נאָר אַ נאַציאָנאַל־קאָלעקטיווע — אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג פון רמב״ם, וועלכער האַלט, אַז נבואה איז אַן אינדיווידועלע אייגנשאַפט.

די אַרטיקלען, וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט די מאָדערנע שעפער פון דעם נאַציאָנאַלן געדאַנק ביי יידן און מיט זייער לערע, זיינען ניט קיין טיפע פילזייטיקע פאָרשונגען ווי די אויבנדערמאָנטע פאָרשונג איבער ר׳ יהודה הלוין, דערפאַר צייכענען זיי זיך אויס מיט זייער קלאָרקייט, צימצומדיקייט און פּאָפּולאַריזאַציע; זיי גיבן דעם לעזער אַ פיינעם פילאָזאָפיש־פּובלי־ציסטישן באַגריף איבער דער שפּראָצונג פון דער נאַציאָנאַלער אידעע ביי אונדז, איר וווקס, פאַרצווייגונג, פאַרטיפונג און רייפקייט.

דער מחבר באַגנוגנט זיך ניט מיט דער אינטערפּרעטאַציע פון די אַב־סטראַקטע אידעען פון די שעפער פון אונדזער מאָדערנעם געדאַנק, נאָר ער שילדערט אויך זייער פערזענלעכקייט, אייגנאַרטיקייט און ספּעציפישקייט, און פיל מאָל געלינגט עס אים מיט איין שטריך פון זיין פעדער בולט אַרויס־צוברענגען די גייסטיקע פיזיאָגנאָמיע פון אַזעלכע טרוימער און קעמפער, ווי מרדכי עמנואל נוח, משה העס, ד״ר פינסקער, ד״ר הערצל און אחד העם.

די אָפּהאַנדלונג „ארץ ישראל והגולה בתקופת בית שני״ (ארץ ישראל און די דיאַספּאָרע אין דער עפּאָכע פון צווייטן בית המקדש) איז אַ באַלערנ־

דיקע היסטאָרישע פאָרשונג איבער דעם איינפלוס פון ארץ־ישראל אויפן גלות, וואָס פאַרמאָגט פּראַקטישע אימפּליקאַציעס, און אַ דענקענדיקער ציוי־ניסט, וועלכער נעמט זייַן ציוניזם ערנסט, דאַרף דעם אַרטיקל לייענען און שטודירן, ער וועט דאַן איבערשאַצן אַ טייל פון זייַנע קאָנווענציאָנעלע אמתן.

דאָס אַרטיקל „הארץ והספר" (דאָס לאַנד און דער בוך) איבער דער אָפּשפּיגלונג פון דער פּאַלעסטינישער נאַטור אין תנ"ך איז, לויט אונדזער מיינונג, דאָס סאַמע שאַרפסטע פון אַלע אַרטיקלען, ווייל ער איז, אַזוי צו זאָגן, אַ פּראָדוקט פון דענקען און פאַרטיפונג אין תנ"ך, אָבער עס פעלט דאָ די פּערזענלעכע איבערלעבונג און דער לעבעדיקער קאָנטאַקט מיט דער נאַטור פון ארץ־ישראל.

דאַקעגן דער לעצטער ציקל אַרטיקלען, וואָס אונדזער חשובער מחבר האָט זיך געקווענקלט, צי זיי וועלן ניט אַרויסרופן אַ דיסאָנאַנס ביים לייענער און ער האָט זיי געכשרט מיט דעם באַשיידענעם נאָמען „נספח" (צוגאָב), שפּרודלען און ברויזן מיט פּערזענלעכע איבערלעבונגען, מיט פיינע, ראַפי־נירטע אָבסערוואַציעס און שילדערונגען, מיט שאַרפזיניקע באַמערקונגען און זייַנען ממש ווי אַ גוט גלעזל וויין נאָך אַ פיינער רייכער סעודה.

איר פאַרגעסט אויף אַ ווײַלע די טיפזיניקע אָפּהאַנדלונגען און פאָר־שונגען און ווערט מיטגעריסן מיטן לירישן אויסגוס פון אונדזער מחברס געפילן; איר זעט פאַר זיך אַ סינטעטישע פּערזענלעכקייט, ווו ייִד און מענטש דערגענצן זיך האַרמאָניש איינער דעם צווייטן, איר זעט אויך דעם צוזאַמענ־גוס פון פאָרשער, דענקער, עסטעט און אָבסערוואַטאָר, און אַז איר לייענט נאָך אַ מאָל איבער די אינהאַלטרייכע אָפּהאַנדלונג איבער ר׳ יהודה הלוי דעם דיכטער און דענקער, ווערט אייך קלאָר פאַר וואָס ד"ר וואַקסמאַן האָלט, אַז דער הויפּט־כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אונדזער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע איז די „שלימות נפשית", ווייל דאָס איז דאָס הויפּט־שטרעבן אין זייַן לעבן — נשמה־פּערפעקציע צווישן ייִד און מענטש, מענטש און נאַטור.

ד"ר וואַקסמאַנס געזאַמלטע העברעישע שריפטן זייַנען אַ פיינער ביי־טראָג צו אונדזער ליטעראַטור בכלל, און צו דער אַנטוויקלונג און פאַרטיפונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן געדאַנק בפרט.

*

ד״ר מאיר וואַקסמאַן באַזיצט קאָלאָסאַלע פאַרצווייגטע ידיעות און איז פאַראינטערעסירט כמעט אין אַלע פאַזן פון מענטשלעכן שאַפן און דענקען בכלל און פון יידישן שאַפן און דענקען בפרט, אָבער זיין פאַך איז פילאָזאָפיע; זיין ווערק איבער דעם פילאָזאָף קרשקש אין דער ענגלישער שפּראַך האָט אים דערוואָרבן אַ נאָמען אַלס אָריגינעלער פאָרשער און אויסטייטשער פון דער יידישער פילאָזאָפיע אין מיטלאַלטער; זיין פאַרצווייגטע טיפע פאָרשונג איבער ר׳ יהודה הלויס פילאָזאָפיע, געדרוקט אין דעם ערשטן באַנד פון זיינע „כתבים נבחרים״ האָט געפונען אַ מעכטיקן אָפּקלאַנג אין דער וועלט פון יידישער וויסנשאַפט; זיינע פילאָזאָפישע אַרבעטן אין צווייטן באַנד „כתבים נבחרים״ איז אַ פּראַכטפולער המשך אויפן געביט פון זיינע פילאָזאָפישע פאָרשונגען.

די ערשטע אָפּטיילונג פון צווייטן באַנד „כתבים נבחרים״ איז כולל פיר גרויסע און ערנסטע פילאָזאָפישע עסייען איבער די פילאָזאָפישע אַנשויונגען און שיטות פון משה מענדעלסאָן, הענרי בערגסאָן, אַרטור באַלפור און אַן אָריגינעלע אָפּהאַנדלונג איבער דער אַנטוויקלונג פון דעם פילאָזאָפישן באַגריף „קאָוזעליטעט״ אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק.

די ערשטע אַרבעט וועגן די גרונט־פּרינציפּן פון הענרי בערגסאָנס פילאָזאָפיע איז כולל פאָלגנדיקע ענינים: קרעאַטיווע עוואָלוציע, עטיק און רעליגיע, עטיק, סטאַטישע און דינאַמישע רעליגיע. ד״ר וואַקסמאַן באַלויכט, דערקלערט און אַנטוויקלט די הויפּט־טעזן פון בערגסאָנס פילאָזאָפיע אויף אַ טיפן, און גלייכצייטיק, אויף אַ קלאָרן און פּאָפּולערן אופן; ער שטרייכט אונטער בערגסאָנס אָריגינעלקייט און אייגנאַרטיקייט, ברענגט אַרויס בולט זיינע אַנשויונגען איבער „צייט״ און „רוים״ און שטרייכט אונטער די סאַמע דעליקאַטסטע אונטערשיידן צווישן בערגסאָנס עטישע קאָנצעפּציעס און קאַנטס אויפפאַסונג פון מאָראַלישן קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו; ד״ר וואַקסמאַן באַלייכט אויך בערגסאָנס באַציונג צום יידנטום און קריסטנטום און ברענגט אַרויס זייער קורץ, זאַכלעך און גרינטלעך דעם געדאַנק, אַז טראָץ דעם, וואָס בערגסאָן דער ייד איז געשפּרונגען קדוש פאַר דער קריסטלעכער וועלט־אַנשויונג און פאַרן קריסטנטום, זיינען אָבער זיינע הויפּט־אידעען מער אַ פּראָדוקט פון דער יידישער וועלט־אַנשויונג ווי פון דער קריסטלעכער, ווייל אונטערבאַוווסטזיניק האָט די יידישע ירושה באַאיינפלוסט און באַווירקט

זיין געדאַנקענגאַנג; ד״ר וואַקסמאַן ווייזט אויך אָן אויף געוויסע באַרירונג־פּונקטן צווישן בערגסאָנס פילאָזאָפיע און צווישן די פילאָזאָפיעס פון הלוי און קרשקש. ער צייכנט אויך אָן דעם מקור פון זייערע אַלעמענס יניקה פון די אור־אַלטע יידישע קוואַלן.

ד״ר וואַקסמאַנס ביטראַג אין זיין פאַרשונג איבער די גרונט־פּרינציפּן פון בערגסאָנס פילאָזאָפיע איז זיין אָנווייזונג אויף איר יידישן אורשפּרונג, איר בעצמדיקע יניקה פון אונדזערע אַלטע קוואַלן און אירע באַרירונג־פּונקטן מיט די יידישע פילאָזאָפן פון מיטלאַלטער.

דער צווייטער פילאָזאָפישער עסיי „ארתור באַלפור החוקר״ (ארטור באַלפור דער פילאָזאָף) איז, טראָץ דעם, וואָס ד״ר וואַקסמאַן אַליין קווענקלט זיך, צי מ׳קאָן באַלפורן באַצייכענען מיטן נאָמען פילאָזאָף, ווייל ער האָט ניט געשאַפן קיין אייגנאַרטיקע פילאָזאָפיע, און זיין הויפּט־געביט איז פילאָזאָפישע קריטיק, איז געשריבן מיט מער נשמה־חמימות ווי דער עסיי איבער בערגסאָן.

ווי עס שיינט מיר איז די סיבה אַ גאַנץ פשוטע: בערגסאָן דער ייד, וואָס איז געשפּרונגען קדוש פאַר דעם קריסטנטום, רופט ביי אונדזער חשובן מחבר אַרויס אַ ווידערווילן; דאַקעגן באַלפור דער קריסט, וועלכער האָט, צוליב זיין באַוווסטע ציון־דעקלאַראַציע זיך איינגעקריצט אין האַרץ פונעם יידישן פאָלק, רופט אַרויס זיין פאַרערונג. אַזוי אויך האָט זיין קאַמף קעגן דער מאַטעריאַליסטיש־מעכאַניסטישער וועלט־אָנשויונג פון באַוווסטע פילאָזאָפן געוווּנען ד״ר וואַקסמאַנס סימפּאַטיע; ער צעגלידערט און אַנאַליזירט באַלפורס פילאָזאָפיע אויף אַן אָביעקטיוון אופן און ווייזט אָן אויף אירע טעותן און ניט־קאָנסעקווענטקייטן, ווייל דער פילאָזאָפישער אמת איז תמיד גובר ד״ר וואַקסמאַנס פּערזענלעכע סימפּאַטיעס.

די עסיי איבער באַלפורס פילאָזאָפישער וועלט־אָנשויונג איז טיף, שאַרף און קלאָר און זיין אינהאַלט איז ניי דעם העברעישן לייענער, ווייל מיר קאָנען באַלפורן דעם שטאַטסמאַן, אָבער ניט באַלפורן דעם גלויביקן, עטישן פילאָזאָף, וועלכער איז געווען מיט זיין נשמה פאַראַנקערט אין די אייביקע אידעאַלן פון תנ״ך. זייער טרעפלעך פאַרענדיקט ד״ר וואַקסמאַן זיין עסיי מיט דעם געדאַנק, אַז עס איז זייער מעגלעך, אַז באַלפורס רעליגיעז־עטישע וועלט־אָנשויונג האָט אים מסתמא פאַרבונדן מיטן גורל פונעם יידישן פאָלק

— דער שאַפער פון תנ״ך, דער קוואַל פון די העכסטע מענטשלעכע אידעאַלן.

דאָס אַרטיקל „סבה ומסובב״ איז אַ טיפזיניקע, אָריגינעלע אָפּהאַנדלונג און גיט דעם לייענער אַן אַלזייטיקן און קלאָרן באַגריף איבער דעם פּראָבלעם פון קאַוזאַליטעט אין דער געשיכטע פון מענטשלעכן געדאַנק, און ווייזט אים אַלע אייגנשאַפטן פון אונדזער חשובן מחבר: ער זעט ד״ר וואַקסמאַנס ערודיציע, זיין חריפות און עמקות און ועל־כולם, זיין פעיִקייט צו דערקלערן טיפע פילאָזאָפישע ענינים אויף אַ פשוטן און אינטערעסאַנטן אופן.

ד״ר וואַקסמאַנס עסיי איבער משה מענדעלסאָנס פילאָזאָפיע איז אַן אָביעקטיווע פילאָזאָפישע אָפּשאַצונג. ער טרייבט ניט איבער זיין גרויסקייט; ער ווייס, אַז מענדעלסאָן איז ניט געווען קיין שאַפער פון אַ נייער פילאָזאָפישער שיטה. ער טיטולירט אים, לויט פראַנסיס בייקאָנס משל, „דבורה פילוסופית״ ד.ה. אַזוי ווי די בין שאַפט איר האָניק פונעם זאַפט פון פאַרשיידענע בלומען מיט אַן אייגענעם צומיש, אַזוי האָט מענדעלסאָן איבערגעאַרבעט פאַרשיידענע פילאָזאָפישע שיטות און דורך דער פּריזמע פון זיין אייגענעם דענק־אַפּאַראַט זיי סענטעזירט און איבערגעשאַפן און צוגעטראָגן זיין אָריגינעלן בייטראָג.

דאָס אַרטיקל איז כולל פאָלגנדיקע ענינים: די דערקענטעניש־לערע, די מציאות פון דער גאָטהייט, די נשמה — איר מהות און אייביקייט (השארות הנפש), רעליגיע, שטאַט און יידנטום. ד״ר וואַקסמאַן אַנאַליזירט מענדעלסאָנס פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויונג, ווייזט אָן אויף איר יניקה און אירע באַריִרונג־פונקטן מיט אַנדערע פילאָזאָפישע סיסטעמען פון דענקען פון זיין צייט און פון פריערדיקע דורות און קומט צום באַשלוס, אַז מענדעלסאָנס בייטראָג צום יידישן פילאָזאָפישן געדאַנק איז ניט אין זיין אינהאַלט, נאָר אין דער פאָרעם.

ד״ר וואַקסמאַן שטעלט פעסט ריכטיק, אַז מענדעלסאָן איז ניט געווען דער שאַפער פון דער רעפאָרם־באַוועגונג; זי וואָלט געווען אַנטשטאַנען אָן אים. די געדאַנקען, וועלכע די רעפאָרם־באַוועגונג האָט גערירשנט פון אים, האָבן זי באַרייכערט און פאַרטיפט. און אויב מען זאָל נעמען אין באַטראַכט, אַז מענדעלסאָן איז געווען דער, וואָס האָט קאַטעגאָריש דערקלערט, אַז עס איז בעסער פאַרן יידישן פאָלק באַרויבט צו ווערן פון זיינע בירגערלעכע רעכט, ווי זיך אָפּצוזאָגן פון זיין רעליגיע, מוז מען קומען צום באַשלוס וועגן

דער חשיבות פון מענדעלסאָנס פילאָזאָפישע אָנשווינגען און זיין פער־זענלעכקייט.

די צווייטע אָפּטיילונג פון ד״ר וואַקסמאַנס בוך טראָגט דעם נאָמען: „מחקרים במחשבת וספרות ישראל״ גראַמאַטיש ריכטיקער וואָלט געווען „מחקרים במחשבת ישראל וספרותו״ אָבער לאו שמא גורם! דער עיקר איז, אַז די סעריע פאָרשונגען שטייגן, לויט אונדזער מיינונג, איבער די פילאָזאָפישע עסייען פון דער ערשטער אָפּטיילונג, ווייל אין זיי איז ד״ר וואַקסמאַן (מיר וועלן זיך באַנוצן מיט זיין אויסדרוק) ניט קיין „דבורה פילוסופית״, נאָר אייגנאַרטיקער פאָרשער און שאַפער, וועלכער שאַפט ממש אַ „יש מאין״.

זיין ערשטע אָפּהאַנדלונג איבער שמעון בן זומא ברענגט בולט אַרויס די אויבנדערמאָנטע אייגנשאַפט: איר זעט דאָ דעם גענייטן און געשיקטן ליטע־ראַטור־פאָרשער און היסטאָריקער, וועלכער פאָרשט אויס זעלבשטענדיק אַלע מקורות און פאַרלאָזט זיך ניט אויף די גרעסטע אויטאָריטעטן, ווען זיי ווידערשפרעכן דעם היסטאָרישן אמת; ער ווייזט דאָ אַרויס חריפות אין אַנאַליזירן אַלטע תלמודישע טעקסטן און מייסטערהאַפטע אייגנשאַפטן אויפ־צובויען אַ גייסטיקן ענין פון שברי לוחות, צעשפרייטע איבער דעם ים פון תלמודישער ליטעראַטור.

די פערזענלעכקייט פון שמעון בן זומא נעמט אָן אַ נייע געשטאַלט, און זיין טראַגיש לעבן און שאַפן באַקומען אַ ניי ליכט; ער ווייזט אייך בן זומאס וועג אין הלכה און אגדה, ער דערקלערט אייך זיינע מיסטישע אָנ־שווינגען און זיין וועלט־באַנעם, און איר ווערט ממש נתפעל, ווי אַזוי ד״ר וואַקסמאַן האָט דאָס אַלץ מצמצם געווען אין זעקס און צוואַנציק עמודים.

די אויבנדערמאָנטע אייגנשאַפטן זעט איר אויך אין גרויסן, אינהאַלט־רייכן, פילזייטיקן אַרטיקל וועגן ר׳ סעדיה גאון, וועלכער איז כולל פאָלגנדיקע ענינים: ר׳ סעדיהס אויפפאַסונג איבער דער תורה און טראַדיציע, דער ראַ־ציאָנאַלער עלעמענט אין התגלות, נבואה און טראַדיציע, די אייביקייט פון דער תורה, סעדיהס עקזעגעטישער בייטראַג. אויך דאָ, כאָטש אין דעם אַר־טיקל איז ד״ר וואַקסמאַן ניט אַ „יש מאין״־שאַפער, ווייל די ליטעראַטור איבער סעדיהן איז אַ רייכע און אַ פאַרצווייגטע, האָט ער דאָך באַרייכערט די סעדיה־פאָרשונגען מיט פיל אָריגינעלע געדאַנקען, הויפּטזעכלעך אויף דעם געביט פון סעדיהס תנ״ך־פאָרשונג.

ד״ר וואַקסמאַנס אַרבעט וועגן רש״י, דער מפורש פון תנ״ך, איז פּער־פּעקטער און גרעסער אין פאַרנעם, און האָט אַ באַדייטנדיקע היסטאָרישע חשיבות. קודם כל ווייזט אונדז ד״ר וואַקסמאַן אַז דעם היסטאָרישן הינטער־גרונט, אויף וועלכן ס׳האָט זיך באַוויזן אַזאַ פּערזענלעכקייט, ווי רש״י. איר זעט דאָ צוויי שולעס פון תנ״כישער פּרשנות: דרוש און פּשט, און ער ווייזט אייך אָן, אַז רש״יס פּירוש איז דער סינטעז פוןביידע דערמאָנטע שולעס; ער צייכנט אָן די ספּעציפישע בייטראָגן פון רש״יס פּירוש, ווי למשל, די איינגלידערונג פון דער הלכה אויף אַ צימצומדיקן אופן און זיין פּירוש צו דער תורה, און נאָך אויך פיל אַנדערע בייטראָגן; ער ווייזט אָן אויף אייניקע פילאָזאָפישע אויסטייטשונגען אין זיין פּירוש, וועלכע זיינען אין האַרמאָניע מיט דעם רמב״מס אויפפאַסונג; איר זעט רש״יס ווידערווילן צו מיסטישע אויסטייטשונגען פון תנ״ך; איר זעט רש״יס היסטאָרישן חוש, זיין קאָלאָסאַלע שפּראַך־קענטעניש און זיין מייסטערהאַפטן סטיל; איר זעט פאַר זיך דעם „פרשנדתא״* אין געשטאַלט פון אַ גייסטיקן ריז, און רש״י ווערט אייך פאַר־שטענדלעך, און דעריבער טאַקע אויך נענטער און באַליבטער.

דאָס אַרטיקל „הרמב״ם מסדר התורה שבעל פה״ באַשעפטיקט זיך מער מיט דער אַרכיטעקטאָנישער זייט פון „יד החזקה״, ווי מיט דער לומדישער פאַזע פון דעם קאָלאָסאַל־וויכטיקן ספר. אויך דער אַרטיקל איז אַ גרינטלעכע פאָרשונגס־אַרבעט, וועלכע נעמט אַרום פאָלגנדיקע פאַזן: די טענדענץ; די קאָנסטרוקציע און די אָרגאַניזאַציע פונעם „יד החזקה״; די לעצטע אָפּטיילונג פונעם אַרטיקל איבער דעם סטיל פון איבנדערמאָנטן ספר איז צו קורץ און ניט אויספירלעך; אונדזער חשובער מחבר האָט דאָ גאָרניט מחדש געווען; רב צעירס אַרטיקל אויף דער זעלבער טעמע „לסגנון ההלכותי של הרמב״ם״, געדרוקט אין „דורנו״ איז רייכער, אָריגינעלער און גרעסער אין פאַרנעם.

דער עסיי איבער דן יצחק אַברבנאל, וועלכע נעמט אַרום: זיין לעבן, זיין שאַפן, זיין פּרשנות אויף תנ״ך און זיין שיטה אין פילאָזאָפיע, איז פון גאָר באַדייטנדיקער חשיבות, ווייל ער מאָלט אונדז אַ פיין בילד פון אַברבנאלס פאַרשידנפאַרביקער פערזענלעכקייט, אויך דאָ האָט אונדזער חשובער מחבר

---

* דעם רעליגיעזן אויסטייטשער.

כמעט געשאַפן אַ „יש מאין". דער דאָזיקער עסיי איז אָנגעהויכט מיט אַ צאַרטן ליריזם און נשמהדיקייט און רעגט אָן דעם לייענער...

דאַקעגן איז די לעצטע סעריע אַרטיקלען „לתולדות החיים הרוחניים של היהודים בארצות־הברית" (צו דער געשיכטע פון יידישן גייסטיקן לעבן אין אַמעריקע) ווייט פון פּערפעקציע — ד"ר וואַקסמאַן שילדערט די ערשטע צוויי פּעריאָדן פון דער יידישער אימיגראַציע קיין אַמעריקע, די ספרדישע און די יידיש־דייטשע; ער צייכנט אָן זייער ביישטייער צום גייסטיקן יידישן לעבן אין אַמעריקע, און דערמאָנט ניט דעם דריטן פּעריאָד פון דער יידישער אימיגראַציע — דעם מזרח־אייראָפּעישן. צי האָט דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום טאַקע לחלוטין גאָרניט צוגעטראָגן צום גייסטיקן פּרצוף פון אַמע־ריקאַנער יידנטום?

דער אריינפיר צו דער סעריע איז זייער אינטערעסאַנט און באַלערנדיק, דערפאַר אָבער זיינען די עצם־אַרטיקלען זייער ווייט פון דעם הויכן ניווא פון די „כתבים נבחרים" און זיינען דעריבער ניט קיין פּאַסיקער סיום פאַר דעם חשובן ספר.

אַ שאָד אויך וואָס ד"ר וואַקסמאַן האָט אונדז ניט געגעבן קיין ביבליאָ־גראַפיע און אינדעקס צום ספר, אָבער די קליינע „פּגימהלעך" מינערן ניט אויף אַ האָר די חשיבות פון אָט דעם זייער וואָגיקן ספר.

אויסער די אויבנדערמאָנטע מעלות, איז דער פילאָזאָפישער און וויסנ־שאַפטלעכער סטיל פון ד"ר וואַקסמאַן שיין און חנעוודיק. אויפן צווייטן באַנד „כתבים נבחרים" קאָן מען זאָגן אָן גוזמא: „חכמה מפוארה בכלי מפואר" — זיין אינהאַלט און סטיל שאַפן אַ האַרמאָנישע גאַנצקייט.

ווילי‍אַם נאַטאַנסאָנס בייטראָג צו דער יידישער קולטור

א.

ווילי‍אַם נאַטאַנסאָנס ניי ווערק: „מענטש און קאָסמאָס" איז כמעט אומ־מעגלעך אָפּצושאַצן אָן אַ קורצן סך־הכל פון זיינע פרירעדיקע ווערק און אָן אַ קורצער אָפּשאַצונג פון זיין שעפערישער פּערזענלעכקייט.

נאַטאַנסאָן איז בעצם אַ רעוואָלוציאָנערער דענקער, הגם זיינע ווערק זענען אָנגעפּיקעוועט מיט ציטאַטן פון די גרעסטע אַמאָליקע און היינטיקע דענקער און געלערנטע. ער אָנערקענט ניט קיין אויטאָריטעטן אין פילאָזאָפיע און ווערט ניט נתפעל פון זייער גרויסקייט און באַרימטקייט, אויב זיין מיינונג איז אַנדערש פון זייערער. ער איז אַ זעלבשטענדיקער, און ממילא אַן אָרי־גינעלער דענקער.

נאַטאַנסאָן פאַרמאָגט אַ זייער שעפערישע אינטויציע, וועלכע האָט באַ־רייכערט און פאַרטיפט זיין שאַפן, בעיקר אויף דעם געביט פון ליטעראַטור־קריטיק. אין נאַטאַנסאָנס שאַפונגס־פּראָצעס האָבן זיך האַרמאָניש סינטעזירט זיינע לאָגישע מחשבות מיט זיין קינסטלערישער עמפּינדלעכקייט. ער איז דעריבער אַ פילאָזאָף אין זיין ליטעראַרישער קריטיק, און אַ פּאָעט אין זיין פילאָזאָפיע מיט שטאַרקע מיסטישע נייגונגען.

נאַטאַנסאָן דער דענקער באַשעפטיקט זיך, נאַטירלעך, מיט ערנסטע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען, ווי למשל: רוים און צייט. און דער פּראָבלעם פון פרייען ווילן איז פאַר אים ממש דער יסוד היסודות פון זיין וועלט־אָנשויונג, ווייל אויב עס איז ניטאָ קיין בחירה חפשית האָט דאָס מענטשלעכע לעבן קיין זין ניט פאַר אים. אַזאַ איז אויך זיין באַציִונג צו השארת הנפש. אָט די און אַנדערע פילאָזאָפישע פּראָבלעמען באַשעפטיקן זיין מוח און האַרץ, בעצם אָבער איז נאַטאַנסאָן אַ סאָציאַל־פילאָזאָף און דאָס פּראָבלעם פון מענטש־לעכער עטישער דערהויבונג, הן פון יחיד, הן פון פעלקער, גרופּעס און

קלאַסן, פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אין זיין דענקען, און זיין ביטראַג אויף דעם געביט איז טיף און אָריגינעל.

זייער ריכטיק האָט באַמערקט נאַטאַנסאָנס אַמאָליקער פאַרלעגער און פריינד יעקב באַבינסקי אין זיין קורצער הקדמה צום בוך „מאַרקסיזם אין ליכט פון קולטור", וואָס איז דער תמצית פון נאַטאַנסאָנס וויכטיקן און איינ־האַלטסרייכן בוך „קולטור און ציוויליזאַציע": „דאָס ערשטע אָריגינעל סאָ־ציאַל־פילאָזאָפישע ווערק אין יידיש — אַ ווערק אין וועלכן ס'ווערן פאָרמו־לירט גרונטלאַגן פאַר אַ נייער סאָציאַל־פילאָזאָפיע". די יסודות פון נאַטאַנ־סאָנס סאָציאַל־פילאָזאָפיע זענען, מיין איך, דער שליסל צו אַלע זיינע ווערק. אַפילו זיינע ליטעראַרישע קריטישע עסייען זענען אָנגעהויכט מיט זיי. זיין אָפּשאַצונג פון לייוויקס „גולם" איז אַ געשיכטלעך־פילאָזאָפישע און דער עיקר אַ סאָציאַל־פילאָזאָפישע. און דאָס חזרט זיך איבער אויך אין אַנדערע ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען.

נאַטאַנסאָנס סאָציאַלע יסודות לאָזן זיך שטאַרק פילן אין זיין נייעם בוך, „מענטש און קאָסמאָס".

די יסודות פון נאַטאַנסאָנס סאָציאַל־פילאָזאָפיע זענען: א) אין מענטש־לעכן לעבן און שאַפן האָבן אַלע מאָל געקעמפט פאַר דער אויבערהאַנט צוויי שטרעבונגען: 1) צו פאַבריצירן זאַכן, וואָס זאָלן מאַכן דאָס לעבן מער באַקוועם און אָנגענעם; 2) דער דראַנג צו דערגיין און דערגרונטעווען זיך צו דעם אמתן מהות פון קאָסמאָס און דעם עצם תכלית פון מענטשלעכן לעבן און זיינע ווערטן. ב) די ערשטע שטרעבונג האָט דעם מענטשן באַוויזן צו שאַפן די ציוויליזאַציע, וועלכע איז מעכאַניש־מאַטעריאַליסטיש און שטרעבט צו פאַרוואַנדלען דעם מענטשן אין אַ מעכאַנישן ראָבאָט, אַ גולם אָן אַ נשמה. די צווייטע שטרעבונג האָט געשאַפן די קולטור וואָס אירע אָפּצווייגן זענען: רעליגיע, פילאָזאָפיע און קונסט אין אַלע אירע אַספּעקטן; די ציוויליזאַציע האָט רעדוצירט קוואַליטעט צו קוואַנטיטעט, און ממילא האָט זי גורם געווען די גייסטיקע ירידה פון דער מענטשהייט, און בעיקר האָט פון איר ממשלה געליטן די מאָראַל־ווערט, וועלכע איז, און דאַרף זיין, די ריינסטע, די דער־הויבנסטע פון אַלע מענטשלעכע ווערטן, און קען ניט און טאָר ניט געמאָסטן ווערן מיט דער מאָס פון מענטשלעכער נוצלעכקייט, נאָר פון חשיבות. ג) אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון דעם נייצנטן יאָרהונדערט האָט

די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אַנשויונג באַהערשט דעם מענטשלעכן געדאַנק און האָט ממילא פאַרנאַכלעסיקט דאָס איבערמענטשלעכע און דאָס געטלעכע, וועלכע זיינען באַהאַלטן אין זיין נשמה. דעמאָלט איז געבוירן געוואָרן דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם און דער עקאָנאָמישער דעטערמיניזם. ד) נאַטאַנסאָן האָט נאָך אין 1923 קריטיקירט דעם מאַרקסיזם צוליב זיין טאָטאַליטאַרישקייט. ער האָט זיך ניט צופרידנגעשטעלט מיט זיין שאַרפער קריטיק קעגן מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם און מיט זיין סאָציאַלן פּראָגנאָז וועגן אירע רעזולטאַטן, נאָר האָט זיך באַמיט צו שאַפן זיין אייגענע אידעאַליסטישע סאָציאַל־פילאָזאָפיע, וועלכע זאָל זיין פריי פון עקאָנאָמישן דעטערמיניזם. ער שעפּט, ביודעים, איר יניקה פון דער מאָדערנער אידעאַליסטישער פילאָזאָפיע, און בלא יודעים, פון אונדזערע נביאים, וועמענס פּאָסטולאַטן זענען: פרייהייט, גערעכטיקייט, גלייכהייט, אַלגעמיינער שלום און אַלגעמיינער וויל־זיין פאַר יעדן פאָלק און טאַקע אויך פאַר יעדן יחיד; להיפוך צום מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם, שטעלט נאַטאַנסאָן דעם טראָפּ אויף דער גייסטיקער התעלות פון דעם מין מענטש. ניט די מעכאַנישע ציוויליזאַציע דאַרף הערשן אין דער וועלט און דאָמינירן דעם מענטשלעכן געדאַנק, נאָר די קולטור אין אַלע אירע אַספּעקטן.

עס איז אָבער טעותדיק צו מיינען, אַז נאַטאַנסאָן וויל, אַז מיר זאָלן אין גאַנצן מוותר זיין אויף דער ציוויליזאַציע; ער שאַצט אָפּ אירע דערגרייכונגען; ער ווייסט אַז דער אויפבלי פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט איז בעצם אַ פּראָדוקט פון אונדזערע ציוויליזאַציע־דערפאָלגן און שטרעבט בכלל ניט איינצוצוימען איר אַנטוויקלונג און וווקס. ער גלייבט אָבער, אַז זי מוז באַהויכט ווערן פון דער קולטור, פון מענטשלעכן גייסט, וואָס איז אַן אינטעגראַלע אויסשטראַלונג פון דעם וועלט־גייסט.

נאַטאַנסאָן פרעגט: וואָס איז בעצם דער מהות פון דער ציוויליזאַציע און וואָס איז דער מהות פון קולטור? זיין ענטפער איז: די ציוויליזאַציע איז אַ פּראָדוקט פונעם אינטעלעקט, בעת די קולטור איז דער נשמה־אויסגוס פון גייסט און זי אידענטיפיצירט זיך מיט גערעכטיקייט, פרייהייט, מאָראַל, עסטעטיק און גוטסקייט (איך וואָלט במקום „גוטסקייט" געזאָגט — באַרעמהאַרציקייט). נאַטאַנסאָן האַלט, אַז נאָר זיי זיינען די זיילן פון מענטשלעכקייט, און נאָר זיי זיינען ביכולת צו ברענגען די געגאַרטע

גאולה פאַר אַלע אונטערדריקטע יחידים, פעלקער אָדער עטנישע גרופעס.

נאַטאַנסאָן גלייבט און האָפט, אַז דער מאַטעריאַליסטיש־אַטעיסטישער מאַרקסיזם מוז סוף־כּל־סוף אַראָפּגיין פון דער וועלט־בינע. די קולטור וועט באַהערשן דעם מענטשלעכן גייסט, און דעמאָלט וועט די וועלט געפירט ווערן על פּי די פּרינציפּן פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, פרייהייט, מאָראַל, עס־טעטיק און גוטסקייט, אָדער באַרעמהאַרציקייט.

ב.

נאַטאַנסאָן איז געווען דער ערשטער יידישער קריטיקער וואָס האָט אָפּ־געשאַצט אַ טייל פון אונדזערע קלאַסיקער — פּרץ, יהואש און לייוויק — אין ליכט פון פילאָזאָפיע, באַזונדערס אין ליכט פון זיין אייגענער קונסט־פילאָזאָפיע.

אָט זיינען אייניקע וויכטיקע טעזיסן פון זיינע פילאָזאָפישע אָנשויונגען וועגן קונסט: א) די קונסט האָט צוויי פונקציעס צו דערפילן, וואָס זיינען בעצם איינס: אַרויסצורופן געפילן און עמאָציעס, פאַרטיפן און באַרייכערן אונדזער פאַרשטאַנד, אונדזער באַוווּסטזיין, אונדזער דערקענטעניש פון מענטש און קאָסמאָס און די שייכותן צווישן זיי. ב) העכערע קונסט איז אַ סינטעז פון אויפבראַזיקע געפילן און עמאָציעס, וועלכע זיינען סובלימירט געוואָרן אין קינסטלערס נשמה און האָבן זיך אויסגעפורעמט אין אידעען, פאַרקערפּערט אין בילדלעכקייט און זיינען דעריבער ווירקנדיקער, ווי די אַבסטראַקטע און לאָגישע אידעען פון די פילאָזאָפן. ווייל קינסטלערישע בילדלעכקייט האָט אַ געוואַלטיקע השפעה אויף אונדזערע שטימונגען און געפילן. ג) קינסטלערישע רייפקייט איז די אָרגאַנישע פאַראייניקונג און די האַרמאָנישע צונויפגיסונג פון קינסטלערס באַוווּסטזיין מיט זיין תהומיקן אונטערבאַוווּסטזיין. ד) אַ גרויס קונסטווערק איז דער סינטעז פון עסטעטיק און עטיק, די צוויי עלעמענטן פון מענטשלעכן גייסט, וועלכע זיינען פאַר־בונדן צווישן זיך, דערגאַנצן זיך און זיינען ביידע די אויסשטראַלונג פון דעם וועלט־גייסט. ה) אַ גרויס קונסטווערק באַווירקט אונדז דרייפאַכיק: מיטפילן מיט זיין שעפער און באַשאַף, איבערלעבן, אין אַ באַגרענעצטער מאָס, דעם קינסטלערס איבערלעבענישן און איבערדענקען אַלע זיינע געדאַנקען און טאַקע אויך אויסשעפּן דעם קינסטלערס סאַמע קוואַליקסטע מחשבות. ו) די

גרעסטע אויפגאַבע פון דעם קריטיקער (אויך פון דעם אינטעליגענטן לייע־נער) איז אַנטפּלעקן די ברויזיקע נשמה־עלעמענטן, וואָס באַהערשן דעם קינסטלער אין זיין שאַפונגס־פּראָצעס, פון וועלכע בלויז אַ טייל האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט אין זיינע ווערק, דאָס איבעריקע שוועבט צווישן די שורות און זוכט אַ תיקון. ז) די מסקנה איז: „ס'איז ניט קיין עוולה, נאָר פאַרקערט, אַ קולטורעלע נויטווענדיקייט פאַר דעם לייענער צו וועלן אַרויס־לייענען אַ סך געדאַנקען פון צווישן די שורות פון אַ קונסטווערק, אָדער וועלן אָנהענגען דעם שרייבער און זיינע ווערק באַהאַלטענע כוונות. פון וועלכע ער האָט אַפילו קיין מאָל ניט געחלומט". איך וואָלט געזאָגט — פון וועלכע ער האָט קיין מאָל ניט געדענקט באַוווסטזיניק, אָבער זיי האָבן באַווירקט זיין איבערבאַוווסטזיין.

ג.

נאַטאַנסאָנס ניי בוך „מענטש און קאָסמאָס" איז טיף פאַראַנקערט אין זיינע פילאָזאָפיש־מיסטישע און סאָציאַל־פילאָזאָפישע אָנשויונגען. אויך זיינע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען זיינען פול מיט זיי. עס איז ניט בלויז אַן אויס־שטראַלונג פון זיינע פריערדיקע ווערק, נאָר זיין וועלט־אַנשויונג איז דאָ פאַרטיפט געוואָרן דורך דער צייט פון זיין בעל־כרחהדיקער דערוויטערונג, צוליב דרויסנדיקע סיבות, פון זיין לעבנס־אויפגאַבע — דענקען און שאַפן.

נאַטאַנסאָן האָט בטבע ליב מסביר צו זיין אַ שווערע פילאָזאָפישע סוגיא באריכות, און זיינע ווערק זיינען, צוליב זיין גרויסער ערודיציע און בקיאות, אָנגעפיקעוועט מיט ציטאַטן. צו מאָל האָט ער אויך ליב אָפּצונייגן פון עצם פּראָבלעם און פילאָזאָפירן וועגן אַ זייטיקן ענין. אין זיין נייעם בוך האָט זיך נאַטאַנסאָן באַפרייט פון זיין באַריכותדיקייט, און צמצום איז געוואָרן זיין מע־טאָד. ער איז מסביר די טיפסטע פילאָזאָפישע סוגיות קורץ, זאַכלעך און פשוט.

די ערשטע אָפּהאַנדלונג פון „מענטש און קאָסמאָס" איז אַ געשיכטלעך־קריטיש־אַנאַליטישער איבערבליק איבער דעם פּראָבלעם פון פרייען ווילן (בחירה חפשית). נאַטאַנסאָנס אינטעלעקטועלע חריפות אַנטפּלעקט זיך אין זיין אָפּשאַצונג פון דעם אייביקן געראַנגל צווישן דער דעטערמיניסטישער וועלט־אַנשויונג, וואָס פאַרוואַנדלט דעם מענטש אין אַ מינדערוויכטיקן שטוי־בעלע פון קאָסמאָס, און דער אינדעטערמיניסטישער וועלט־אַנשויונג, וואָס

גלויבט, אַז דער מענטש איז פריי אין זיין האַנדלונג, און ער איז דער האַר איבער זיין איך. אין דער אָפּהאַנדלונג ווערט אַרויסגעבראַכט דער בייטראָג פון די גרעסטע פילאָזאָפן אויף צו לייזן אָט דעם טיפן פּראָבלעם; די אָפּהאַנדלונג איז רייך אין פילאָזאָפישע בליצן, און צייכנט זיך אויס מיט איר סיסטעמאַטישקייט, זאַכלעכקייט, קורצקייט און פשטות, וואָס איז דווקא אַ פועל־יוצא פון טיפקייט.

אַ שאָד, וואָס דער יידישער צד איז ווייניק פאַרטראָטן, הגם נאַטאַנסאָן אַנאַליזירט דעם בייטראָג פון דריי יידישע פילאָזאָפן — דעם רמב״ם, שפּינאָזאַ און בערגסאָן — פילט זיך דער חסרון, און טאַקע אָפט מאָל אויך אַ צער פאַר דעם פאַרשווייגן אונדזערע נביאים און תנאים, וועלכע האָבן זיך אויך באַשעפטיקט מיט אָט דעם פּראָבלעם. איז דאָך דעם רמב״מס שיטה וועגן דעם ענין באַזירט אויף ר׳ עקיבאס קורצן און טיפן פסוק: „הכל צפוי והרשות נתונה״. אין דער דאָזיקער אָפּהאַנדלונג פילט זיך שטאַרק די השפעה פון שפּינאָזאַ, קאַנט, בערגסאָן און טאַקע אויך קראָטשע.

די צווייטע אָפּהאַנדלונג „שפּינאָזאַ און בערגסאָן״ (אַ פּאַראַלעל) — איז אַ המשך פון דער ערשטער. נאַטאַנסאָן ווייזט אונדז דאָ דאָס בשותפותדיקע אין די וועלט־אַנשויונגען פון שפּינאָזאָן, דעם דעטערמיניסט, און בערגסאָנען דעם אינדעטערמיניסט, און די פאַרשיידנקייט פון זייער פילאָזאָפישן וועלט־באַנעם. ביידע גלויבן זיי, אַז:

> די אינטויִטיווע דערקענטעניש ברענגט עס דעם מענטשן צום מהות פון דער רעאַליטעט, גיסט אים מיט איר צונויף און מאַכט מעגלעך פאַר אים צו שפּירן דעם פּולס פון וועלט־גייסט אין זיין גאַנצער אַבסאָלוטקייט... שפּינאָזאַ איז אָבער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַראָפּגעריסן פון דער אינטויִציע די מיסטעריעזע שלייערס און האָט זיי, אויף אַ גאַנץ קלאָרן און ראַציאָנעלן אופן, אַוועקגעשטעלט איבער דעם שכל... בערגסאָן, להיפּוך, האָט געמאַכט די אינטויִציע פאַרן איינציקן געצייג פון אמת־פילאָזאָפישן דענקען, פאַרן סינע־קוואַ־נאָן פון דער מעטאַפיזיק.

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז נאַטאַנסאָן איז אַ גרויסער חסיד פון בערגסאָנס פילאָזאָפישער שיטה, דאָס פילט זיך שטאַרק אין דער גאַנצער אָפּהאַנדלונג. ער איז מסכים מיט בערגסאָנען, אַז אין דער אינטויִטיווער דער־

קענטעניש איז דאָ מער טיפקייט און טאַקע אויך מער אמת, ווי אין וועלכע עס איז ראַציאָנעלער אָדער לאָגישער דערקענטעניש.

די לאָגיק אָדער דער שׂכל האָט געהאָלפן דעם מענטשן טרייבן זיין דערקענטעניש אין דער ברייט. די ברייטקייט פון דער לאָגישער דערקענטעניש האָט פאַרוואַנדלט די אינסטינקטיווע דערקענטעניש אין אַן אינטואיטיווער (נאַטאַנסאָן דערקלערט אונדז ניט ווי אַזוי דער פאַרוואַנדלונגס־פּראָצעס איז פאָרגעקומען). ובכן איז די אינטואיטיווע דערקענטעניש געוואָרן אַזאַ דערקענטעניש, וואָס אַנטשטייט אין דעם מאָמענט, ווען אַלע אויסדרוקן פון מענטשלעכן גייסט פאַלן זיך צונויף. ווען דער ווילן גיסט זיך צונויף מיטן שׂכל... אַזאַ וויזיע אין שפּירונג שאַפט אַ קינסטלערישן און מעטאַפיזישן אַריינבליק אין דער וועלט.

ניט נאָר אַ קינסטלערישער און מעטאַפיזישער אַריינבליק אין דער וועלט, נאָר טאַקע אויך אין דער מענטשלעכער נשמה בכלל און אין דער נשמה פון קינסטלער און דענקער בפרט איז דער תמצית פון זיין בוך „מענטש און קאָסמאָס״. אויך דאָ איז צו באַמערקן דאָס פעלן פון דעם אַלטן יידישן עלעמענט:

די אימאַנענץ האָט געפירט ביידע יידישע פילאָזאָפן צום אינדיווידואַליזם. דאָס איז אַן אינדיווידואַליזם, וועלכער וויל ניט וויסן פון קיין רעזיגנאַציעס, ער וויל ניט זען אין דער זעלבסטפּייניקונג אַ מיטל פאַר דערלייזונג. פאַר דעם דאָזיקן אינדיווידואַליזם זענען די ליידן ניט דער אייגציקער וועג, וואָס פירט צו דער געטלעכקייט.

דאָ בעט זיך ממש אַ באַמערקונג, אַז די דאָזיקע אויפפאַסונג האָט געפונען איר מעכטיקן אויסדרוק אין תנ״ך און אין תלמוד.

נאַטאַנסאָנס דריטע אָפּהאַנדלונג: „קוואַלן פון פעסימיזם און אָפּטימיזם אין קונסט און פילאָזאָפיע״ איז אַ צו קורצער אַנאַליז פון דריי וויכטיקע תנ״ך־ספרים: קהלת, ישעיה און איוב. הגם די טעמע פאָדערט אַ ברייטערע און גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג, וועט דאָך דער לייענער דאָ געפינען אַ סטימול צו וועלן זיך פאַרטיפן אין די דריי ווערק, און צו געפינען אַ פילאָזאָפישע אינטערפּרעטאַציע פון תנ״ך.

למען האמת זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אַ דערגאַנצונג צו דעם אַנאַליז פון קהלת און איוב געפינט זיך אין זיין אָפּשאַצונג וועגן לייוויקס „גולם" (ז׳ 144), ווו עס ווערט בולט אַרויסגעבראַכט דער אונטערשייד פון דיביידע פילאָזאָפישע און פּאָעטישע ווערק, אָבער אויך דאָרטן איז די טעמע ניט אַלזייטיק באַהאַנדלט געוואָרן, און דאָס איז באמת אַ גרויסער שאָד, ווייל נאַטאַנסאָן פאַרמאָגט גענוג פּאָעטישן פונק און פילאָזאָפישן בליק אַריינצודרינגען אין די פילאָזאָפישע כוונות פון תנ"ך. די אינטערפּרעטאַציע פון „שיר השירים" אין זיין „אינטעליגענץ, קונסט און קינסטלער" (ז"ז 48-49) האָבן מיך אינספּירירט און דערהויבן, כאָטש איך האָב זיך ניט אין מאָל דערקוויקט מיט דער פּאָעטישער שיינקייט פון „שיר השירים".

אויך די צווייטע העלפט פון דער אָפּהאַנדלונג, ווו נאַטאַנסאָן באַהאַנדלט די „געדיכטע און שוואַרצע כמאַרע פון פּעסימיזם", וועלכע האָט געפונען איר אויסדרוק אין דעם וועלט־בליק פון דעם ענגלישן פילאָזאָף יום, און ווי אַזוי די „אינטויִטיוו־פילאָזאָפישע דערזעונג, געשטאַרקט פון אַ שאַרפער אַנאַליטישער לאָגיק" דורך „אַן איין און איינציקער, אַבסאָלוטער אוניווערסאַל־גייסטיקער קראַפט" פון קאַנטן האָט באַפרייט די דענקענדיקע וועלט פון יומס „פילאָזאָפישן פּעסימיזם", איז, טראָץ איר אַנאַליטישער טיפקייט, ניט קיין פולשטענדיקע, ווייל זי איז צו־קורץ. ווי ס׳ווייזט אויס, האָט נאַטאַנסאָן געשטרעבט אין דער קורצער און וואָגיקער אָפּהאַנדלונג, צו באַגרינדן בלויז צוויי הנחות: 1) „אַז מעטאַפיזישער אומגלויבן, צווייפל און אומפרייהייט פון ווילן זיינען קוואַלן וואָס פון זיי פליסט אַרויס פּעסימיזם. אָפּטימיזם, ווידער, קוואַלט פון פעסטן גלויבן אין אַ גייסטיק אינדעטערמיניסטישער וועלט, וואָס אין איר האָט אַ מענטש אַ גרונט זיך צו פילן ווי אַ שותף צו מעשי בראשית"; 2) אַז „די דריי שלאַנגען פון אַגנאָסטיציזם, סקעפּטיציזם און דעטערמיניזם" זענען דער מקור פון פּעסימיזם.

די ליטעראַרישע אָפּשאַצונג פון „יהואש דיכטונג אין ליכט פון פילאָזאָפיע" איז אַ המשך און אַ דערגאַנצונג פון דער פריערדיקער פילאָזאָפישער אָפּהאַנדלונג און זי קען דינען ווי אַביישפּיל פאַר נאַטאַנסאָנס אַנאַליזירן פּאָעטישע ווערק אין ליכט פון פילאָזאָפיע. צוויי אייגנאַרטיקע עלעמענטן — קינסטלערישע שעפערישקייט און לאָגיש־פילאָזאָפיש דענקען — ווערן פאַראייניקט אויף אַ מוסטערדיקן אופן און גיבן דעם לייענער ניט נאָר אַן עס־

טעטישן תענוג, נאָר עפּענען פאַר אים ברייטע האָריזאָנטן פון פילאָזאָפישער ווי ליטעראַרישער פאַרטיפונג.

נאָך אַ גלענצנדיקן אַנאַליז פון יהואשס פּאָעזיע קומט נאַטאַנסאָן צום אויספיר, אַז זיינע לידער זענען אידעען־רייך, און אַז יהואש איז מער דענקער ווי זעער, און דער גרונט־טאָן פון זיין פּאָעזיע

איז נאַטירלעך אַ פּעסימיזם, וואָס איז שוואַרץ ווי די נאַכט. קאַלטקייט, פאַרפרוירעניש און האַלבקייט... זענען אייגנטלעך די שטימונגען און געפילן, וועלכע האָבן באַהערשט יהואשס נשמה, און זעלטן ווען האָט ער זיך פון זיי באַפרייט. דעם פּאָעטס אינטע־לעקט גיסט שטראָמענווייז קאַלט וואַסער אויפן פייער פון זיין איי־גענער אינטויִטיווער, ספּאָנטאַנער נשמהדיקייט... און זיי זענען די קאַלטע שטראָמען פון גדעאַנקלעכער צעגלידערונג.

נאַטאַנסאָן ענדיקט זיין אָפּשאַצונג מיט אַ זייער פיינעם פּאָעטיש־פילאָ־זאָפישן סך־הכל:

יהואש איז מער דער אַנאַליטיקער, ווי דער סינטעטיקער. ער זעט דעם ים, ווי אַ סכום פון טראָפּנס, די פאַרבאַרגענע וועלט־ליכט, ווי אַ סכום פון שטראַלן, און די אייביקייט, ווי אַ סכום פון אויגן־בליקן... ממילא קען ער ניט דערפילן און דערשפּירן די איי־ביקייט... יהואשס דיכטונג פליט ניט. זי טראָגט זיך ניט אויף פליג־לען פון טרוים און פאַנטאַזיע... אירע וועגן זענען מער געדאַנק־לעכע ווי אינטויִטיווע... זייער קאָסמישע פילאָזאָפישקייט... און זייער פאַרשיידנאַרטיקייט אין פאָרעם וועלן אַוועקשטעלן זיינע לידער אין דער ריי פון יענע שאַפונגען, וואָס וועלן ניט פאַרגעסן ווערן.

נאַטאַנסאָנס אָפּשאַצונג פון יהואשס פּאָעזיע איז מייסטעריש. דאָך קען איך ניט מסכים זיין מיט זיין הנחה, אַז יהואש „האָט ניט דערבליקט די וועזנטלעכקייט פון דער אַבסאָלוטער רעאַליטעט מיט אַלע אירע פילפאַרביקע קאָנקרעטע אויסדרוקן". עפּעס לייגט זיך ניט אויפן שכל, אַז אַ דיכטער, „וואָס האָט ניט דערבליקט די וועזנטלעכקייט פון דער אַבסאָלוטער רעאַ־ליטעט" זאָל אָפּגעבען צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן דער איבערדיכטונג פון תנ"ך.

די סאַמע וואָגיקסטע און וויכטיקסטע אָפּשאַצונגען אין נאַטאַנסאָנס „מענטש און קאָסמאָס" זענען די אָפּהאַנדלונגען וועגן לייוויקס „גולם" אין געשיכטלעך־פילאָזאָפישן און אין סאָציאַל־פילאָזאָפישן זינען, און וועגן י. ל. פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" (אַ פּתרון צו אַ חלום). אין זיי האָט נאַטאַנסאָן געשאַפן מוסטערן פון פילאָזאָפיש־ליטעראַרישער קריטיק, וואָס איז ניט באַזירט אויף סוביעקטיווע מיינונגען און שטימונגען, און אוודאי ניט אויף קאַלטע, שאַבלאָנע און אויסגעלייידיקטע פראַזן פון טעקסט־ביכער וועגן קונסט און קינסטלער. נאַטאַנסאָנס ליטעראַרישע קריטיק שטיצט זיך אויף דריי מעכטיקע זיילן: אויף זיין פילאָזאָפישן וועלט־בליק, אויף זיינע סאָציאַל־פילאָזאָפישע אָנשויונגען און אויף זיין פילאָזאָפיע פון קונסט.

אין זיין פּירוש צו לייוויקס „גולם" האָט נאַטאַנסאָן פאַרקערפּערט זיינע אידעען וועגן דער ראָל פון קריטיקער, וועלכע באַשטייט ניט נאָר אין אַנט־פּלעקן די טיפע געדאַנקען און אמתן פון דעם קינסטלערס באַוווסטזיין, נאָר ער האָט זיך באַמיט צו אַנטפּלעקן אויך די העכערע אמתן פון זיין מיסטישן איבערבאַוווסטזיין. כמעט אַלע פילאָזאָפישע און סאָציאַל־פילאָזאָפישע פּראָ־בלעמען, מיט וועלכע נאַטאַנסאָן האָט זיך באַשעפטיקט זיין גאַנץ לעבן, האָבן געפונען זייער תיקון אין דער אויסטייטשונג, און בעיקר אין דער אַריינטיי־טשונג, פון לייוויקס „גולם". איר ווערט אַזוי פאַרכאַפּט פון זיין פילאָזאָפיש־ליטעראַרישער קריטיק, אַז איר הייבט אָן גלויבן, אַז דאָס איז דער איינציקער פּירוש צו לייוויקס סימבאָלישן ווערק און אַן אַנדערע אויסטייטשונג איז ממש אַן אַבסורד.

זיין אינטערפּרעטאַציע פון פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז פון זעלבן שניט. זי וועט אָנרעגן יעדן ערנסטן און אינטעליגענטן לייענער זיך צו פאַרטיפן אין פּרצס סימבאָלישער מיסטעריע און שעפּן פון איר אינספּי־ראַציע און גלויבן.

זיין אָפּהאַנדלונג וועגן דאָסטאָיעווסקיס „ברידער קאַראַמאַזאָוו" איז, לויט מיין פּערזענלעכן געשמאַק, די שוואַכסטע אין נאַטאַנסאָנס בוך. ראשית איז זי צו לאַנג און שנית גלייב איך ניט אין דער פאַרוואַנדלונג פון פּסיכאָ־פּאַטן, הולטאַיעס, שיכורים, פּאָטענציעלע אָדער פּאַקטישע פאַרברעכער און רוצחים, אין קדושים וטהורים. איך האַלט ניט שטאַרק פון דער חסידישער טעאָריע (כאָטש איך האָב ליב חסידות), אַז בכדי אַ מענטש זאָל זיך קענען

דערהויבן צו די העכסטע מדרגות פון קדושה, מוז ער זיך פריער וואַלגערן אין די סאַמע תהומות פון טומאה. מיר איז מער צום האַרצן דער תלמודישער כלל „מצווה גוררת מצווה", און ספּעציעל געפעלן מיר די ווערטער פון תנא רבי פנחס בן יאיר, אַז נאָר דורך מאָראַלישער האַנדלונג קען זיך דער מענטש דערהויבן צו רוח הקודש.*

נאַטאַנסאָנס אָפּהאַנדלונג וועגן טאָמאַס מאַנס „צויבערבאַרג" איז דער סאַמע היפּוך פון דער אָפּהאַנדלונג וועגן דאָסטאָיעווסקיס „ברידער קאַראַמאַזאָוו". ניט נאָר האָט דער הויפּט־העלד פון בוך, דער יונגער האַנס קאַסטראָפּ אַרויפגעקלעטערט אויף די שפּיץ בערג פון מענטשלעכער התעלות און דורך אים קומען, אין דעם דאָזיקן ווערק, צום אויסדרוק די טיפע טענדענצן און פאַרבאָרגענע שטראָמען און אונטערשטראָמען פון אונדזער תקופה, נאָר אויך דער מחבר פון „מענטש און קאָסמאָס" האָט דאָ אַרויפגעקלעטערט צו די העכסטע שפּיצן פון זיין ליטעראַטור־קריטיק.

נאַטאַנסאָן האָט אין זיין נייעם בוך „מענטש און קאָסמאָס" קאָנדענסירט פופציק יאָר פון זיין דענקען און שאַפן, עס אויסקריסטאַליזירט אין זיין נייער שאַפונג און דערמיט בולט אַרויסגעבראַכט זיין ביישטייער צו דער יידישער קולטור בכלל און צו דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק בפרט.

ד.

וויליאַם נאַטאַנסאָן, דער דענקער און דער אייגנאַרטיקער ליטעראַטור־קריטיקער, פאַרמאָגט אַ זייער שעפערישע אינטויציע, וועלכע האָט באַרייכערט זיין שאַפן בכלל, בעיקר אויף דעם געביט פון ליטעראַרישער קריטיק.

נאַטאַנסאָן גלויבט, אַז „דער קינסטלער, מער ווי אַלע אַנדערע קולטור־שאַפער, מוז זיין אינטויִטיוו. ער מוז אויפנעמען אַלץ, מיט וואָס ער קומט אין באַריר, אויף אַן אינטויִטיוון אופן, נאָר אין די מאָמענטן, ווען ער ווערט באַפליגלט און באַהערשט פון אַ האַרץ און נשמה־אויפבליץ, וואָס ליכטיקט אויף דעם געדאַנק, קאָן ער שאַפן און איבערשאַפן רעאַליטעטן — — — נאָר אין די געהויבענע שעפערישע מאָמענטן, קאָן ער זיך אַראָפּלאָזן צו אַלע תהומען, און זיך דערהויבן צו אַלע הויכן פון דער אוניווערסאַלער דינאַמישקייט — — — דורך דער באַהעפטונג מיט דער דאָזיקער דינאַמישקייט ווערט

* עבודה זרה, דף כ"ב, עמוד ב'.

פּאַרטיפט זיין שעפערישקייט, און עס אַנטפּלעקט זיך צו אים די גרונטיקייטן פון דער קאָסמישער יצירה״...

נאַטאַנסאָנס אָנשויונג וועגן דער אויפגאַבע פון ליטעראַטור־קריטיקער איז בעיקר: צו אַנטפּלעקן פאַר דעם לייענער די תהומות און הויכן פון דעם קינסטלערס שעפערישער יצירה און זיין ווערק, זיי באַלייכטן אין ליכט פון פילאָזאָפיע און פסיכאָלאָגיע, צו עפענען זיינע אויגן ניט נאָר פאַר די עסטע־טישע אייגנשאַפטן פון דעם קריטיקירטן ווערק, נאָר אויך פאַר זיינע סאָציאַל־עטישע, פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס זיינען באַוווסטזיניק אָדער אונטער־באַוווסטזיניק אַריינגעוועבט געוואָרן אין דער „נשמה״ פון ווערק, וואָס אַנטפּלעקט זיך צום אינטעליגענטן לייענער דורך דער מיטשאַף פון ליטע־ראַטור־קריטיקער. מיט זיין הילף ווערט אויך דער לייענער, דער קונסט־געניסער, אַ דריטער שותף צום קינסטלערס באַשאַף.

ווילי־אַם נאַטאַנסאָן איז בעצם אַ קריטיקער־אַריינטייטשער. אין כמעט אַלע זיינע קריטישע עסייען באַמיט ער זיך צו אַנטפּלעקן פאַר דעם לייענער ניט נאָר דעם „נגלה״ פון דעם קונסט־ווערט, נאָר דער עיקר זיין „נסתר״, די פילאָזאָפישע און מיסטישע אַטמאָספער, וואָס שוועבט איבער דעם ווערק, אין זיין באַהאַלטענער טיף און הויך. ער גלייבט, אַז „ס׳איז וויכטיק ניט דאָס, וואָס דער שאַפער האָט אין זינען געהאַט בעת ער האָט געשאַפן זיינע קינס־טלערישע, פילאָזאָפישע, אָדער וויסנשאַפטלעכע וויזיעס וועגן וועלטן און רעאַליטעטן. וויכטיק איז, וואָס אַזוינע שאַפונגען מיינען פאַר יענע, וואָס קאָנען זיי אויפנעמען און וואָס קומען צו זיי מיט אַזעלכע אָדער אַנדערע כוונות. די וויכטיקייט און גרויסקייט פון דער באַשאַפונג באַשטייט אין די מעגלעכקייטן וואָס זי פאַרמאָגט, אַז ס׳זאָל אין איר קאָנען אַריינגעטייטשט ווערן אַזעלכע באַדייטן, וואָס זאָל פירן צו דער פאַרטיפונג פון דעם מהות מענטש און פירן אים צו אַ העכערער מדרגה פון קולטור״.

דאָ אין דעם פּאַראַגראַף האָט איר כמעט דעם תמצית פון נאַטאַנסאָנס „אני מאמין״ וועגן דער אויפגאַבע פון קריטיקער. נאָר אין ליכט פון זיין ליטעראַרישער קרעדאָ קאָן מען און מ׳דאַרף אָפּשאַצן זיין נייע ווערק „קול־טור־קוואַלן״.*

---

* „קולטור־קוואַלן״ — פילאָזאָפישע ליטעראַרישע עסייען — פאַרלאַג „ייד־בוך״, בוענאָס־איירעס, 1959.

נאַטאַנסאָנס בוך איז כמעט אין גאַנצן געווידמעט פילאָזאָפיש־ליטעראַרישער קריטיק: ער אַנאַליזירט לייוויקס ווערק, „אין די טעג פון איוב״ אין ליכט פון גאָט־מענטש שייכות (ערשטער אַרטיקל, וואָס איז געווען געדרוקט אין „די גאָלדענע קייט״) און מענטש־צו־מענטש שייכות (צווייטער אַרטיקל).

ביידע אַרטיקלען זיינען אַ מעטאַפיזיש־פילאָזאָפישער און סאָציאַל־פילאָזאָפישער פירוש צו לייוויקס ווערק. עס ווערט אויך אין זיי אַנאַליזירט די הויפּט־לעגענדאַריש־טראַגישע געשטאַלט איוב און די געשטאַלטן פון אונדזערע אָבות: אברהם און יצחק.

דער שרייבער פון דאָזיקן אַרטיקל, וואָס האָט לכתחילה רעוואָלטירט קעגן די טיפע און הויכע רעיונות וואָס נאַטאַנסאָן האָט אַנטפּלעקט אין לייוויקס ווערק, איז געוואָרן בהדרגהדיק אַזוי פאַרכאַפּט פון זיין פילאָזאָפישער אינטערפּרעטאַציע און איז אַזוי באַאיינפלוסט געוואָרן פון איר, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו גלייבן אין איר אמתדיקייט, ווי זי וואָלט געווען דער אייציקער פירוש צו לייוויקס ווערק, ווייל די אַרטיקלען זיינען אָנגעהויכט מיט טיף פילאָזאָפישן גלויבן, מיט דעם אינערלעכן פייער פון איבערצייגונג, מיט ערודיציע און מייסטערשאַפט. זיין פּאַטאָס פאַרכישופט און פאַרשיכורט, — און דער נשמה־רעוואָלט האָט זיך בהדרגהדיק אויסגעלאָשן.

דער שרייבער פון די שורות איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון נאַטאַנסאָנס טעזיס, אַז ס'איז ניטאָ קיין מחיצה צווישן פילאָזאָפיע, קונסט און וויסנשאַפט; זיי זיינען אַלע אַן אויסשטראַל פון שעפערישן מענטשלעכן גייסט, וואָס ציט זיין יניקה און אינספּיראַציע פון דעם „רוח אלהים״. די אומדערשעפלעכע שאַפונגס־קראַפט פון געניאַלע גאָט־געבענטשטע שעפער פון אַלע געביטן פון מענטשלעכער יצירה איז בעצם אַן אייביקע מיסטעריע.

לייוויקס סימבאָליש ווערק „אין די טעג פון איוב״, האָט געפונען, ווי די מקובלים וואָלטן געזאָגט, אַ תיקון, טאַקע אויך אַ פילאָזאָפישן אָנשפּאַר און אַן אחיזה אין דער אָריגינעלער נאַטאַנסאָנישער אויסטייטשונג.

נישט וויכטיק איז, צי נאַטאַנסאָנס פילאָזאָפישער פירוש איז אַן אָרגאַנישער „יש״ אין לייוויקס ווערק, אָדער דאָס איז נאָר אַן אַריינטייטש, און לייוויק האָט ניט געהאַט קיין אַנונג, אין זיין יצירה־פּראָצעס פון דעם ווערק, וועגן די אַלע מיסטיש־פילאָזאָפישע רעיונות, וואָס נאַטאַנסאָן האָט אַנטפּלעקט

„אין די טעג פון איוב״. דער לייענער איז באַרייכערט געוואָרן און איז געוואָרן אַ שותף צו לייוויקס יצירה און איר פילאָזאָפישער אַריינטייטש; ער איז נתעלה געוואָרן דורך דער יצירה פון געניאַלן קינסטלער לייוויק און זיין אָריגינעלן קריטיקער.

נאַטאַנסאָנס דריי אַרטיקלען וועגן דעם „דיכטער פון פשוטן וואָרט און אַנגעלאָדענע שורות״, ה. רויזענבלאַט, זיינען אַן אָפּשאַצונג ניט פון די פשוטע, האַרציקע, שיינע און פאַרשיידנפאַרביקע פאַלקסדיכטערישע שאַ־פונגען פון ה. רויזענבלאַט, נאָר בעיקר פון זיינע „אַנגעלאָדענע שורות״.

אויב די אַרטיקלען וועגן לייוויקס ווערק זיינען אַ מיסטיש־פילאָזאָפישער פירוש, זיינען אָבער די פילאָזאָפישע אַרטיקלען וועגן רויזענבלאַטס „אַנגע־לאָדענע שורות״ אין דער חסידישער בחינה פון „רזין דרזין״ — געטלעכע סודות, וואָס אַנטפּלעקן זיך נאָר צו יודעי חן, ד.ה. מיסטיקער.

דער שרייבער פון אָט דעם אַרטיקל האָט זייער אַ געהויבענע מיינונג וועגן דעם אָריגינעלן קריטיקער, ווילי‌אַם נאַטאַנסאָן, און וועגן דעם דיכטער ה. רויזענבלאַט, און טראַץ דעם האָט ער זיך ניט געקענט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז אין די דריי אַרטיקלען וועגן רויזענבלאַטס דיכטונג האָט דער קריטיקער זיך באַמיט אַריינצוטייטשן פילאָזאָפישע רעיונות און מחשבות, וואָס לאָזן זיך בשום אופן ניט אַריינטייטשן. ממילא איז דאָ פּאַסיק צו דער־מאָנען דאָס תלמודישע שפּרוך־ווערטל: „תפסת מרובה לא תפסת״! דאָס הייסט, האָסט איבערגעכאַפּט דאָס מעסטל, האָסטו ניט אויפגעכאַפּט!

דאָ אָבער ווו נאַטאַנסאָן אַנאַליזירט די „פשוטע ווערטער״ פון רויזענ־בלאַטס דיכטונג, און איז ניט ממילא מגזם, ווערט דער לייענער פאַרכאַפּט און באַוווירקט פון דער קריטישער אָפּשאַצונג וועגן רויזענבלאַטס לירישע, פאָלקסטימלעכע, פּאָעטישע יצירות. ער אַנטדעקט אין זיי אמתע פּערל פון באַהנטער, פאַרשיידנפאַרביקער פּאָעזיע.

נאַטאַנסאָנס צוויי אַרטיקלען איבער לוצקיס דיכטונג, אין ליכט פון פי־לאָזאָפיע, זיינען פון גאָר אַ הויכער מדרגה. אין די אָפּשאַצונגען סינטעזירן זיך נאַטאַנסאָנס פילאָזאָפישע רעיונות און מחשבות מיט לוצקיס אָריגינעלער דיכטונג. אין זיי איז מטושטש געוואָרן די מחיצה פון מקור און פירוש; זיי דערגאַנצן איינער דעם צווייטן.

נאַטאַנסאָן צעגלידערט לוצקיס דיכטונג און אַנטפּלעקט איר רייכע און

טיפע „נשמה״, איר פּאָעטישן מהות, איר מוזיקאַלישקייט, איר עלאַסטישקייט, איר שפּראַך־רייכקייט, איר מיסטעריעזישקייט, און דער עיקר: איר פּאַנ־טעיִסטישער תּפיסת־עולם, וואָס האָט אָנגענומען אַ נייע צורה — פון „פּער־זאָנאַליסטישער״ פילאָזאָפיע.

נאַטאַנסאָנס קריטישער אַנאַליז וועגן לוצקיס דיכטונג איז ניט קיין אַריינטייטש, וואָס האָט ניט קיין אָנשפּאַר אין לוצקיס פּאָעטישער יצירה. ער האָט זיך שטרענג געהאַלטן אין די ראַמען פון מקור און האָט אַנטפּלעקט אין אים שפּיציקע הויכן און תּהומדיקן טיף, וואָס אַפילו דער סאַמע אינטע־ליגענטער לייענער איז ניט בכוח צו אַנטפּלעקן. נאָר דאָס שאַרפע און געניטע אויג פון שעפערישן קריטיקער קען זיי דערזען.

נאַטאַנסאָן לערנט, אַז דורך דעם אַריינקוק אין די שפּיציקע הויכן און תּהומדיקע טיפן פון אַ גרויס און אָריגינעל קונסטווערק ווערט אָפּגעשאַפט די מחיצה צווישן שאַפער און געניסער. ער ווערט דורך זיי אַ מיטשאַפער און ממילא אַ שותף אין דעם יצירה־פּראָצעס פון קינסטלער, און דאָס איז אַ גאָר הויכע מדרגה, וואָס יעדער אינטעליגענטער קונסט־געניסער דאַרף שטרעבן זי צו דערגרייכן.

לייענען פּאָעזיע בכלל, און לוצקיס פּאָעזיע בפרט, איז ניט קיין צייט־פאַרטרייב, אָדער נאָר אַ מיטל זיך צו פאַרווילן און זיך פאַרגעסן, און אַפילו ניט נאָר אַן עסטעטישער גענוס, נאָר בעיקר אַן אַקט פון נשמהדיקער דער־הייבונג און פאַרטיפונג.

נאַטאַנסאָנס אינהאַלטסרייכע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם שאַפער און באַ־גרינדער פון דער רעלאַטיוויטעט־טעאָריע, אַלבערט איינשטיין, איז געשריבן אין ליכט פון איינשטיינס גלויבן, אַז „די אינטויִטיווע און געדאַנקלעכע דער־קענטעניש־מעגלעכקייטן ווייסן ניט פון קיין אָפּשטעל און קיין גרענעץ. עס איז דעריבער ניט פאַראַן קיין שיעור צו אַלערליי אַנטפּלעקונגען און דער־פינדונגען: פיזישע, ביאָלאָגישע, פּסיכישע, עסטעטישע און עטישע. אָבער דער מענטש איז בלויז אַ טייל אָדער אַן אָרויסשטראַל פון קאָסמישן אַרומ־נעם. — — — פאַר דעם מענטש איז לכן אויסגעשלאָסן אויף אייביק די מעגלעכקייט פון אַן אַבסאָלוטער און פולקאָמענער דערקענטעניש פון דער אַלערלעצטער רעאַליטעט. די סובסטאַנץ, אָדער די עקזיסטענץ אין זיך גופא, די אומדערשעפּלעכע שאַפונגס־קראַפט פון סאַמע אָנהויב וועט בלייבן אויף

אייביק אַ מיסטעריע פאַר דעם מענטשן — דעם בחיר היצורים". (קולטור־קוואַלן, ז. 287).

נאַטאַנסאָן אַנאַליזירט און שילדערט איינשטיינס פאַרשיידנפאַרביקע און האַרמאָנישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט ניט געהאַלטן פון כלומרשטע גרעניצן צווישן וויסנשאַפט און קונסט, צווישן פילאָזאָפיע און דיכטונג, צווישן עטיק און עסטעטיק; ער האָט געגלויבט, אַז אַלע שטראָמען זיי פון איין קוואַל, און זיי מוזן און דאַרפן דינען איין צוועק — די דערהייבונג און פאַרברייטערונג פון דעם מענטש.

איר זעט די געשטאַלט פון אַלבערט איינשטיין, אין דעם פיינעם פאַרטרעט, וואָס נאַטאַנסאָן האָט מיט גרויס ליבע און יראת הרוממות געמאָלן. דער עסיי איז אַ פּאָעטיש־פילאָזאָפישער, וויסנשאַפטלעכער שיר־מזמור צו דעם געניאַלן וויסנשאַפטלער, דענקער, פאָרשער און שאַפער, אַלבערט איינשטיין.

דער פּובליציסטיש־פילאָזאָפישער אַרטיקל: „ישראל אין ליכט פון אייביקייט", איז געשריבן געוואָרן מיט פייערדיקער אמונה אין „דער צווייגעשטאַלטיקייט פון איין־און־איינציקן פאָלק, וואָס האָט צום ערשטן מאָל מיט טויזנטער יאָרן צוריק פּראָקלאַמירט אויף אייביק גאָטס איין־און־איינציקייט".

דער שרייבער פון דעם אַרטיקל קען ניט מסכים זיין מיט דער הנחה פון צוויי־געשטאַלטיקייט פון פאָלק ישראל; זי איז ניט היסטאָריש־וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט. דער פּרצוף פון יידישן פאָלק איז, לויט מיין מיינונג, איין־געשטאַלטיק, ווי גאָט איז איינער, אַ „יחיד שאין כיחודו".

אָודאי איז נאַטאַנסאָנס הנחה, אַז דער ייד האָט זיך אויסגעלעבט קולטורשעפעריש אין אַלע גלותן, אַ היסטאָרישער אמת, וואָס קיינער קען ניט אָפּפרעגן: דער ייד האָט געשאַפן אין גלות ניט נאָר דעם תלמוד־בבלי, וואָס האָט אויסגעפּאָרעמט דאָס יידישע גייסטיקע לעבן אין זיין גלות; וואָס האָט פאַרטיפט, ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל ניט קלינגען, די יידישע סאָציאַלעטישע וועלט־אָנשויונג פון תנ"ך, נאָר ער האָט געשאַפן אין גלות די יידישע פילאָזאָפיע, די קבלה, די רייכע און פאַרצווייגטע מיטלאַלטערלעכע פּאָעזיע, די פּרשנות פון תנ"ך, אין אירע פאַרשיידענע שאַטירונגען; די רייכע און פאַרשיידנפאַרביקע מוסר־ליטעראַטור, די מאָדערנע העברעיִשע און יידישע ליטעראַטורן. די אַלע יצירות זיינען געוועזן אַן אויסשטראַל פון דער פייער־

דיקער יידישער אמונה, וואָס האָט אייביק געפלאַקערט, ווי דער סנה, וואָס האָט געברענט און איז ניט פאַרברענט געוואָרן. אָבער איצטער, ווען דער „נר־תמיד", וואָס האָט געפלאַקערט אין די יידישע הערצער, איז כמעט ווי אויסגעלאָשן, פון וואַנען וועלן מיר שעפּן אונדזער יניקה און אינספּי־ראַציע ווייטער צו שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון קולטור־שעפערישקייט ?

צי גלייבט אפשר נאַטאַנסאָן, אַז די רייכע, שיינע טעמפּלען, אויסגע־לײדיקטע פון קדושה און פון פייערדיקער אמונה, וואָס זיינען בעצם מער סאָציאַלע קלובן ווי בתי־תפילה, וועלן זיין דער קוואַל פון אונדזער אמתער, שעפערישער פאָלקס־יניקה ?

נאַטאַנסאָן גלייבט באמונה שלמה אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק, ווייל דער ייד האָט, לויט זיין מיינונג, אין אַלע דורות געשטעלט דעם טראָפּ „אויף צייט, ניט אויף שטח", ד.ה. לאַנד. אויך די הנחה איז ניט היסטאָריש־וויסנשאַפטלעך באַגרינדעט : ניט אויף צייט — אַ באַגריף וואָס איז פרעמד געווען דעם ייד, נאָר אויף אמונה אין אַן אײן־אײנציקן גאָט, וואָס זיין גייסט האָט געשוועבט איבער דעם תהום איידער ליכט איז באַשאַפן געוואָרן, האָט דער ייד געשטעלט דעם טראָפּ. און אַן ליכט איז ניטאָ קיין צייט !

נאַטאַנסאָן גלייבט, אַז „דער הויפּט־געבאָט פון יידישן פאָלק איז : קעגנזייטיקע יניקה און צובונד צווישן ישראל און די תפוצות". ווילט זיך אים פרעגן : וואָס וועט זיין דער גייסטיקער יסוד פון דער קעגנזייטיקער יניקה און צובונד ? די אויסגעליידיקטע טעמפּלען און די געלט־זאַמלונגען לטובת מדינת ישראל, וועלכע זיינען, אַגב, זייער וויכטיק, אָדער אפשר די הויראַ־טענץ ? ס׳גלייבט זיך קוים אין זייער ממשותדיקייט און אין זייער גייסטיקן איינפלוס.

נאַטאַנסאָן אַליין שטעלט פעסט : „אַז אין ליכט פון אַ פעסטן גלויבן אין אַן אל חי וקים, האָט דאָס יידישע פאָלק זיך אַליין דערפילט ווי אַן עם חי וקים. דאָס האָט אים געגעבן מוט און גבורה צו שטרעבן און קעמפן פאַר המשך און קיום". איך בין שטאַרק מסופק צי דער פעסטער גלויבן „אין אַן אל חי וקים" לעבט איצטער אוןווירקט אַפילו אין די טעמפּלען, ומכל־שכן אין די הערצער פון די מאַסן. ווו איז דער יסוד צו דער אמונה אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק ?

צווישן אַלע נביאים, וואָס האָבן געחלומט וועגן דער גאולה פון יידישן פאָלק, „איז ניטאָ קיין אַנדער נביא, וואָס האָט אַזוי מדגיש געווען די נצחיות פון פאָלק ווי ירמיה. ער האָט דערהויבן דעם אייביקן קיום פון פאָלק ישראל צו אַ מדרגה פון קאָסמישן געזעץ". (אין לך נביא אחר שהדגיש כל כך את נצחיות האומה כירמיה. הוא מעלה את קיומו התמידי של עם ישראל למדרגת חוק קוסמי). אַזוי זאָגט, ריכטיק און טרעפלעך, דער באַוווסטער געלערנטער און פאָרשער, ד"ר מאיר וואַקסמאַן אין זיין בוך: „גלות וגאולה בספרות ישראל", זייט 37. אין דער אמתדיקייט פון דער הנחה קאָן זיך יעדער איבערציינגן פון די פרקים ל"א און ל"ג אין ספר ירמיהו.

ירמיהס גלויבן איז אָבער ענג פאַרבונדן מיט שיבת־ציון, וואָס איז פאַר אים דער העכסטער אידעאַל פון אייביקן בונד צווישן ישראל און גאָט, צווישן ישראל און זיין תורה, ניט פאַר יחידים, נאָר פאַר דעם גאַנצן פאָלק ישראל, „פון קליינע ביז גרויסע" (למקטנם ועד גדולם). אָבער אָן גאָט און אָן תורה האָט די אמונה פון אייביקייט קיין אַנהאַלט ניט... לייענט ירמיה, קאַפּיטל ל"א, פון פסוק ל"א ביז ל"ז, און איר וועט זען די אמתדיקייט פון דער הנחה.

דער ריין פילאָזאָפישער אַרטיקל: „פראַגמאַטיזם ווי אַ פאָרגייער פון לאָגישן פאָזיטיוויזם" איז אַ גאָר ערנסטע אָפּהאַנדלונג וועגן דער פילאָזאָפישער שיטה „פראַגמאַטיזם", וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דעם אַמעריקאַנער פּראַקטישן קוק אויפן לעבן, וואָס האָט באַהערשט אַפילו אַזעלכע גייסטיקע ריזן, ווי וויליאַם דזשיימס, דער פאָטער פון פראַגמאַטיזם, און דעם אָריגינעלן פילאָזאָף און פּראָגרעסיוון דערציער, דעם שאַפער פון דער באַוועגונג „פּראָגרעסיווע דערציונג" דזשאָן דיואי. דער אַרטיקל איז, ווי אונדז דאַכט זיך, נאָר אַ פראַגמענט פון אַ גרעסערער אָפּהאַנדלונג וועגן פּראַגמאַטיזם, און דאָך גיט זי דעם לייענער אַ קלאָרן באַגריף וועגן דער דערקענטעניש־טעאָריע פון דער פילאָזאָפישער שיטה, וועגן איר שטעלונג צו מעטאַפיזישע פּראָבלעמען בכלל, און צו רעליגיע בפרט.

די פראַגמענטאַרישקייט פון אָט דעם אַרטיקל האָט גורם געווען, אַז ס'זיינען ניט באַלויכטן געוואָרן אין אים אַנדערע וויכטיקע ענינים פון דער פּראַגמאַטיסטישער פילאָזאָפישער שיטה. דער ערנסטער לייענער ווערט אָבער אָנגערעגט צו דענקען און זיך פאַרטיפן אין דער אָריגינעלער אַמעריקאַנער פילאָזאָפישער שיטה.

דער לעצטער אַרטיקל וועגן דעם קלאַסישן ליבע־ליד פון תנ״ך „שיר השירים״, איז אַ פּראַכטפולער פילאָזאָפיש־פּאָעטישער עסיי וועגן אַ געזאַנג, וואָס איז געווען און וועט תמיד זיין, ווי דער תנא רבי עקיבא האָט זיך אויסגעדריקט: „קודש קדשים״, דאָס געזאַנג פון די סאַמע הייליקסטע מענטשלעכע געפילן, ווייל עס האָט סובלימירט ליידנשאַפט־אינסטינקטן צו אַ ניוואָ פון קדושה און רוחניות, זיי פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט עסטעטישן געניוס פון דער נאַטור. אין שיר־השירים שוועבט דער „רוח אלהים״ איבער דעם חיהשן אין מענטש און פאַרוואַנדלט אים אין אַ העכערן טיפּ וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין גאָטס פּאָרעם און געשטאַלט.

איך וויל ענדיקן מיין איבערבליק איבער נאַטאַנסאָנס בוך „קולטור־קוואַלן״ מיט עטלעכע ווערטער וועגן דעם ערשטן אַרטיקל פון בוך: „אַלפרעד וווהייטהעדס קולטור־סינטעז״.

ווער ס׳וויל קריגן אַ באַגריף וועגן נאַטאַנסאָנס פילאָזאָפישע אַנשויונגען איבער קולטור און ציוויליזאַציע, פילאָזאָפיע און רעליגיע, עטיק און עסטעטיק און די שייכותן צווישן זיי, זאָל זיך פאַרטיפן אין דעם אַרטיקל און טאַקע אים לייענען אייניקע מאָל, וועט ער דאָרטן געפינען ניט נאָר אַ טיפן און ערנסטן אַנאַליז וועגן וווהייטהעדס וועלט־אַנשויונגען, נאָר אויך אַ זעלבסט־פאָרטרעט פון נאַטאַנסאָנען דעם אָריגינעלן דענקער און קריטיקער, וועלכער אידענטיפיצירט זיך מיט וווהייטהעדס לערע.

קולטור־פּראָבלעמען

אונדזערע קולטור־דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל

די קולטור פון אַ נאָרמאַל פאָלק ציט איר יניקה פון דריי הויפּט־קוואַלן: פון היימבאָדן, פון לעבנסשטייגער און פון רעליגיעזן קולט אָדער נאַציאָנאַלן מיטאָס.

ווען דאָס יידישע פאָלק האָט געלעבט אַ נאָרמאַל לעבן אויף זיין באָדן, האָט זיין שאַפענדיקער געניוס געצויגן זיין יניקה פון די אויבנדערמאָנטע קוואַלן. דער תנ״ך איז די בעסטע אילוסטראַציע פאַר אונדזער באַהויפּטונג: ס׳איז גענוג נאָר איבערצולייענען דעם „שיר השירים״, צו זען אויף וויפל דער באָדן האָט באַהויכט און באַזעלט אונדזערע שאַפונגען. און ווילט איר קריגן אַ באַגריף וועגן דעם איינפלוס פון נאַציאָנאַלן לעבנסשטייגער אויף אונדזערע קולטור־שאַפונגען, לייענט די אידיליע „רות״ און איר ווערט ממש נשתומם פון דער אינטענסיוור לעבנס־אָפּשפּיגלונג, וועלכע איז געקומען צום אויס־דרוק אין דעם קליינטשיקן ספר. דער גאַנצער תנ״ך איז אָנגעהויכט פון אונדזער רעליגיעזן קולט און נאַציאָנאַלן מיטאָס, הויפּטזעכלעך זעט איר דאָס בחוש אין דער תורה.

מיר האָבן געשאַפן גרויסע קולטור־ווערטן אויך אין גלות. דער גרעס־טער טייל פון אונדזער קולטור־אוצרות זיינען געשאַפן געוואָרן אין דער דיאַספּאָרע, ווי למשל: דער תלמוד, די זייער פאַרצווייגטע און רייכע שפּע־טערדיקע רבנישע ליטעראַטור, די קבלה, די יידישע פילאָזאָפיע, די ליטור־גישע מיטלאַלטערלעכע פּאָעזיע און חסידות.

אויך אונדזערע גלות־שאַפונגען האָבן געצויגן זייער יניקה פון די דריי אויבנדערמאָנטע קוואַלן: מיר האָבן אין גלות זיך דערנערט פון פרעמדן באָדן, אָבער אונדזער גייסטיקע חיונה האָבן מיר באַקומען ניט פון רעאַלן, ממשותדיקן באָדן, נאָר פון דעם אויסגעטרוימטן באָדן. „ירושלים של מעלה״ איז געווען אַ געוואַלדיקער פאַקטאָר און אַ גרויסער קוואַל פון אינספּיראַציע

פאַר אונדזערע קולטור־שאַפער אין אַלע דורות. דער יידישער אייגנאַרטיקער גלות־לעבנסשטייגער האָט אויך געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין אונדזערע קולטור־שאַפונגען. מיר האָבן אין גלות ניט נאָר ממשיך געווען צו שפּינען און וועבן אונדזער רעליגיעזן קולט און נאַציאָנאַלן מיטאָס, נאָר מיר האָבן די באַרייכערט און איבערגעשאַפן אויף ס'ניי — קבלה און חסידות זיינען די בעסטע אילוסטראַציע פאַר אונדזער באַהויפּטונג.

די השכלה־באַוועגונג און די שפּעטערדיקע „וועלטלעכקייט"־באַוועגונגען, וועלכע זיינען געקומען צו זייער עקסטרעמסטן אויסדרוק אין דער בונדישער אידעאָלאָגיע, און האָבן פּרובירט און זיך באַמיט שלא במתכון אומצובּרענגען דעם אַלטן יידישן קולטור־בוים דורך פאַרשטאָפּן די צנורות פון זיין יניקה — „ירושלים של מעלה", און על אחת כמה וכמה דאָס רעאַלע ירושלים — איז געווען פאַרוויאַנעטע, פּוסטע ראָמאַנטיק, פון וועלכער מען האָט געשפּאָט און געשפּאָסט: „משיח און יידנטום איז געשטאָרבן", האָבן די בונדאָווצעס געזונגען מיט אמתער חסידישער התלהבות אין מיינע יוגנט־יאָרן; רעליגיע און יידישן רעליגיעזן לעבנסשטייגער האָט מען מבטל געווען בתכלית הביטול. מ'האָט געחלומט פון אַ נייער וועלטלעכער יידישער קולטור, וועלכע זאָל ציען איר יניקה ניט פון אונדזערע אַלטע קוואַלן, נאָר פון דער פאַרהערלעכטער אייראָפּעישער קולטור.

און די רעזולטאַטן? אַ פּוסטע קרעטשמע! אונדזער מאָדערנע יידישע ליטעראַטור, וועלכע האָט געבליט אין די לעצטע צוויי דורות, ווייל זי האָט נאָך געצויגן איר יניקה אויף אַן אומדירעקטן אופן פון די אַלטע אור־קוואַלן, דראָט אַ געפאַר פון פאַרניכטונג ניט נאָר צוליב דער פאַרפרעמדונג פון אונדזער יוגנט, נאָר צוליב דער פאַרשטאָפּונג פון די אויבענדערמאָנטע קוואַלן. מיר שטייען איצט פאַר דער גרעסטער סכנה אין אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ — די אַטראָפירונג פון אונדזער געניוס, און זי קאָן, חלילה, ברענגען צו אונדזער ממשותדיקער, פיזישער פאַרניכטונג.

דער שר האומה, וועלכער איז ממונה אויף אונדזער נאַציאָנאַלן קיום האָט אָבער געזאָרגט, אַז אונדזער קולטור־בוים זאָל ניט פאַרוויאַנעט ווערן און האָט פאַר אים באַצייטנס געפונען אַ מקום מקלט אין דער באַנייטער ארץ־ישראל.

די באַנייטע העברעישע קולטור אין ארץ־ישראל ציט איר יניקה פון היים־באָדן, וועלכער ווערט אויסגעלייזט און באַפרוכפּערט פון די חלוצים,

וועלכע שאַפן אַ נייעם יידישן לעבנסשטייגער, ניי אין פאָרעם אָבער טיף־פאַרוואָרצלט אין די אידעאַלן פון גערעכטיקייט פון די נביאים. ממילא ווערן אויך אויפגעלעבט און איבערגעשאַפן די אַלטע יידישע רעליגיעז־עטישע פרינציפן, וועלכע האָבן געפונען זייער פאַרקערפערונג אין דער אידעאָלאָגיע פון „דת העבודה" און נאָך מער קאָנקרעטער אין די רעליגיעזע קבוצות, ווו דת־רעליגיע און עבודה־אַרבעט ווערן סינטעטיש באַנייט.

וואָס איז דער מהות פון דער באַנייטער ארץ־ישראלדיקער קולטור?

אירע הויפשטריכן זיינען: פאַרשיידנאַרטיקייט, גאַנצקייט און סינטעטישקייט: די באַנייטע ארץ־ישראלדיקע קולטור איז פאַרשיידנאַרטיק און גאַנץ, זי נעמט אַרום אַלע פאַזן פון לעבן, די מאַטעריעלע און די גייסטיקע, ווייל זי שפּראָצט פון דעם רעאַלן לעבן. זי איז ניט די קולטור פון די אַזוי־גערופענע העכערע קלאַסן, נאָר פון אַלע שיכטן פון פאָלק און ציט איר יניקה פון דעם שווייס און בלוט פון די אַרבעטנדיקע מאַסן. זי שוועבט ניט אין די העכערע ספערן פון אונדזער לעבן, זי איז ניט די סמעטענע פון לעבן, נאָר עצם לעבן — אירע דיכטער באַזינגען די בהמה, וועלכע אַקערט דעם באָדן, דאָס מיסט, וואָס באַפרוכפּערט דעם באָדן, דעם טראַקטאָר און דאָס אַקעראייזן, און די ביקס, מיט וועלכע דער חלוץ פאַרטיידיקט דאָס פּיצעלע קינד אין וויגעלע און דאָס קעלבעלע אין שטאַל (לייען „במשמר" פון שאול טשערניכאָווסקי, אָדער די שירים פון לוי בן אמתי, דער דיכטער פון דער קבוצה, און די אידיליעס פון ד. שמעונאָוויטש).

די באַנייטע העברעישע קולטור אין ארץ־ישראל איז סינטעטיש, זי איז אמתדיק, יידישלעך און וועלטלעך, זי איז ניי, ווייל זי שפּיגלט אָפּ דאָס איצטיקע לעבן, זי איז אָבער אויך דורכגעזאַפּט מיט דעם גייסט פון די אַלטע אור־קוואַלן, זי איז די פאָרזעצונג פון אונדזערע קולטור־אוצרות און זי איז דער לייכטורעם פון דער צוקונפט. זי איז ראָמאַנטיש און רעאַליסטיש און איז טיף פאַראַנקערט אין דער ארץ־ישראלדיקער ווירקלעכקייט. זי איז קערנדיק און חיונהדיק, ווייל זי איז ניט קיין דערגענצונג צו דער דאָמינירנדיקער פרעמדער קולטור, וועלכע באַהערשט אונדז אין גלות, ווויסנדיק און ניט ווויסנדיק, און פאַרשלינגט אונדז ממש. זי איז די פאַרקערפערונג פון דעם דערוואַכנדיקן יידישן געניוס און דער לבוש פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

די באַנייטע העברעישע קולטור אין ארץ־ישראל איז נאָך יונג און איז

אין איר ערשטער פאַזע פון אַנטוויקלונג, אָבער זי האָט אַלע מעגלעכקייטן פאַר וווּקס און שטייגונג, ווייל זי האָט אַן אייגענעם באָדן אונטער אירע פיס. זי האָט אַ יוגנט, וואָס אָטעמט אין איר לופט און דופט, זי איז איר טרייב־קראַפט, איר וועגווייזער און אויך טיילוויז איר שאַפער.

ס׳איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע ממשותדיקע דערגרייכונגען אין אַ קורצן אַרטיקל. איך וועל זיך מוזן באַנוגענען מיט אייניקע פאַקטן: דער רייכער מעכטיקער און גרויסער יידישער ישוב אין אַמעריקע פאַרמאָגט צוויי מאָנאַטלעכע זשורנאַלן, דער „בצרון" און די „צוקונפט", — דער אָרעמער, ישוב אין ארץ־ישראל האָט פיר גרויסע מאָנאַטלעכע זשורנאַלן, אַ חוץ אַ קלענערע צאָל אומבאַדייטנדיקע מאָנאַטלעכע זשורנאַלן. דאָס רייכע אַמעריקע האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן אויף אַ בכבודיקן אופן דעם איינ־ציקן קונסט־טעאַטער, וואָס מיר האָבן געהאַט, און דאָס אָרעמע ארץ־ישראל האַלט אויס דעם נאַציאָנאַלן קונסט־טעאַטער „הבימה" און דעם קונסט־טעאַטער „האהל", געשאַפן און געשטיצט פון דער הסתדרות. אין רייכן אַמע־ריקע איז אונדזער ביכער־פּראָדוקציע סיי אין העברעיש און סיי אין יידיש שרעקלעך קליין, און די גרעסטע טייל פון אונדזערע שאַפונגען ווערן גע־דרוקט דורך דעם פאַרלאַג „אַליינעניו" ד.ה. די שאַפער מוזן, לײדער, זיך אָפּזאָגן פון די סאַמע נויטיקסטע הצטרכותן, כדי מיט די אָפּגעשפּאָרטע פּרוטות פאַרעפנטלעכן זייערע ווערק. די מערסטע לייענער זיינע זענען קאָ־לעגן שרייבער, אָבער „עמך" וועט זיין ווערק ניט לייענען, ווייל „עמך" האָט אויפגעהערט לייענען. אין ארץ־ישראל איז דער אַרבעטער דער גרעסטער קויפער און דער בעסטער לייענער פון דעם העברעישן בוך. די ביכער, וועלכע דער געזעלשאַפטלעכער פאַרלאַג, „עם עובד" פאַרעפנטלעכט, ווערן געדרוקט אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן און ווערן ממש פאַרשלונגען. אין ארץ־ישראל איז דאָס העברעישע בוך ניט קיין לוקסוס־זאַך און ניט קיין נאַציאָ־נאַלע מצוה, נאָר אַן אמתע גייסטיקע נויטווענדיקייט.

ס׳איז דערפאַר צו דערוואַרטן, אַז מיטן וווּקס פון ארץ־ישראלדיקן ישוב אין דער נאָענטער צוקונפט, וועט זיך צעבליען אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור־בוים אין ארץ־ישראל, און זיין אַראָמאַט וועט ניט נאָר דערקוויקן די אָרטיקע באַפעלקערונג, נאָר ווערן אַ סם חיים פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק.

קולטור און שפּראַך

דאָס יידישע פאָלק טרינקט זיך אין אַ ים פון בלוט און טרערן. אונדזערע שונאים האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מאַסקע פון כלומרשטער מענטשלעכקייט און זיי דערקלערן אָן בושה, אַז זיי וועלן ניט רוען ביז זיי וועלן אונדז ניט עוקר מן השורש זיין. זייערע בעסטיאַלישע אינסטינקטן בושעווען פראַנק און פריי.

אונדזערע פריינד און באַשיצער זוכן פאַר אונדז טעריטאָריעס הינטער די הרי־חשך און פאַרהאַקן די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר אונדזערע אומגליקלעכע פליטים.

און ווי איז די לאַגע פון אינעווייניק ?

מיר זיינען צעריסן און צעשפּליטערט אין קלייזלעך, וועלכע באַקעמפן איינע די אַנדערע ; מיר זיינען אויסגעליידיקט פון אונדזערע קולטור־ווערטן און געגליכן צו פאַרוועלקטע בלעטער, אָפּגעריסענע פון זייער שטאַם.

מיר לעכצן נאָך אַ טרייסט־וואָרט, נאָך אַ פונק פון האָפענונג, און מיט אונדזערע אייגענע הענט האָבן מיר פאַרזיגלט די קוואַלן, פון וועלכע אונדזערע עלטערן האָבן געשעפּט מוט און קראַפט ביים צוקומען אַלע זייערע צרות.

דערפאַר פרעסט אונדז די פאַרצווייפלונג און שדים טאַנצן אין אונדזערע חורבות. כל זמן מיר וועלן זיך ניט צוריקקערן צו אונדזערע אַלטע קולטור־אוצרות, צום אור־אַלטן קוואַל פון ישראל סבא, וועלן מיר, חלילה, פאַרוויאַנעט ווערן אין איצטיקן טראַגישן פעריאָד.

מיר מוזן באַנייען הערצלס רוף : „דער צוריקקער צום יידנטום איז אַ פאַרבאַדינג צום צוריקקער נאָך ארץ־ישראל", און דער צוריקקער צום יידנטום פאָדערט פון אונדז ניט צו פאַרנאַכלעסיקן דעם שליסל צו אונדזערע קולטור־אוצרות — דער לבוש פון אונדזער רעליגיע און פאָלקס פּסיכיק — די העברעישע שפּראַך.

דער צוריקקער צו העברעיש דאַרף דינען אַלס סטימול זיך צו פאַרטיפן אין אונדזער גייסטיקער ירושה, וועלכע איז געשאַפן און אָפּגעהיט געוואָרן דורך דורות פון פּיין און ליידן אין נאַציאָנאַלן לבוש פון אונדזער פאָלקס־נשמה, העברעיש.

מיר זיינען אַן אַלט קולטור־פאָלק, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו שאַפן אַפילו אין די טראַגישסטע מאָמענטן פון זיין געשיכטע; אונדזער פאָלקס־לירע האָט זיך צעזונגען ניט נאָר אונטער די בלויע הימלען פון ארץ־ישראל, נאָר אויך אונטער די פאַרוואָלקנטע הימלען פון גלות; מיר האָבן געשפּונען די גאָלדענע קייט פון אונדזער פאָלקס־געניוס אין אַלע גלות־לענדער און אין אַלע דורות, בעיקר אין דער העברעישער שפּראַך.

אמת, מיר האָבן זיך באַנוצט מיט פרעמדע שפּראַכן, מיר האָבן זיי פאַר־יידישט און באַהויכט מיט אונדזערע ליידן און פריידן, מיר האָבן זיי באַפּע־פערט און באַזאַלצן מיט נשמהדיקע אויסדרוקן און האַרץ־אויסגוסן, וועלכע האָבן געשפּרודלט פון די טיפענישן פון אונדזער נאַציאָנאַלן „איך", — אָבער מיר האָבן קיין מאָל ניט פאַרגעסן, אַז העברעיש אָדער ריכטיקער געזאָגט: „לשון הקודש" איז דער אמתער פאָלקס־אינסטרומענט פאַר אונדזער פאָלקס־געניוס, די האַרפע אויף וועלכע אונדזער געזאַלבטער קעניג־דיכטער האָט אויסגעזונגען זיינע געטלעכע לירישע תפילה־אויסגוסן און אונדזערע נביאים האָבן געשמידט אונדזערע אידעאַלן פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט.

מיר האָבן אונדזער האַרפע געטראָגן מיט זיך איבער ימים און מדבריות, איבער אַלע וועלט־טיילן, און הן אין ליידן, הן אין פריידן האָבן מיר זי ניט פאַרגעסן. זי איז געווען דער פאַרמיטלער צווישן אונדז און גאָט, צווישן אונדז און קאָסמאָס, צווישן איין דור און דעם צווייטן, צווישן עלטערן און קינדער, צווישן איין ישוב און דעם צווייטן; זי האָט פאַרבונדן דעם עבר מיט דעם עתיד, זי האָט פאַרוואַנדלט פאַנטאַזיע איןווירקלעכקייט און ווירק־לעכקייט אין פאַנטאַזיע. זי איז געווען דער וויי־געשריי פון אונדזערע ליידן און דער שופר של משיח פאַר אונדזער דערלייזונג.

מער ווי פיר טויזנט פייטנים (רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע דיכטער), וועלכע האָבן אויסגעזונגען פון די טיפענישן פון זייער נשמה אונדזערע ליידן און פריידן, האָט דער יידישער געניוס אַרויסגעגעבן אין לויף פון זיין גע־שיכטע (זע „אוצר השירה והפיוט" פון פראָפ. ישראל דאַווידזאָן, ז"ל). און ניט

נאָר אויפן געביט פון פּאָעזיע האָבן מיר זיך באַנוצט מיט דעם העברעישן לבוש, נאָר אויך אויף פיל אַנדערע געביטן: אונדזערע געזעץ־ביכער, וועלכע זיינען, אגב, אויך שטאַרק אָנגעהויבט און דורכגעדרונגען מיט פּאָעטישער געטלעכקייט, זיינען, ווי יעדן איז באַקאַנט, אויך געשאַפן געוואָרן אין דער העברעישער שפּראַך — אונדזער הייליקע תורה, די משנה, דער גרעסטער טייל פון דעם תלמוד, די „יד החזקה" פון רמב"ם און הונדערטע אַנדערע מאָנומענטאַלע געזעץ־ספרים וועלן באַשטעטיקן אָט די הנחה.

אונדזער אַלטע און מיטלעלטערלעכע פאָלקס־ליטעראַטור, ווי אונדזערע אגדות, מדרשים, האָט זיך געוועבט און באַקליידט אין אונדזער נאַציאָנאַלן לבוש און האָט אַפּעלירט צו די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן און איז געווען זיין גייסטיקע חיונה אין אַלע דורות.

אונדזער גרויסע פאַרצווייגטע מוסר־ליטעראַטור, דער גרעסטער טייל פון אונדזער קבלה־ליטעראַטור און אַ גרויסער טייל פון אונדזערע פילאָזאָפישע ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן אין העברעיש. די ווערק פון אונדזערע פילאָזאָפן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין פרעמדע שפּראַכן, זיינען ניצול געוואָרן פון פאַרניכטונג נאָר ווען זיי זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף העברעיש. אַז ניט, וואָלטן זיי געווען „כאבן שאין לה הופכין", אָן איינפלוס און אָן ווירקונג.

און ווער קאָן געהעריק אָפּשאַצן די קולטור־אוצרות, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אויף העברעיש אין דער רבנישער ליטעראַטור אין אַלע דורות און אונטער אַלע אומשטענדן? מיר האָבן נאָך ביז איצטער ניט געהעריק אָפּגעשאַצט דעם גרויסן היסטאָריש־קולטורעלן באַדייט פון דער „שאלות ותשובות"־ליטעראַטור.

ווער איז אין שטאַנד איבערצוגעבן דעם עטישן איינפלוס פון אַזאַ ספר ווי דער „מסילת ישרים" פון דעם מקובל און פּאָעט רבי משה חיים לוצאַטו?

ווי גוטער אַלטער וויין האָט ער זיך צעגאָסן אין אונדזער פאָלקס־אָרגאַניזם, געלייטערט די נשמה, געוועקט און געמוטיקט די פאַרצווייפלטע, צעמענטירט אונדזער מאָראַל און אונדז אָפּגעהיט פון אינערלעכער דעגענעראַציע.

אין די לעצטע דורות, ווען נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין אונדזער גאַס און נייע באַוועגונגען און שטרעמונגען האָבן זיך געיאָוועט ביי

אונדז ווי, למשל, די השכלה־באַוועגונג, דער חסידיזם, די „חיבת ציון״־באַוועגונג און דער פּאָליטישער ציוניזם, זיינען זיי אויך געקומען צום אויס־דרוק דורך דעם פֿאָלקס־אינסטרומענט, העברעיש.

דער גרעסטער טייל משכּילים האָבן געשאַפֿן זייערע ווערק אין העב־רעיש. דער גרעסטער פּאָעט פֿון דער השכלה־עפּאָכע, י. ל. גאָרדאָן, האָט באַזונגען דעם טראַגישן גורל פֿון דער יידישער פרוי און געוועקט צו איר באַפרייונג אין העברעיש. ר׳ יצחק בער לעבענזאָן האָט געוועקט די יידישע מאַסן צו פּראָדוקטיוויזאַציע אין העברעיש, און דער גרויסער ראָמאַנען־שרייבער אַ. מאַפּו האָט אין זיין „אהבת ציון״ אויפגעלעבט די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע.

דאָס אָריגינעלסטע און טיפסטע ווערק אין השכלה־פּעריאָד, „מורה נבוכי הזמן״ פֿון ר׳ נחמן קראָכמאַל, איז געשאַפֿן געוואָרן אויף העברעיש.

דאָס אָריגינעלסטע און טיפסטע ווערק פֿון די שעפֿער פֿון חסידיזם — דער „תניא״ פֿון ר׳ שניאור זלמן ז״ל פֿון ליאַדי — איז געשאַפֿן געוואָרן אויף העברעיש. די אַלע איבערנדערמאָנטע ווערק און אַנדערע ניט דערמאָנטע האָבן ממש רעוואָלוציאָניזירט אונדזער געדאַנקען און אונדזער וועלט־אויפ־פֿאַסונג.

אין דער צייט פֿון „חיבת ציון״ איז העברעיש כּמעט געווען דער איינ־ציקער מעדיום, אויף וועלכן די באַוועגונג איז געקומען צום אויסדרוק.

אין איר און דורך איר האָט ח. נ. ביאַליק ז״ל געשאַפֿן זיין געניאַלע פּאָעזיע, וועלכע האָט געוועקט דאָס פֿאָלק צו זעלבסט־דערלייזונג און זעלבסט־באַפרייונג.

און וועגן דער לעצטער עפּאָכע איז דאָך איבעריק צו שרייבן. אין איר האָט דאָך אַ נס פּאַסירט, וואָס נאָר צוקונפֿטיקע היסטאָריקער וועלן זיין אין שטאַנד אָפּצושאַצן זיין באַדייטונג: אַ שפּראַך וואָס האָט געלעבט נאָר אין ספֿרים איז אויפגעשטאַנען תּחית המתים, איז געוואָרן דער נערוו־צענטער פֿון דעם ישוב אין ארץ־ישראל, וואָס באַווירקט און באַאיינפלוסט אַלע יידישע ישובים איבער דער וועלט. קוקנדיק מיר זיך צו די נייע קולטור־אוצרות, דורכגעזאַפּט מיט דעם גייסט פֿון ישראל־סבא, וועלכע ווערן געשאַפֿן דורך דעם פּראָפּאָרציאָנעל קליינעם יידישן ישוב אין א״י, ווערן מיר ממש פֿאַר־גאַפֿט און פֿאַרכישופֿט פֿון דעם אויפקום און אויפבלי.

קולטור און לעבנסשטייגער

(לכבוד חנוכה)

חנוכה איז דער יום־טוב פון נצחון: ניט דער נצחון פון שווערד איבער שווערד, נאָר דער נצחון פון גייסט, דער נצחון פון דער יידישער קולטור איבער דער העלעניסטישער קולטור. ס'איז דעריבער ניט מער ווי רעכט, אַז מיר זאָלן זיך אַ ביסעלע פאַרטראַכטן וועגן דער ספּעציפישקייט און אייגנ־אַרטיקייט פון אונדזער קולטור. וועלכע באַזיצט אַזעלכע וווּנדערבאַרע אייגנ־שאַפטן, אַז זי איז געווען ביכולת צו באַלייכטן אונדזער פינצטערן גלות־וועג, אונדז אינספּירירן מיט מוט און האָפענונג אין די ביטערע און שווערע קאַמפן, וואָס מיר זיינען געווען געצוווּנגען צו פירן מיט דער אַרומיקער, גרויזאַמער וועלט.

די קולטור פון אַ נאָרמאַל פאָלק, וואָס לעבט אַ זעלבשטענדיק לעבן אויף זיין באָדן, איז אַ קאָלעקטיווע אָרגאַנישע שאַפונג און איר פונקציע איז אַ דאָפּלטע: זי ציט איר יניקה פון פאָלקס־באָדן און פון זיין אייגנאַרטיקן לעבנס־שטייגער, און ווערט אין לויף פון דער צייט די נשמה־יתירה פון פאָלק, דער באַראָמעטער פון זיין געוויסן און דער רעגולאַטאָר פון זיין לעבנסשטייגער.

און אַזוי ווי די קינדער־יאָרן פון יחיד לייגן זייער שטעמפּל אויף זיין פּסיכיק און כאַראַקטער, באַאיינפלוסן און באַווירקן זיין גאַנץ לעבן און רע־גולירן זיינע שפּעטערדיקע האַנדלונגען, אַזוי לייגן די קינדער־יאָרן פון פאָלק זייער שטעמפּל אויף דער פּסיכיק פון פאָלק, אויף זיין קולטור. און פון דאַנען נעמט זיך די גרויסע און וויכטיקע באַדייטונג פון די ערשטע קולטור־שפּראָצונגען פון יעדן פאָלק.

דער תנ״ך איז אין אַלע דורות געווען דער פונדאַמענט פון אונדזער קולטור און אונדזערע שפּעטערדיקע קולטור־שאַפונגען זיינען געווען די אויסשטראַלונגען פון אים, אויך פּירושים און דערגענצונגען צו אים.

אויב מיר ווילן אָנצייכענען די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון אונדזערע קולטור־שאַפונגען מוזן מיר אַלזאָ זוכן זייער אַנטפּלעקונג אין תנ״ך.

דער יסוד פון אונדזער קולטור איז איר אייגנאַרטיקע פילאָזאָפיש־רע־ליגיעזע וועלט־אַנשויונג, וועמענס הויפּט־פּונקטן זיינען: מאָנאָטעיזם, אַל־טרויזם, קדושה, די וויזיע פון מענטשלעכער פּערפעקציע און דער סינטעז פון נאַציאָנאַליזם און אוניווערסאַליזם.

עס עקזיסטירט אַ שטאַרקער צוזאַמענהאַנג צווישן די אויבנדערמאָנטע פּונקטען: דער אַלטרויזם אָדער מענטשן־ליבע איז אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון מאָנאָטעיזם. אָן דעם גלויבן אין איינאיינציקן גאָט קאָן ניט זיין קיין מענטשן־ליבע, און אָן מאָנאָטעיזם און אַלטרויזם קאָן ניט זיין קיין הייליקייט אין לעבן. אויב דאָס לעבן איז ברוטאַל און די באַציונג פון מענטש איז אַ חיהשע, קאָן מען ניט חלומען וועגן מענטשלעכער פּערפעקציע, און אָן דער וויזיע פון מענטשלעכער פּערפעקציע, וועלכע האָט באַקומען איר מעכטיקן אויסדרוק אין דער ידישער נבואה, קאָן ניט זיין קיין פרידן צווישן פאָלק און פאָלק, און מלחמה ווערט דער איינציקער רעגולאַטאָר פון פעלקער־באַציונגען.

ניט אומזיסט ווערן מיר אַזוי ברוטאַל פאַרפאָלגט פון דער צווייפיסיקער בעסטיע, היטלער, ימח שמו. ער ווייס, אַז אונדזער רעליגיעזע וועלט־אַנשויונג וועט סוף כל סוף באַזיגן זיינע ווילדע באַרבאַרישע האָרדעס, און דערפאַר וויל ער עוקר מן השורש זיין די טרעגער פון דער רעליגיעזער הויכער וועלט־אַנשויונג.

אַ רעליגיעזע וועלט־אַנשויונג איז דער ליכטורעם, צו וועמען די נאַציע אָדער די מענטשהייט ווענדט זיין בליק אין מאָמענטן פון דערהויבונג, פון אינדיווידועלער אָדער קאָלעקטיווער עלית־נשמה; די פילאָזאָפיש־רעליגיעזע וועלט־אַנשויונג איז דאָס ליכט, וואָס באַלייכט די העכערע ספערן פון אונ־דזער באַוווסטזיין, און נאָר יחידי־סגולה ווערן דירעקט באַשטראַלט פון דעם ליכט.

די ברייטע פאָלקס־מאַסן נייטיקן זיך דערפאַר אין קלאָרע גרונט־פּרינ־ציפּן און רעגולאַציעס, וועלכע זיינען די פּראַקטישע פאַרקערפּערונג פון דער פילאָזאָפיש־רעליגיעזער וועלט־אַנשויונג — וואָס קאָנען בדרך כלל קלאַסיפיצירט ווערן אין: עטישע גרונט־פּרינציפּן, סאָציאַלע געזעצגעבונג און רעליגיעזע געזעצגעבונג.

דער פּלאַץ דאָ איז צו קורץ אַריינצוגיין באַריכות אין אַן אַנאַליטישער צעגלידערונג פון אונדזערע עטישע פּרינציפּן, בכדי צו באַווייזן זייער הויכן ניווֹאָ. גענוג אונטערצושטרייכן, אַז די עטישע פּרינציפּן פון „ודל לא תהדר בריבו" (דו זאָלסט דעם אָרעמאַן ניט באַשיינען אין זיין קריג) איז, לויט דער גערעכטער באַהויפּטונג פון דעם באַוווּסטן פאָרשער אברהם גייגער, די פאַר־קערפּערונג פון דעם אידעאַל פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט, און די עטישע פּרינציפּן פון „חקה אחת לגר ולאזרח הארץ" (איין געזעץ פאַר דעם פרעמדן און דעם בירגער פון לאַנד) „ואהבתם את הגר" (איר זאָלט ליבן דעם פרעמדן) זיינען נאָך אַלץ מער עטישע וויזיע ווי עטישעווירקלעכקייט.

דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן אונדזערע סאָציאַלע געזעצן. מיר וועלן נאָר דערמאָנען איין צווייג פון דער יידישער סאָציאַלער געזעצ־געבונג, און אויך נאָר ברמז, נעמלעך: צדקה. אונדז דאַכט זיך, אַז דער תלמודישער פּרינציפּ פון „כופין לצדקה", מ'קאָן צווינגען דעם יחיד און דעם ציבור צו דערפילן זיינע סאָציאַלע פליכטן צו זיין מיטמענטש, איז נאָך אַלץ אַ שטרייטפּונקט אַפילו אין אונדזער דעמאָקראַטישער און ליבעראַלער אַמעריקע.

אונדזערע סאָציאַלע געזעצן פון שמיטה און יובל, וועלכע האָבן באַ־צוועקט צו ברענגען די געזעלשאַפט צו קלאַסן־גלייכהייט זיינען נאָך איצטער מער אוטאָפּיע ווי ווירקלעכקייט.

אונדזערע ספּעציפישע רעליגיעזע געזעצן זענען געווען די דירעקטע אויסשטראַלונג פון אונדזער פילאָזאָפיש־רעליגיעזער וועלט־אַנשויונג פון אַ הויכער מדרגה.

די יידישע קולטור האָט אין פאַרלויף פון איר לאַנגער געשיכטע מיט־געמאַכט אינערלעכע ראַנגלענישן, ווי צום ביישפּיל: דער קאַמף צווישן די פרושים, צדוקים און אסיים, וועלכער איז געווען אַ סאָציאַל־פּאָליטישער קאַמף מיט אַ שטאַרקן קולטורישן אונטערשלאַק: די פרושים האָבן געוואָלט, אַז דער יידישער שטאַט זאָל זיין אַ רעליגיעז־עטישער, די צדוקים — אַ סעקולאַר־מיליטעריש־פּאָליטישער שטאַט, און די אסיים — אַן אוטאָפּישער מלכות־שדי־שטאַט.

דער אָנהויב פון דעם קאַמף איז נאָך פאַרגעקומען אין דער חשמונאים־עפּאָכע, אָבער דעמאָלט האָט ער געהאַט אַן אַנדערן פּרצוף: דער קאַמף

צווישן דער העלעניסטישער געצנדינערישער וועלט־אַנשויונג און דער יידי־שער מאָנטעיסטישער וועלט־אַנשויונג.

די קאַמפן צווישן די חסידים און די העלעניסטן, די פּרושים, צדוקים און אסיים, האָבן זיך געענדיקט מיט דעם פולקומען נצחון פון די פּרושים, און די יידישע קולטור נאָך אין ארץ־ישראל האָט אָנגעהויבן צו ציען איר יניקה, בעיקר, פון יידישן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. די יניקה פון היים־באָדן ווערט בהדרגהדיק שוואַכער און שוואַכער ביז זי פאַרשווינדט אין גאַנצן נאָכן חורבן בית־שני, אָדער ווי אייניקע היסטאָריקער באַהויפּטן, ערשט נאָך דער מחמדאַנישער אינוואַזיע, וועלכע איז פאָרגעקומען אין זיבעטן יאָר־הונדערט.

די יידישע קולטור אין אַלע גלותן, האָט געצויגן איר יניקה פון אויס־געטרוימטן היים־באָדן פון דער „ארץ־ישראל של מעלה" וואָס אונדזערע עלטערן האָבן איבערגעפלאַנצט אין די פּסיכישע ספערן פון זייער לעבן און פון דעם אייגנאַרטיקן, טיף פאַראַנקערטן רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, וועלכן זיי האָבן אָפּגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג.

די וווּנדערבאַרע אייגנשאַפט, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן זיך דער־וואָרבן אין גלות, קאָן פאָרמולירט ווערן אין פאָלגנדיקן זאַץ: מאַטעריעלע איינגעוואָרצלקייט אין פרעמדן באָדן און גייסטיקע אויסגעוואָרצלקייט פון אים דורך דער אָפּהיטונג פון אייגנאַרטיקן לעבנסשטייגער. דאָס האָט גורם געווען, אַז מיר זאָלן זיך ניט באַגנוגענען נאָר מיט אונדזער אַלטער קולטור־ירושה, וועלכע האָט אונדז באַגלייט אין אַלע גלותן, נאָר שאַפן אין דער פרעמד קולטור־אוצרות, וועלכע זיינען אַ דירעקטער המשך פון אונדזער קולטור־ירושה און זענען מיט דער צייט געוואָרן די העכערע עטאַזשן פון אונדזער קולטור־בנין ווי למשל: דער תלמוד־בבלי, די יידישע פילאָזאָפיע, די קבלה, די מיטלאַלטערלעכע פּאָעזיע און חסידות. אַפילו אונדזער מאָ־דערנע ליטעראַטור אין העברעיש און אין יידיש איז אַ דירעקטער פּועל־יוצא פון אַ פעסטן רעגולירטן יידיש־רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, און אירע צווייגן שטאַמען פון דעם אַלטן קולטור־שטאַם, דער תנ"ך.

אין פאַרלויף פון די דורות זיינען ביי אונדז פאָרגעקומען אינערלעכע און אויסערלעכע קולטור־ראַנגלענישן און קאַמפן; אין אייניקע יידישע צענטערן האָט די פרעמדע סביבה־קולטור אויסגעיִבט אַ מעכטיקן איינפלוס

אויף דער אַנטוויקלונג פון אונדזערע קולטור־שאַפונגען, זי האָט זיך אַריינ־געריסן מיט שטורעם און באַשאַפן אַ מעכטיקן ריס אין אונדזער פאָלקס־פסיכיק, ווי למשל, אין שפּאַניע און איטאַליע. אין אַנדערע צענטערן, ווי צום ביישפּיל, אין פראַנקאָ־גערמאַניע, האָט די פרעמדע סביבה ניט אַזוי מעכטיק באַאיינפלוסט אונדזערע קולטור־שאַפונגען, אָבער סיי אין שפּאַניע און סיי אין פראַנקאָ־גערמאַניע האָבן מיר אָפּגעהיט אונדזער רעליגיעזן לעבנס־שטייגער, אויב ניט וואָלטן מיר ניט געווען מסוגל צו שאַפן אין דער פרעמד קולטור־אוצרות, וועלכע זיינען אַ המשך פון אַלטן קולטור־שטאַם, אַן זיי וואָלטן מיר געשטאָרבן אַ מיתת־נשיקה פון אַסימילאַציע.

אין די לעצטע עפּאָכעס פון אונדזער געשיכטע איז געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו פון פאַרשידענע גרופּן אָפּצוהאַקן די וואָרצלען פון אונדזער קולטור־שטראָם און צו באַשאַפן אַ סעקולאַרע קולטור, וואָס ציט איר יניקה פון פרעמדע קולטורן, וואָס האָט קיין שייכות ניט מיט אונדזער ספּעציפישער פילאָזאָפיש־רעליגיעזער וועלט־אַנשויונג און על אחת כמה וכמה ציט זי ניט קיין יניקה פון אונדזער טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן לעבנס־שטייגער. האָט זיך דער פּרווו טאַקע געענדיקט מיט אַ שרעקלעכער פיאַסקאָ, און ס'הערן זיך שוין איצטער געציילטע שטימען: השיבנו נאַזאַד! לאָמיר זיך צוריקקערן צו דער יידישער רעליגיע, אָבער מיט תנאים: מיר וועלן זיך אויסקלייבן צוויי אָדער דריי אַלטע אמתן פון אונדזער פילאָזאָפיש־רעליגיעזער וועלט־אַנשויונג, און דאָס איבעריקע „זרה הלאה!" וואַרף אַוועק!

ווילט זיך אויסשרייען צו אונדזערע נייע רעפאָרמער: לא זו הדרך! ניט דאָס איז דער וועג!

מיר זיינען ניט ביכולת מער זיך צופרידנצושטעלן מיט אַ „ירושלים של מעלה", ווי אונדזערע עלטערן האָבן דאָס געטאָן, ווייל מיר זיינען ניט געקנאָטן פון דעם זעלבן גייסטיקן טייג, וואָס זיי זיינען געווען געקנאָטן, מיר באַמיען זיך צו שאַפן אַ צענטער פאַר אונדזער קולטור, בכדי זי זאָל ניט זיין קיין „בריה ערטילאית" — אַ נאַקעט באַשעפעניש אָן וואָרצלען. מיר גלייבן און האָפן, אַז די באַנייונג און ווידערגעבורט פון אונדזער קולטור וועט קומען פון ציון, „כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים", אָבער אויך אין גלות טאָרן מיר ניט אויפהערן צו שאַפן, בכדי אונדזער נאַציאָנאַלע ענערגיע זאָל ניט אַטראָפירט ווערן און מיר זאָלן חלילה ניט אָפּשטאַרבן

אַ מיתת נשיקה אָדער אַ מיתת חניקה פון אַסימילאַציע אָדער פאַרפאָלגונגען.

ס'איז דעריבער אַ קאַטעגאָרישע נויטווענדיקייט צו באַנייען און פאַר־פעסטיקן אונדזער רעליגיעזן לעבנסשטייגער. אָן אים וועט אונדזער קולטור ניט האָבן קיין וואָרצלען.

קולטור איז אַן אָרגאַניש באַשעפעניש, און אָן יניקה פון שטאָם און פון אַ לעבעדיקער סביבה איז זי אַ מפיל־קינד, וואָס איז פאַראורטיילט צום טויט.

חשבון הנפש

דער קיום פון יידן און יידישקייט אין אַמעריקע איז אַ טעמע, וואָס ווערט דעבאַטירט כמעט תמיד אין די קרייזן פון באַוווּסטזיניקע יידן, הן אין פּריוואַטע שמועסן צווישן חברים און פריינד, הן אויף אונדזערע געזעל־שאַפטלעכע אסיפות.

די פראַגע וועגן יידישן המשך עקבערט אונדזערע מוחות, פייניקט און מאַטערט אונדז ביחידות, און פאָדערט פון אונדז אַ שטיקל חשבון הנפש.

אונדזערע עלטערן אין דער דיאַספּאָרע, כמעט אין אַלע לענדער, ווו עס זיינען געווען קאָמפּאַקטע יידישע ישובים, האָבן ניט אויפגעהערט צו שפּינען דעם גאָלדענעם פאָדעם פון אונדזער גייסטיקער ירושה. זיי האָבן באַרייכערט און פאַרטיפט די יידישע קולטור־אוצרות און זיי איבערגעגעבן זייערע קינדער, וועלכע האָבן זיי אָפּגעהיט ווי דעם שוואַרצאַפּל פון זייערע אויגן, באַנייט און באַפרוכפּערט, און דער יידישער המשך איז געווען אַ נאַטירלעכער פּראָצעס.

זיי האָבן ניט געפרעגט, ווי מיר, צי וועלן אונדזערע קולטור־אוצרות און נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס מיר האָבן געשאַפן מיט ליבע און מסירת נפש, אָפּשטאַרבן צוזאַמען מיט אונדז? זיי האָבן ניט געקוקט מיט טרויעריקע יידישע בליקן אויף די ספרים און יידישע ביכער און געפרעגט: וועמען לאָזט מען זיי איבער? ווו באַזאָרגט מען פאַר זיי אַ שטיקל היים? אָט קלאַפּט שוין דער טויט אין די פענצטער, און ס׳עקבערט די ביטערע פראַגע: וואָס וועלן אונדזערע קינדער טאָן מיט אונדזערע ספרים און יידישע ביכער?...

צי האָבן טאַקע אונדזערע עלטערן געשאַפן נייע גייסטיקע אוצרות אין דער דיאַספּאָרע? אפשר האָט די באַהויפּטונג ניט קיין היסטאָרישן אמת, און ממילא קיין יסוד ניט, ווי ס׳דענקען טאַקע אונדזערע געשווירענע נעגירער פון גלות?

זאָלן היסטאָרישע פאַקטן אָפּלייקענען די פאַלשע הנחה: מיר האָבן געשאַפן גרויסע קולטור־אוצרות אין גלות, פונקט אַזוי ווי מיר האָבן געשאַפן דעם תנ״ך און די משנה אין ארץ־ישראל, און די ערנסטע באַציונג פון פאָלק צו די גלות־שאַפונגען איז געווען ניט קלענער ווי צום תנ״ך און משנה. דער תלמוד בבלי, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין בבל, איז געווען הייליק און טייער, פונקט ווי דער תנ״ך, און האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף אונדזער לעבן, ניט נאָר אויף די תלמידי חכמים, וואָס האָבן אים שטודירט, געפאָרשט און דערקלערט, נאָר אויך אויף די ברייטע פאָלקס־מאַסן.

די רייכע, פאַרצווייגטע תנ״ך־פאָרשונג און פאַרטייטשונג (פרשנות המקרא) איז אַ גלות־פּראָדוקט, און אַ גרויסער חלק פון איר איז געוואָרן אָרגאַניש פאַרקניפּט און פאַרשלייפט מיטן תנ״ך, ווי למשל דער פירוש פון רש״י אויף דער תורה.

די יידישע טעאָלאָגיע און פילאָזאָפיע, וועלכע האָבן באַרייכערט און פאַרטיפט דעם יידישן געדאַנק אין מיטלאַלטער און האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע השפעה אויף אונדזער מאָדערנער פילאָזאָפיע און לעבן, זיינען געשאַפן געוואָרן אין פאַרשיידענע גלות־לענדער, ווי למשל: מצרים, שפּאַניע און דייטשלאַנד.

די קבלה העיונית — די טעאָרעטישע קבלה — מיט איר הויכן שווונג און פאַרנעם, און די פּראַקטישע קבלה, מיט איר פּאָעטיש־משיחישן דראַנג צו פאָלקס־דערלייזונג, האָבן זיך צעבליט אין די גלות־לענדער, און האָבן באַפרוכפּערט די יידישע קאָלעקטיווע נשמה.

די דינאַמיש־שעפערישע חסידות־באַוועגונג, וואָס האָט רעוואָלוציאָניזירט די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, האָט אין זיי געוועקט די כמעט אַטראָפירטע שעפערישע כוחות, און איר השפעה איז גרויס און מעכטיק אויף אונדזער ליטעראַטור און אויף אונדזער לעבן אפילו איצטער — איז, ווי באַוווּסט, אַ פּראָדוקט פון מזרח־אייראָפּעישן יידישן קיבוץ.

די השכלה־באַוועגונג, די מאַמע פון אונדזער מאָדערנער ליטעראַטור און אונדזער מאָדערנע ליטעראַטור גופא אויף ביידע לשונות — יידיש און העברעיש — איז אַ פּראָדוקט פון מערב און מזרח־אייראָפּעישע יידישע ישובים און קיבוצים.

וועלכע זיינען געווען די טרייב־כוחות, וואָס האָבן געשפּייזט אונדזערע

עמאָציעס און געדאַנקען, און אונדז באַשאַנקען מיט שעפעריש לעבן, קיום און המשך?

אַפילו וועלטלעכע יידן, וואָס האָבן אַ נעגאַטיווע באַציִונג צו רעליגיע און טראַדיציע, מוזן מודה זיין, אַז די יידישע אמונה, די אומבאַגרענעצטע ליבע צו תורה, די האָפענונג, אַז אַ נאַציאָנאַלער און טאָקע אויך אַן אוניווערסאַלער משיח, וועט זיי באַאחרית הימים באַפרייען פון זייערע פיזישע און גייסטיקע ליידן, — אָט די דריי גיגאַנטישע זיילן זיינען געווען דער לייכטטורעם, וואָס האָט באַשיינט און באַלויכטן די פאַרטונקלטע האָפענונג, באַפליגלט זייער שאַפונגס־פאַנטאַזיע און געשפייזט דעם קאָלעקטיוון רצון פון קיום און המשך.

ליידער זיינען די דריי זיילן זיך צעפאַלן אין די לעצטע דורות, און דער פועל־יוצא איז: די אַטראָפירונג פון קאָלעקטיוון לעבנס־רצון; אונדזער נאַציאָנאַל באַוווּסטזיין זשיפּעט קוים, און האָט אָנגעוווירן זיין דינאַמישקייט. יאוש, אָפּהענטיקייט און גלייכגילטיקייט הערשן אין אונדזערע קולטור־קרייזן.

די העברעיִשע און יידישע ליטעראַטור און פּרעסע, אין אַ קיבוץ פון פינף מיליאָן יידן, קייקלען זיך באַרג אַראָפּ. דאָס קליינע הייפעלע פון קולטור־שאַפער און קולטור־טוער איז פאַרצווייפלט, און האָט ניט דעם מוט צו זוכן אַ לייזונג פאַר דעם טרויעריקן מצב, און די לאַגע ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג.

גיט אַ קוק, וואָס טוט זיך אין דעם גרויסן יידישן קיבוץ פון לאָס־אַנגעלעס?

— די יידישע דינאַמישקייט איז אָפּגעשלאָסן אין דלד אמות פון צדקה — שפּיטאָלן, מושב־זקנימס און אַנדערע געביטן פון סאָציאַלער הילף. מ׳וואַרפט אויך צו קליינע סומעס פאַר יידישן חינוך; אַ ברירה האָט מען? דער עולם, כביכול, פאָדערט עס. מ׳שטיצט מדינת ישראל מיט דער ברייטער האַנט, אַפילו אירע קולטורעלע און דערציערישע אינסטיטוציעס. און געבענטשט זאָלן זיין די אַלע, וואָס טוען די וויכטיקע אַרבעט מיט ליבע און מסירת נפש. אָבער פאַר אייגענע קולטור־הצטרכותן האָט מען ניט קיין ברעקעלע פאַרשטענדעניש. מ׳פאַרלאָזט זיך אויף מדינת ישראל — זי וועט אונדז פאַרזאָרגן מיט קולטור. מ׳שטיצט זיך, כלומרשט, אויף דער אחד־העמיסטישער

טעאָריע, אַז ארץ־ישראל וועט ווערן דער גייסטיקער צענטער פאַר דעם גאַנצן פאָלק, אַפילו פאַר די יידישע קיבוצים אין דער דיאַספּאָרע. אירע באַנייטע און נייע קולטור־שאַפונגען וועלן שפּייזן די אויסגעהונגערטע, דור־שטיקע נשמות אין אַלע גלות־לענדער.

אַזאַ גרויסער יידישער קיבוץ ווי אין אונדזער שטאָט האָט ניט קיין יידיש וואָכנבלאַט און די איין־איינציקע יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבע איז דער „חשבון״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון אַ קליינער גרופּע שרייבער און קולטור־טוער, וואָס האַלטן זי אויף ביים לעבן מיט גרויס ליבע און מסירת־נפש, אַניט וואָלט זי שוין לאַנג אויסגעהויכט איר נשמה.

און וואָס הערט זיך עפּעס ביי מיינע חברים, די העברעער? דאָ, איז די לאַגע אַ סך ערגער. מ׳האָט אַפילו ניט די העזה צו חלומען וועגן אַ פּעריאָ־דישער אויסגאַבע, אַפילו ניט קיין יערלעכע. אויסער דער „מן המערב״, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך די תלמידים פון דעם אוניווערסיטעט פאַר אַקאַ־דעמישע יידישע לימודים, איז ניטאָ קיין העברעישע פּעריאָדישע שריפט אין אונדזער שטאָט.

און דער מענטשן־מאַטעריאַל פאַר אַזאַ שריפט איז דווקא דאָ. לאָס־אַנגעלעס האָט אַ פיינע גרופּע פון יידישע געלערנטע, וואָס קאָנצענטרירן זיך אַרום די דריי אַקאַדעמישע אַנשטאַלטן, ווי, דער אויבנדערמאָנטער אוני־ווערסיטעט פאַר יידישע לימודים, דער „קאָלעדזש פאַר יידישע לימודים״ און דער סעמיטישער פאַקולטעט פאַר מיטל־מזרחדיקע וויסנשאַפטן פון קאַ־ליפאָרניער אוניווערסיטעט.

וואָס איז די סיבה פון אַזאַ אַפּהענטיקייט ביי די העברעער? מ׳פאַרלאָזט זיך אויף מדינת ישראל — זי וועט אונדז שוין באַזאָרגן מיט קולטור.

אַז דאָס איז אַן אילוזיע, וואָס האָט קיין יסוד ניט, האָט שוין לאַנג באַוויזן דער דענקער יעקב קלאַצקין מיט לאָגישע אַרגומענטן, וואָס לאָזן זיך ניט אָפּפרעגן, ווי למשל — דער דייטשער גרויסער קיבוץ אין אַמעריקע, אין דער פאַר־היטלערישער עפּאָכע, האָט זיכער געקאָנט ציען זיין גייסטיקע יניקה פון דער דייטשער גרויסער און פאַרצווייגטער קולטור אין זיין גייס־טיקן צענטער, דייטשלאַנד, און דאָך האָט ער זיך אַסימילירט אין דעם אַמע־ריקאַנער שמעלצטאָפּ, ווייל ער איז ניט געווען שעפעריש דאָ אויפן אָרט.

ווי אַזוי קאָנען מיר גלויבן און חלומען, אַז מיר וועלן זיך שפּייזן מיט

די קולטור־אוצרות, וואָס שאַפן זיך אין מדינת ישראל, אויב מיר אַליין וועלן ניט זיין שעפעריש? ס׳איז אַ פאַלשע, שעדלעכע אילוזיע!

אויב וועגן אַ יחיד איז געזאָגט געוואָרן: „כי לא על לחם לבדו יחיה האדם״, דער מענטש קאָן זיך ניט אויסלעבן שעפעריש, אויב ער האָט ניט קיין גייסטיקע חיונה, — קאָן אַ ציבור זיכער ניט אויסלעבן זיך קאָלעקטיוו אָן קולטור־און ליטעראַטור־שאַפונגען. די יידישע געשיכטע באַשטעטיקט די הנחה, אין אַלע גלות־לענדער, ווו יידן האָבן אויפגעהערט צו זיין שעפעריש זיינען זיי פאַרוויאַנעט געוואָרן, און די שמד־מגפה איז זיך צעוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. די רייכע טעמפלען פון די מערב־אייראָפעישע יידן האָבן געפוסטעוועט און שדים האָבן דאָרט געטאַנצט. לאָמיר זיך ניט טרייסטן, אַז אונדזער כלומרשטער רעליגיעזער רענעסאַנס אין אַמעריקע וועט אונדז ראַטעווען פון אַסימילאַציע און אונטערגאַנג; דאָס זיינען פוסטע חלומות!

אָן אַ מעכטיקן קולטור־רענעסאַנס, וואָס זאָל באַפרוכפערן, באַרייכערן און פאַרטיפן אונדזער יידיש באַוווסטזיין, וועלן מיר אויך דאָ, אין דער פרייער דעמאָקראַטישער אַמעריקע, ניט האָבן קיין קיום, און דער גרויסער, רייכער, יידישער קיבוץ וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גולם, אַ גוף אָן אַ נשמה.

די סכנה איז גרויס, די אָפּהענטיקייט איז פאַטאַל. לאָמיר ערנסט טראַכטן און זוכן אַ רעטונגס־מיטל, ווי לאַנג ס׳איז נאָך ניט צו שפעט!

אינהאַלט

אַריינפיר־וואָרט פון מחבר 5

תנ״ך אוניווערסאַל און קלאַסיש

דער תנ״ך — אַן אוניווערסאַל און אייביק ווערק 9
די קינסטלערישע אייגנשאַפטן פון דער תנ״ך־דערציילונג . . . 14
מגילת רות 21

פון מיטלאַלטער

רבי יהודה הלוי 29
די מאָטיוון פון יהודה הלויס דיכטונג 39

דענקער און שאַפער פון חכמת ישראל

קלאַסיקער

ר׳ נחמן קראָכמאַל 63
חיים נחמן ביאַליק 73
ביאַליק שבעל פה 86
שאול טשערניכאָווסקי 91
דער אייביקער קאַמף (וועגן שהמס ווערק „אלהי ברזל לא תעשה לך״) . 99
אהבת הושע 106
שמעון גינצבורג — הומאַניטאַרער און סאָציאַלער דיכטער . . . 111
אברהם סולודאָרס שירים 115
דאָפלטער טרוים און דאָפלטע ריינקייט („חלום וגורל״ פון מ. פיינשטיין) 122

דיכטערינס

רחל — די דיכטערין פון גורל און ליידן 131
י. בת־מרים — די דיכטערין פון שטילן געבעט 139
אַנדה פינקערפעלד־עמיר —
די דיכטערין פון חייבלעכקייט און מוטערלעכקייט 147
אלישבע — די רות פון אונדזער צייט 153
מלכה חפץ־טוזמאַנס דיכטונג 158

דערציילער

די אַנטוויקלונג פון דער העברעישער פּראָזע 167
יוסף חיים ברענער 176
„אהבה זרה" פון אשר באַראַש 183
אַ קונסטווערק וועגן אַ טראַגיש יאָר (וועגן „1919" פון אַ. פריימאַן) . 188
אַ גאַליציאַנער פּאַנאָראַמע (וועגן „ממחוז הילדות" פון דוב שטאָק־סדן) . 193
שמעון האַלקין דער קריטיקער 198

פּאָרשער, פּובליציסטן

אַ פּובליציסטיש ווערק פון אַ באַקאַנטן געלערנטן 207
ד״ר שמואל פייגין 215
די יידן אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס־עפּאָכע 222
ד״ר מאיר וואַקסמאַנס „כתבים נבחרים" 227
וויליאַם נאַטאַנסאָנס בייטראַג צו דער יידישער קולטור 237

קולטור־פּראָבלעמען

אונדזערע קולטור־דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל 259
קולטור און שפּראַך 263
קולטור און לעבנסשטייגער 267
חשבון הנפש 273